STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06322

HUBELSHPENER

Ber Greenfield

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הובעלשפענער

אויטאביאגראפישע סקיצען
און געקליבענע שריפטען
פון
בראנזווילער סטאלער

א מתנה פון די פערזענליכע פריינד און פארעהרער פון דעם מחבר

ב. גרינפעלד

צו דער געלעגענהייט פון זיין פינף־און־זעכציגסטען געבורטסטאג

ארויסגעגעבען פון דער „בראנזווילער סטאלער שריפטען קאמיטע"

ניו יארק־לאס אנדזשעלעס

מערץ, 1933

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

זייט

א פּאָר ווערטער פון דער קאָמיטע 5
א וואָרט צו די לייענער 9

אויטאָביאָגראַפישע סקיצען

מיין פריהע יוגענט 12
דער פּאָגראָם 18
נאָכ'ן פּאָגראָם 26
„כל מקדש" 32
מיין נקמה אָן די קאַצאַפּעס 44
איך נעהם נקמה אָן אייגענעם טאַטען 50
אנטקעגען דעם וואָס איהר זאָגט „שנאה" 59
אָ, איהר „זיסע" קינדער־יאָהרען 65
מיר פאָהרען קיין אמעריקע 72
מיינע ערשטע צוויי „דזשאָבס" 84
ס'איז פאָרט דאָ א גאָט אויף דער וועלט 91
מיין ערשטער בריף צו דער מאַמע'ן 97
איך פארליר מיין דריטען „דזשאָב" 100
אין דער מעבעל־פאבריק 105
אין שיקאַגאָ 109

טיפּען, בילדער, פּעליעטאָנען, שטימונגען, שטיפעריי̈ען א. אז. וו.

מיין ווייב'ס חבר'טע 120
אלטע באקאנטע 125

זייט
סאָניע שפּיגעל 135
די אַלטע 141
מיין פאמיליע־דאָקטאָר 146
טאָלצע 149
וואָרט און קלאַנג 152
אין קארנעגיע האָל 155
דער פּיאניסט 160
צווישען די אקטען 165
פאַלשע טענער 168
מיין מזל 171
אנטקעגען דער זון 176
א מעשה מיט אן אָרים אינגעל 180
דער פרייער ווילען 182
די בלוטלאָזע רעוואָלוציע 186
דער קאַמף צווישען גאָט און שטן 191
י. ל. פרץ פאר׳ן כסא הכבוד 195
קראפאָטקין און לענין 201
וואס עס קאָן אלץ טרעפען 205
פעדלענדיג 209
קינד מיינס ! 212
די רויז וואס שטעכט און בלייבט גערעכט 214
און ער וואָרט 217
ווי אזוי איך בין געוואָרען א שרייבער 220

אַ פּאָר ווערטער פֿון דער קאָמיטע

מיר האָבען געהאַט בדעה צו ברעכען דעם מנהג ביי אַזעלכע געלעגענהייטען און אויסקומען אָהן אַ הקדמה אָדער איינלייטונג. וואָרים מיר האָבען געהאַלטען, אַז עס איז ניט נויטיג פֿאַר אונז זיך צו פֿאַרענטפערען אָדער ערקלערען פֿאַרוואָס מיר האָבען אונטערגענומען דאָס ארויסגעבען דעם דאָזיגען בוך וואָס איהר האַלט אין דער האַנט.

דאָס טוט דער שער־בלאַט, וועלכער דערצהעלט, אַז מיר, די פֿריינד פֿון דעם מחבר ב. גרינפֿעלד, די פֿאַרעהרער און אָפּשאַצער פֿון דעם הומאָריסט און פֿעליעטאָניסט „דער בראָנזווילער סטאָלער“, האָבען געפֿונען פֿאַר פּאַסיג איהם אויסצודריקען אונזער פֿריינדשאַפֿט, ליבשאַפֿט און אַנערקענונג ביי דער געלעגענהייט פֿון זיין 65טען געבורטסטאָג — און מיר האָבען קיין בעסערען אופֿן, ווי דאָס צו טאָן, ניט געקאָנט אויסקלערען.

עס איז אויך, שיינט אונז, איבעריג געווען פֿאָרצושטעלען דעם „בראָנזווילער סטאָלער“, וועלכער איז שוין באַקאַנט צו די אידישע לעזער פֿון פֿאַרשיידענע צייטשריפֿטען — ווי „קענעדער אָדלער“, „דעטראָיטער שטימע“, „קאַליפֿאָרניער שטימע“, „פֿריינד“ און אַנדערע; דערהויפּט דורך דער אַנאַרכיסטישער „פֿרייע ארבייטער שטימע“, וואו ער איז געווען כמעט אַ רעגעלמעסיגער מיטארבייטער פֿאַר מעהר ווי 30 יאָהר — דורך זיינע אויסגעצייכענטע, אייגענטימליך „בראָנזווילער סטאָלערשע“ סקיצען, בילדער, טיפּען, פֿעליעטאָנען, שטימונגען, בריוולעך און שטיפֿערייען, וועלכע האָבען איהם פֿאַרשאַפֿט אַ נאָמען.

אויב עס איז יאָ נויטיג געווען פֿאָרצושטעלען ב. גרינפֿעלד׳ן דעם מענשען, וואָס איז ג ע ו ו אָ ר ע ן דער „בראָנזווילער סטאָ־

לער״, און דערצעהלען ווי אזוי דאָס האָט פּאַסירט, האָבען מיר גע־רעכענט, אז אמבעסטען וועט עס טאָן ער אליין; און מיר זיינען געווען מעהר ווי צופרידען ווען ער האָט צוגעשטימט אָנצושרייבען ספּעציעל פאַר דעם בוך א רייהע אויטאָביאָגראַפישע סקיצען, וועל־כע האָבען דעם צוועק דערפילט, בעסער ווי ווער עס איז אנדערש וואָלט דאָס געקאָנט טאָן.

אָבער גראָד אָט דער דאָזיגער געלונגענער איינפאַל איז עס, וואָס האָט דערפיהרט דערצו, וואָס מיר קאָנען זיך ניט ארויסדרע־העז פון דעם אָנגענומענעם מנהג און זיינען געצוואונגען צו מאַכען די פאָלגענדע ערקלערונג און אנטשולדיגונג:

ערשטענס, ווילען מיר פאַרזיכערען אונזער יובילאַר, אז זיין מורא, אז נאָכדעם ווי מיר וועלען האָבען איבערגעלייענט זיינע אויטאָביאָגראַפישע סקיצען און דערוויסענדיג זיך ווער ער איז, וועלען מיר זיך גאָר דערווייטערען און אָפּטרייסלען פון זיין פריינד־שאַפט, די דאָזיגע מורא זיינע איז אינגאַנצען אָן אומבאַגרינדעטע.

דער רעזולטאַט איז פּונקט א פאַרקעהרטער; דוקא ערשט, האָבענדיג זיך באַקענט מיט דער סביבה און מיט די אומשטענדען, וואו ער איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען, איז ער ביי אונז אויס־געוואַקסען און טייערער געוואָרען.

וואָס פאַר א קונץ וואָלט עס געווען פאַר גרינפעלד׳ן צו זיין דאָס וואָס ער איז, ווען ער ווערט געבוירען און ערצויגען אין א רייכער מאַטעריעלער און גייסטיגער סביבה, אין וואוילטאָג און אין לוקסוס!

עס איז אָבער געווען שוין גאָר א גרויסער קונץ פאַר איהם זיך ארויסצוקראַבקען פון דער אָרימקייט און נויט און אומוויסענ־קייט, פון די „לעבעדיגע קלעפּ״ און „טויטע קללות״, וואָס ער שיל־דערט אזוי אויסגעצייכענט אין זיינע וועניגע אויטאָביאָגראַפישע סקיצען, און ווערען דאָס וואָס ער איז געוואָרען!

קיין צווייפעל ניט, אז אונזער פריינד גרינפעלד האָט ניט ווע־ניג צו פאַרדאַנקען, ווי זיין מאַמע האָט געגלויבט, דאָס וואָס ער איז געבוירען געוואָרען אין פּורים, מיט א פרעהליכען געמיט; און דאָס וואָס מיר רופען א ארטיסטישען חוש, מיט א קינסטלערישען געשמאַק; מיר זיינען אָבער זיכער, אז עס איז געווען מעהר ווי דאָס,

וואָס האָט איהם ניט דערלאָזט צו ווערען און בלייבען אן ערפאָלג־רייכער פעדלער, אָדער סתם „אַלרייטניק“. און אָט דער מעהר ווי דאָס איז געווען ער, ב. גרינפעלד אליין.

און אנטשולדיגען מוזען מיר זיך אַ פּאָר איהם, אַ פאַר די לעזער, וואָס צוליב די אויטאָביאָגראַפישע סקיצען זיינען מיר גע־בליבען מיט אַזויפיעל פון די אויסגעקליבענע זאַכען, וואָס האָבען געזאָלט אריין אין דעם בוך, וואָס וועלען באַלד זיין געננג, לפחות מעהר ווי א העלפט פאַר א צווייטען באַנד.

ווילען מיר אָבער האָפען, אַז דער דאָזיגער פעהלער וועט איינ־גיכען פארריכט ווערען, אויף אַן אופן וואָס מיר האָבען זיך פון אָנהויב ניט געריכט. נאָכאַלעמען איז אונזער „בראָנזווילער סטאָ־לער“ נאָך גאָר יונג; די בעסטע זאַכען זיינע, ווי ער זאָגט, האָט ער נאָך ניט געשריבען. און עס איז גאָר ניט אויסגעשלאָסען, אַז אויב עס וועט זיך ארויסשטעלען, אַז די אָפּגעדרוקטע ביכער וועלען גיך פארקויפט ווערען, זאָלען מיר קאָנען צוטרעטען צו דער ארויס־גאַבע פון א צווייטען באַנד.

מיר ווינשען דעריבער אונזער פריינד ב. גרינפעלד, צוזאַמען מיט זיין לעבענס־באַגלייטערין מאַלי, וועמען ער האָט גאָר־גאָר פיעל צו פאַרדאַנקען אין דעם וואָס ער איז געוואָרען דאָס וואָס ער איז, נאָך פיעל־פיעל יאָהרען פון געזונט און גליק, אַזוי אַז ער זאָל קאָנען פאָרטזעצען זיין נאָך וויים ניט פאַרענדיגטע ארבייט.

„די בראָנזווילער סטאָלער שריפטען קאָמיטע“.
מערץ, 1933.

די בראָנזווילער סטאָלער שריפטען קאָמיטע

ניו יאָרק

אײדא אבראמסקי
ס. אבראמסקי
אסתר איזאקאָוויץ
ד. איזאקאָוויץ
ל. אנציג
ב. בלאק
א. גאָלדוואַסער
א. גורין
טש. גוירש
מרס. גוירש
דר. ב. דובאָווסקי
ד. דיימאָנד
מרס. ק. הורוויץ
מאַני לייב
אײדא לעווין
מרס. ע. לערנער
סערע לעמאַנסקי
מרס. סיימאָן
א. סמיט
מרס. א. סמיט
ומ. עלשטיין
מרס. עלשטיין
מר. פלעקסנער
מרס. פלעקסנער
מרס. פאָבערעזקי
פ. צויזנער
יוסף קאהאן
הירש רייף
לינא ראָזען
י. ראדינאָווסקי
אנא ראפאָפאָרט
אנא ריטשמאן
מרס. שעפקאָוויץ

לאָם אנדזשעלעס

קראפאָטקין ליט. געזעל.
מענער בר. א. ר. 413

ב. איזגור
ה. באַראָן
דר. האָלץ
נחמן נאָרמאַן
ל. עלשטיין
מ. שערמאַן

קראפאָטקין ליט. געזעל.
פרויען בר. א. ר. 413־ב

עני איזגור
גאָלדע באראָן
מרס. מאָסקאָוויטש
פעני עלשטיין
ראָזע נאָרמאַן

לאָם אנדזשעלעס אידישער
קלוב

ס. אלטסבערג
פנחס בערמאַן
ד. גאָלדבלום
ש. עפשטיין

עקזעקוטיוו קאָמיטע

א. סמיט, משערמאן
אײדא אבראמסקי, סעק.
א. גאָלדוואסער, טרעזש.
ד. איזאקאָוויץ, קאָרעקטאָר
ס. אבראמסקי
ל. אנציג
מרס. ק. הורוויץ
י. ראדינאָווסקי

פאר אינפאָרמאציעס זיך צו ווענדען צו
IDA ABRAMSKY
1651 Fiftieth St., Brooklyn, N. Y.

א וואָרט צו די לייענער

אויב דאָס בוך האָט זוכה געווען צו דערזעהן די ליכטיגע וועלט, איז דאָס צו פאַרדאַנקען מיינע פערזענליכע אינטימע פריינד, וועלכע האָבען זיך אונטערגענומען (און דוקא אין אַזאַ שווערער צייט) אַרויסצוגעבען מיין ביסעל גייסטיג פאַרמעגען, וואָס איך האָב אין פאַרלויף פון יאָהרען אָפּגעשפּאָרט אין מיינע זעלטענע מאָמענטען פון רוה און יום־טוב׳דיגקייט.

די עטליכע „אויטאָביאָגראַפישע סקיצען“ האָב איך ערשט איצט געשריבען אויף דעם פאַרלאַנג פון מיינע פריינד. זיי, מיינע פריינד, האָבען געוואָלט וויסען: ווער בין איך? וואָס איז מיין יחוס? — מיינענדיג אַז איך וועל האָבען עטוואָס הומאָריסטישעם און פרעהליכעם צו דערצעהלען. איך, וויסענדיג גאַנץ גוט ביי זיך, אַז מיינע שריפטען קאָנען האָבען אַ קנאַפּען ליטעראַרישען ווערט, האָב פּרובירט מיינע פריינד אָפּרעדען פון דער אונטערנעהמונג; אָבער אומזיסט. זיי זיינען געבליבען איינגעשפּאַרט. און געהן זיך צעקריגען מיט לעבענס־לענגליכע פריינד צוליב אַזאַ קלייניגקייט, לוינט זיך ניט. האָב איך נאָכגעגעבען. איך האָב נאָר מורא, אַז נאָכדעם ווי זיי וועלען האָבען באַפרידיגט זייער נייגיריגקייט, נאָכדעם ווי זיי וועלען האָבען איבערגעלייענט מיינע גאָר ניט אינטערעסאַנטע אויטאָביאָגראַפישע סקיצען און זיך דערוואוסט ווער איך בין, וועלען זיי אפשר זיך גאָר דערווייטערען און אָפּטרייסלען פון מיין פריינדשאַפט.

דער אמת איז, אַז איך האָב אַ פּאָר פון די סקיצען געלייענט פאַר עטליכע פון מיינע פריינד אין מאַנוסקריפּט, און זיי זיינען געבליבען זיצען מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ און פאַרכמורעטע פּנימ׳ער, געבליבען זיצען ווי צעדרומשקעט. און ניט דערפאַר

וואָס זיי איז ניט געפעלען געוואָרען דער פשוט׳ער סטיל מיינער, אָדער די גרויע אָרימע פאַרבען, מיט וועלכע די בילדער פון מיין קינדהייט זיינען געמאָלען; נאָר מיר שיינט, אַז זיי זיינען געבליבען שאָקירט פון דער אָפענהאַרציגקייט, מיט וועלכער איך דעקאויף דאָס לעבען מיינס פאַר דער וועלט. עס ווייזט אויס, אַז די קאָנווענציאָנאַליטעט ליגט נאָך טיף איינגעוואָרצעלט אין דעם מענשען, און ס׳איז ניט אַזוי לייכט פון איהר זיך צו באַפרייען.

אויב איך קאָן ניט שטאָלצירען דערמיט וואָס איך שטאַם־אָפּ פון אַ משפחה פון פּראָסטע בעלי־מלאכות, און בין ערצויגען געוואָרען אין אַן אַטמאָספערע פון דחקות, קללות און קלעפּ, שעמען זיך מיט דעם — אַזוי שיינט מיר — דאַרף איך ניט. שעמען האָט זיך געמעגט דאָס וויסטע פינסטערע לאַנד, וואו מען האָט אונז פּאַגראָמירט און געיאָגט ווי ווילדע חיות, און ווי חיות באַהאַנדעלט... אָבער ניט דאָס בין איך אויסען.

איך וויל זאָגען, אַז אויב מיינע פריינד, וועלכע האָבען זיך אָנגעשטרענגט ארויסצוגעבען דעם בוך און מיר איהם אונטערטראָגען אַ מתנה צו מיין 65טען געבורטסטאָג, וועלען זיין אַנטוישט פון מיינע עטליכע סקיצען, ניט געפינענדיג אין זיי קיין „הומאָריסטישעס“ — פון וואָס צו לאַכען — וועלען זיי מיר מוזען מוחל זיין. וואָרים לאַכען האָב איך זיך ערשט אויסגעלערענט שפּעטער, ווען איך האָב זיך בּיסלעכווייז ארויסגעקראַבקעט פון דער טיפער פינסטערניש צום ליכט, אין דער זון פון וועלט און מענשען.

לאַכען האָב איך אָנגעהויבען, ווען איך האָב דערזעהן דעם גרעסטען פון אַלע רעטענישען — דעם מענשען; ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם גרויסען וואונדערליכען באַשאַף און געזעהן — ווי פון דעמזעלבען פיצעל ליים איז אויסגעקנאָטען אַן אָזעף און אַ טאַגאָר, אַ באָנטשע שווייג און אַ דזשאָן ד. ראָקעפעלער; ווען איך האָב דערזעהן, אַז די גרעניץ וואָס טיילט־אָפּ דעם מלאך פון דעם טייפעל, דאָס טראַגישע פון דאָס לעבערליכע, איז אַזוי קליין, אַזוי אומבאַדייטענד. ערשט דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבען צו לאַכען.

און איך וואָלט אַזוי אָפּגעלאַכט און אויסגעלאַכט מיינע לעצטע פאַר טעג אויף דאָס משוגע׳נע וועלטעל אונזערס. נו, זיינען געקור־

מען מיינע פריינד און מיר געבעטען שרייבען בילדער פון מיין קינדהייט, פון מיין יוגענט. און אז איך האב גענומען זיך גראבען אין מיין זכרון, האב איך אנגעריהרט א וואונד... און די גאנצע צייט וואס איך האב די זאכען געשריבען האט וועה געטאן... ס'איז ניט מעגליך געווען צו זיין געלאסען און אביעקטיוו... טא האט ניט קיין פאראיבעל, ליבע פריינד, אויב איך האב אייך אנטוישט.

פאר איין גאנג וויל איך אויסדריקען מיין באזונדערען הארציגען דאנק צו מיין ליבען חבר און פריינד דייוויד איזאקאוויץ, וועלכער האט זיך גענומען די מיה צוצוגרייטען צום דרוק די מאנוסקריפטען און אויסצוסארטירען די געדרוקטע זאכען, ווי אויך לייענען די פרופס און האט געטאן אלץ וואס ער האט געקאנט צו געבען דעם בוך וואס ליגט פאר אייך — דעם פנים וואס ער האט.

אייער פריינד

ב. גרינפעלד

דער בראנזווילער סטאלער.

יאנואר, 1933.

מיין פריהע יוגענט

געקומען אויף דערוועלט בין איך אין דעם שטעדטעל זשמערינקע, פּאָדאָליער גובערניע, אין דעם יאָהר 1868, דעם פערצעהנטען טאָג אין אדר. איז וועגען דעם יאָהר בין איך, איינגענטליך, ניט שטאַרק זיכער; מעגליך א יאָהר פריהער, און מעגליך א יאָהר שפּעטער; דערפאַר אָבער בין איך זיכער מיט'ן טאָג. וואָרים איך געדענק ווי די מאַמע מיינע, עליה השלום, פלעגט זיך באַריהמען, אַז דערפאַר בין איך אַזאַ פרעהליכער, ווייל איך בין געבוירען געוואָרען אום פּורים.

מיין טאַטענ'ס נאָמען איז געווען ישראל גרינפעלד. מיין מאַמע'ס מיידעלשער נאָמען איז געווען — גאָלדע קאַלכמאַן. קיין גענויע ידיעות וועגען דעם יחוס פון מיינע עלטערען זיינען צו מיר ניט דערגאַנגען. איך וויים נאָר, אַז מיין טאַטע איז געווען א סטאָלער בן סטאָלער; און מיין מאַמע, אַז זי פלעגט זיך אויסרעדען דאָס הארץ פאַר אימיצען, האָט שטאָלצירט מיט איהר יחוס, דערצעהלענדיג, אַז ווען זי זאָל ניט געווען בלייבען אַזאַ יונגע וויסטע יתומה, וואָלט זי, מאָלט אייך, ניט חתונה געהאַט מיט א פּראָסטען סטאָלער, וואָרים זי שטאַמט פון יאָשע זאַרידער'ס משפחה, שטאַמט זי. יאָשע זאַרידער, פון פּראָסקוראָוו, איז איהרער א לייבליכער פעטער. און אָט דער יאָשע זאַרידער האָט גע'שמ'ט אויף גאָר דער וועלט מיט זיין עשירות און מיט זיין יחוס. איין קלייניגקייט, דער פעטער יאָשע פון פּראָסקוראָוו! דער גרעסטער סוחר, דער גרעסטער גביר פון שטאָדט!

אין צייטען פון דרינגענדער נויט, געדענק איך, פלעגט טאַקע די מאַמע אריבערפאָהרען צו דעם דאָזיגען פעטער יאָשע'ן. זי פלעגט זיך דאָרט פאַרזאַמען עטליכע טעג אין פּראָסקוראָוו, און קומען אהיים מיט רויטע, פאַרוויינטע, אָנגעשוואָלענע אויגען און עטליכע

רובעל אין קעשענע... אָבער דאָס איז שוין ניט וויכטיג און האָט ניט צו טאָן מיט דעם ענין.

דאָס שטעדטעל זשמערינקע, א באַהן־סטאַנציע, געפינט זיך אויף דעם סאַמע מיטען וועג צווישען קיעוו און אָדעס, און צוליב דעם גרויסען באַהן־צענטער וואָס דאָרט האָט זיך אָנגעהויבען אַנט־וויקלען, איז דאָס אידישע שטעדטעל שנעל געוואַקסען. און אָט דאָרט האָבען זיך מיינע עלטערען באַזעצט קורץ פאַר מיין געבוירען ווערען.

ווי געזאָגט, מיין טאַטע איז געווען א סטאָלער, און א סך יאָהרען האָט ער געאַרבייט פאַר דער יוגאָ־זאַפּאַדנער אייזענבאַהן, אַלס אופּראַוולֶיאיושטשי, בויענדיג וואָקזאַלען און בודקעס פאַר די וועכטער פון דער אייזענבאַהן.

צוליב דעם דאָזיגען צוועק האָט איהם די אייזענבאַהן געזעל־שאַפט אָפּגעגעבען צוויי וואַגאָנען: איין וואַגאָן האָט געדינט אַלס מייסטערסקאַיאַ; דער צווייטער וואַגאָן איז געווען די פּריוואַטע דירה פאַר איהם און דער פאַמיליע.

דער וואַגאָן, וואו עס האָט זיך געפונען די „מייסטערסקאַיאַ“, האָט אויך געדינט אַלס קיך און שלאָפצימער פאַר די זעקס אָדער אַכט בעלי־מלאכות, פאַר וועמען מיין מאַמע, מיט דער הילף פון א דינסט, פלעגט דאַרפען צוגרייטען מאָלצייטען.

בסך הכל, האָט מיין מאַמע געבוירען ניט מעהר פון פערצעהן קינדער, פון וועלכע איך בין געווען דאָס ניינטע. די ערשטע זעקס קינדער זיינען אויסגעשטאָרבען קליינערהייט, טאָקע אין אָט דער „פּריוואַטער דירה“ אויף רעדער. די צוויי עלטערע וואָס זיינען לעבען־געבליבען, זיינען געווען מיידלעך, וועלכע זיינען אויך גע־באָרען געוואָרען אין דעם וואַגאָן.

דערפאַר, אז עס איז געקומען צו מיר, האָט די מאַמע מיינע זיך איינגעשפּאַרט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, און געזאָגט: „גענוג ארומגעפאָהרען! ס'איז צייט זיך צו באַזעצען אויף אָן אָרט און לעבען ווי מענשען“. און אזוי ווי אין זשמערינקע האָט דער טאַטע געהאַט זעהר א סך ארבייט, איז באַשלאָסען געוואָרען זיך דאָרט צו באַזעצען.

איין שעהנעם טאָג האָבען זיך א טוץ יונגע קאַצאַפּעס אוועק־

געשטעלט, אין דעם בעריאָזאָוועז וועלדעל ניט ווייט פון וואָקזאַל, מיט שאַרפע העק אין די הענט, און גענומען האַקען די הויכע, יונגע בעריאָזאָווע ביימער. און אין עטליכע וואָכען צייט איז דאָרטען, טאַקע אין מיטען פון דעם וועלדעל, אויסגעוואַקסען א גרויסע שטוב, וואוהין מיינע עלטערען האָבען זיך אריינגעקליבען. און אזוי שנעל ווי מען האָט צעלייגט דעם ערשטען פייער אין דער נייער ציגעלנער הרובע, אין דער נייער שטוב, האָב איך געלאָזט הע־רען מיין ערשטען געשריי, מיין ערשטען פראָטעסט־געשריי—למאי מען האָט מיך, אָהן מיין ווילען, אַהערגעבראַכט אין אָט דער „בעס־טער" פון אלע וועלטען!

עס פאַרשטעהט זיך, אַז האָבענדיג צוויי מיידלעך בין איך ביי מיינע עלטערען געווען אַן אָנגעלעגטער גאַסט. זיך דערלעבט א בן־יחיד, א קדיש.

אין עטליכע טעג ארום האָט דער טאַטע מיינער איינגעשפאַנט א פאָר גוטע קאַזיאָנע פערד אין דער בריטשקע און זיך אוועקגע־לאָזט קיין סטאַניסלאַווטשיק, א קליין שטעדטעל, אכט וויאָרסט פון זשמערינקע, און פון דאָרט אראָפּגעבראַכט א אידען מיט א לאַנגער באָרד און פאות. דער דאָזיגער איד האָט אין זיין בוזים־קעשענע געטראָגען באַהאַלטען א לאַנגען, שאַרפען מוהל־מעסער, פאר מיינטוועגען.

און אָט דער איד, וועמען מען האָט גערופען מוהל אנשטאָט גזלן, איז באַזעסען אזויפיעל געשיקטקייט און פעהיגקייט פאָר זיין פאַך, פונקט וויפיעל אברהם אבינו... און דער רעזולטאַט איז גע־ווען, אַז אין צוויי טעג ארום האָט מען געמוזט אראָפּברענגען א דאָקטאָר אַזש פון קיעוו. דער דאָקטאָר איז געווען אַן אַלטער דייטש מיט גרויע באַקענבערד — אזוי האָט די מאַמע דערצעהלט — און ער האָט אויף מיר געאַרבייט צוויי וואָכען צייט, ביז איהם האָט זיך ענדליך איינגעגעבען מיך ארויסצורייסען פון מלאך־המות׳ס הענט. „פריהער גאָט און דערנאָך דער אַלטע דייטש" — פלעגט די מאַמע, עליה השלום, זאָגען. אָבער ביז איך בין אַלט געוואָרען זיבען־אכט יאָהר בין איך געווען, א דאַנק אָט דעם חנ׳עוודיגען מוהל, א קרענקליכער, אדער ווי די ווייבער פלעגען עס רופען — אַן „אָנקרייטיגער", אַן אָרים־בלוטיגער. די מאַמע מיינע פלעגט

מיט מיר ארומפאהרען אומעטום, וואו זי האט נאר געהערט פון עפעס א „שפרעכבערקע“, א „זנאכבערקע“, און האט מיך געבאדען אין אלערליי קרייטעכער, געשמירט מיט אלערליי זאלבען, אזוי אז עס איז טאקע גאט׳ס וואונדער, ווי אזוי איך בין ארויס א לעבע־דיגער פון די אלע קוראציעס.

פטור געווארען פון די דאזיגע קוראציעס, האט זיך צו מיר א נעהם געטאן ניט קיין אנדערער ווי טאקע דער מעזשיבוזער רבי, ר׳ הערשעלע אליין, ביי וועמען די מאמע פלעגט טאגען און נעכ־טיגען מיט מיר.

בקיצור, ווי פלעגט די מאמע זאגען: פריהער גאט, דערנאך ר׳ הערשעל׳ן צו פארדאנקען — איך האב זיך בישלעכווייז ארויס־געקויבערט און אנגעהויבען פאפראווען, ווערען א שטיקעל מענש.

לײדער, האב איך, דער „בן־יחיד“, דעם טאטען קיין מזל ניט געבראכט. פארקעהרט, דער טאטע האט געגלויבט באמונה שלמה, אז זינט איך בין אויף דער וועלט געקומען האט עס איהם אנגע־הויבען געהן שלים־מזל׳דיג.

קודם האט ער פארלוירען זיין שטעל ביי דער אייזענבאהן; און אזוי ווי ער האט געהאט אפגעשפארטע עטליכע טויזענד רובעל, האט ער אנגענומען קאנטראקט־ארבייט, טאקע ביי דער אייגענער אייזענבאהן־געזעלשאפט, און כסדר דערלייגט געלד. אלס „פא־דראדטשיק“ און ניט מעהר קיין אנגעשטעלטער ביי דער אייזענ־באהן, האט ער געמוזט זיך ארויסציהען פון דער קאזיאנער דירה. האבען מיינע עלטערען געקויפט א צוויי־גארענדיגע שטוב אין שטעדטעל, אויף דער אידישער גאס. דעם אויבערשטען גארען האט מען פארדונגען צו א טשעך, וועלכער האט דארטען געעפענט א „טראקטיר“, און מיר האבען פארנומען דעם אונטערשטען גארען.

צו יענער צייט בין איך שוין געווען א בחור פון א יאהר זיבען, און שוין ניט מעהר קיין בן־יחיד, און די מאמע האט זיך געקליבען מיך שיקען אין חדר אריין. דערווייל האב איך זיך געשפילט אין דרויסען מיט קינדער און מיט אונזער שכנ׳ס, דעם טשעכ׳ס, קוד־ליאטען הונט, ראבטשיק.

דער דרדקי־מלמד, ר׳ מרדכי, א נידעריגער, שווארצער איד, מיט א שווארצער בארד און א געשטופעלטען פנים, איז געקומען

צו אונז אין שטוב, האָט מיך געקניפּען אין בעקעל, און די מאַמע האָט איהם שטאַרק געבעטען און פאַרזאָגט, ער זאָל מיך ניט שלאָגען, ווייל איך בין אן „אָנקרייטיגער", א שוואכער, און האָב אָפּגעקאַסט א פאַרמעגענס מיט געלט, איידער זי האָט דערלעבט צו זעהן מיך ארויסקריכען פון אלע צרות און שלעק.

איך האָב שוין אפילו געהאַט א נייעם גארניטער, וואָס דער שניידער „מאַטע קאַזאַק" האָט אויפגענייט פאר מיר צו געהן אין חדר—ווען אומגעריכט טוט פלוצלינג אונזער שכנ'ס, דעם טשעב'ס, קודלאַטער הונט א שפּרונג אויף מיר, וואַרפט מיך אום און בייסט מיר איין אין לינקען פוס.

און ווידער האָט די מאַמע מיינע געמוזט לויפען מיט מיר קיין קיעוו צו א גרויסען דאָקטאָר, וואו מיר זיינען אָפּגעזעסען גאַנצע דריי חדשים. און ערשט דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה פון מאָזלען און סקאַרלעטינע.

ענדליך, זייענדיג שוין באַלד ניין יאָהר אַלט, בין איך אָנגעקומען צו ר' מרדכי מלמד אין חדר.

מרדכי מלמד האָט אליין קיין עברי ניט געקענט; בסך־הכל איז ער אליין גאָר געווען א פּאַקען־טרעגער. ער פלעגט שלעפּען שווערע זעק מיט ווייץ אויף די פּלייצעס ביי די פּראַכט־שיפען אין אָדעס; נאָר אזוי ווי ער איז נעבעך געוואָרען געבריכט, און געהאַט דערצו א ווייב מיט זעקס קינדער מפרנס צו זיין, טאָ וואָס זשע האָט ער געזאָלט טאָן? האָט ער זיך קודם געלאָזט אַוועקקסען א לאַנגע, בכבוד'ע באָרד, פאַרלאָזען אָדעס, אוועק אין א קליין שטעדטעל וואָס הייסט זשמערינקע, וואו מען קען איהם ניט און מען וויים איהם ניט, און געוואָרען א מלמד. דאָרט האָט ער צוזאַמענגעשטעלט א חדר ווי עס איז פון אָרימע, בעלי־מלאכה'שע קינדער, און פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע.

און קאַשע האָט דער רבי מיינער, ר' מרדכי, ליב געהאַט, זאָל גאָט שומר ומציל זיין פון אזא ליבע צו קאַשע! ווער עס האָט איהם ניט געזעהן עסען קאַשע, דער האָט קיין שעהנס ניט געזעהן.

ר' מרדכי האָט געהאַט שעהנע, געזונטע ווייסע ציינער, וועלכע ער פלעגט באַנוצען צו אלע אין דער וועלט, אָבער ניט צו קאַשע. ווען ער איז געזעסען ביים טיש און געלערענט מיט די קינ־

דער פלעגט ער האלטען א שטיקעל האלץ אדער א שפענדעל אין מויל און כסדר דאס קייען און בייסען און רייסען; קוים אבער האט די קראנקע, דערשלאגענע רבי'צין איהם דערלאנגט די ערדענע שיסעל מיט קאשע, פלעגט ער דעם הילצערנעם לעפעל אריינרוקען טיף אין האלז און די קאשע ארונטערשלינגען, אזוי אז די צייהן האבען אפילו די קאשע ניט אנגעריהרט.

נו, איז אט דער געוועזענער פאקען־טרעגער געווען מיין ערש־טער און אויך דער לעצטער רבי. ביי איהם האב איך געלערענט א גאנצען זמן, און זיך אויסגעלערענט אביסעל דאוונען. האב געקלאפט מיט די ליפען ווערטער, ווי א פאפוגאי, ניט וויסענדיג זייער באדייטונג. ער האט מיר אויך אויסגעלערענט שרייבען דעם אלף־בית, וואס איז באשטאנען פון קאטשערעס און לאפעטעס, וועלכע איך האב קאפירט מיט גרוים התמהה און פינקטליכקייט... עס קאן זיין, ווען דער צורר היהודים איגנאטיעוו זאל זיך ניט געווען ארייג־מישען, וואלט מיין רבי ר' מרדכי געווען געמאכט פון מיר גאט וויסט וואס פאר א למדן. אפשר וואלט איך גאר געווארען א רב! אבער דער פארליעט איגנאטיעוו האט גענומען ארגאניזירען פאַ־גראמען אויף אידען — און האט פארזיגעלט מיין שיקזאל אויף אייביג.

דער ערשטער פאגראם איז פארגעקומען אין יעליסאוועטגראד; דער צווייטער אין באלטע; און דער דריטער—ביי אונז אין זשמע־רינקע.

נאכ'ן פאגראם האט מיין טאטע מיך אוועקגעשטעלט ביים ווארשטאט לערנען די מלאכה — סטאלעריי.

דער פּאָגראָם

דאָס איז געווען אין די אכציגער יאָהרען. אין דעם שטעדטעל זשמערינקע, פּאָדאָליער גובערניע, האָט זיך ארומגעטראָגען א קלאַנג, אז עס וועט זיין א פּאָגראָם. פרעמדע, פּארדעכטיגע פּארשוינען, באָסיאַקעס, האָבען זיך ארומגעדרעהט איבער די גאסען און זיך געשושקעט אין די אויערען, ווארפענדיג אויגען אויף די קלייטען און די הייזער.

ערשט ניט לאַנג צוריק איז פּארגעקומען דער ערשטער פּאָגראָם אין באַלטע, — דאָרט איז געווען דער אָנפאנג, — און די פּאָגראָמ־שטשיקעס גרייטען צו די פויערים פון די ארומיגע דערפער צו זיין מוכן ומזומן צו קומען — ווער מיט וועגענער, ווער מיט זעק — צו רויבען אידיש האָב און גוטס.

דאָס שטעדטעל איז געגאַנגען באַדאָראָם. אויפ'ן מארק זיי־נען געשטאַנען רעדלעך אידען און גע'טענה'ט, און זיך געהיצט, אז מען דארף אָרגאַניזירען א זעלבסט־שוץ, און מען דארף און מען דארף... אָבער געטאָן האָט מען גאָרנישט!

די נעכט זיינען געווען שרעקליכע, מורא'דיגע! מען האָט גע־ציטערט א פּיפּס טאָן, מען איז געלעגען גאַנצע נעכט אין די מלבושים און ניט צוגעמאכט מיט אן אויג.

דאָס שטעדטעל וואָלט זיך גאַנץ לייכט געקאָנט פּארטיידיגען געגען די עטליכע טוץ באָסיאַקעס און כוליגאַנעס, אָבער דער פּחד האָט אָפּגענומען דעם שכל און פּאראַליזירט די גלידער, ווי ביי צעשראָקענע האָזען.

איך בין דאַן אלט געווען גאַנצע ניין יאָהר, האָב פּארמאָגט צוויי ברידערלעך און דריי שוועסטערלעך איינגערע פון מיר, און צוויי שוועסטער עלטערע פון מיר, אחוץ, נאַטירליך, א בייזען טאַ־טען, וואָס פּלעגט אויסטיילען לעבעדיגע קלעפּ; און א מאַמען, וואָס פּלעגט ניט זשאַלעווען קיין טויטע קללות...

עס פארשטעהט זיך, אז איך, זייענדיג דער עלטסטער פון די בחורים, פּלעג אויסכאַפּען דעם גרעסטען חלק,—אי קלעפּ אי קללות,

— און קיין ברויט איז ניט געווען. איך בין ארומגעגאַנגען נאַקעט און באָרוועס, און דער „רבי" האָט מיך ארויסגעטריבען פון חדר, ווייל ער האָט געוואָלט איך זאָל ברענגען שכר־לימוד. דער טאַטע איז געווען א גוטער סטאָלער, אָבער א שלעכטער בעל־חשבון, האָט ער גאָר אָפט דערלייגט צו א שטיקעל ארבייט, און איידער די מאַמע האָט דערזעהן ביי איהם א קערבעל אויף שבת, זיינען איהר די אויגען ארויסגעקראָכען פון קאָפּ.... און דאָ האָבען אכט געזונטע, כסדר הונגעריגע מיילער, געבעטען עסען, געוויינט: עסען! געשריען: עסען! נו, האָט מען אונז געהאָדעוועט, ווי שוין געזאָגט, מיט לעבעדיגע קלעפּ, און טויטע קללות.

האָט גאָט געהאָלפען און עס איז געקומען דער פּאָגראָם!

געווען איז דאָס א שבת פּארנאכט, סוף זומער 1881. דעם גאַנצען טאָג שבת האָט מען געציטערט אונטער דער הויט און מען איז ארומגעגאַנגען ווי דערשלאָגענע, דער'הרג'עטע און מיט פאַרבראָכענע הענט. אזוי שנעל ווי עס איז טונקעל געוואָרען איינדרויסען און מען האָט אָנגעצונדען ליכט, האָט די מאַמע זיך אוועקגעזעצט זאָגען „גאָט פון אברהם" א פּארקלאָגטע, מיט טרערען אין די אויגען. ס'איז איהר נעבעך ביטער אויפ'ן הארצען. דער טשאָלענט איז געווען קאַלט, און דער בייזער טאַטע האָט איהר שיער ניט געוואָרפען דעם קאַלטען טשאָלענט אין קאָפּ אריין...

פּלוצלינג האָט זיך ווי א שטורעם פארבייגעטראָגען פאַרביי די אָפענע פענסטער א געשריי: „מען שלאָגט!!!" — א געשריי, וואָס איז געקומען ווי פון א געקוילעטען האלז. מענשען זיינען געלאָפען און געשריען: גוואַלד! מען שלאָגט!!!

„ביי יונה דעם וויינשענקער האָט זיך שוין אָנגעהויבען דער פּאָגראָם!" — האָט א איד געשריען מיט באַנומענע קולות און ערגעץ געלאָפען ווי א ווילבער.

דער טאַטע, א הויכער איד, מיט ברייטע פּלייצעס און א בלאָנדער, ברייט־צעקאָמטער באָרד, מיט צווייי לאַנגע, שטאַרקע אייזערנע הענט, איז געלעגען אויפ'ן בעט מיט צוגעמאכטע אויגען, ווען דער ווילדער, גריילצענדער געשריי: „מען שלאָגט!" האָט זיך פאַרבייגעטראָגען אונזער שטוב.

ער האָט זיך געטאָן א הויב, א כאַפּ געטאָן דעם ליילעך פון

בעט און גענומען פּאַקען דאָס בעטגעוואַנט. אין זיינע האַרטע, שטאָלענע אויגען האָט געברענט אַן אומהיימליך פייערל.

די מאַמע, מיט אַ פּנים פון אַ מת, האָט געכאַפּט דעם סאַמאָוואַר, די לייכטער און אַנדערע חפצים, און געוואָרפען אין אַ גרויסען זאַק אריין.

אין עטליכע מינוטען ארום זיינען מיר — זעקס קינדער, די פינף שוועסטער און איך — געשטאַנען באַלאָדענע מיט זעק אויף די פּלייצעס. דער טאַטע, מיט אַ שרעקליך גרויסען פּאַק בעטגעוואַנט אויף די פּלייצעס, איז געגאַנגען פאַראויס, די מאַמע מיט די צוויי קלענערע ברידערלעך פאַר די הענט איז געגאַנגען נאָך איהם, און מיר זעקס — הינטער דער מאַמען. געגאַנגען זיינען מיר שטיל און שטום, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, מיט שרעק אין די הערצער, אויף אַ שמאָלער סטעזשקע ארויף־באַרג, צום דאָרף, צו אַ באַקאַנטען גוי, אַ סטאָלער, וועלכער האָט אָפט געאַרבייט ביים טאַטען.

די קלומקעס האָבען מיר אָפּגעלייגט אין אַ שטאָל. דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען שטומע צוריק אוועק „אהיים", און מיר אַלע, 8 קינדער, האָבען זיך אויסגעזעצט ביים גוי'ס שטוב, אויף דער פּריזשבע, פון וואַנען מיר האָבען געקאָנט זעהן דאָס גאַנצע שטעדטעל, וואָס איז געלעגען אונטען אין טאָל.

די גרויסע, רויטע לבנה, וואָס איז נאָר־וואָס ארויסגעקומען — ווי צו באַטראַכטען די סצענע — האָט דאָס שטעדטעל פאַרצויגען מיט אַ ווייס־בלויען טומאַן, און צו אונזערע אויערען האָבען זיך דערטראָגען קולות אַלערליי — הורא־געשרייען אויסגעמישט מיט פאַרצווייפעלטע קולות פון אַגאַניע; גוואַלדיגע קלעפּ מיט שטעקענס און די בראַזגעריי פון צעבראָכענע פענסטער, אויסגעמישט מיט שיסערייען פון רעוואָלווערען; און ווידער אַמאָל הורא־געשרייען פון שיכור'ע כוליגאַנעס. אין צוגאָב האָבען זיך צעהאווקעט און צעוואָיעט די פויערשע הינט און פאַרשאַרפט דעם גרויל. און מיר, אַכט קינדער, זיינען געזעסען אויף דער פּריזשבע לעבען דעם גוי'ס כאַטקע אזוי ווי צוגעשמידטע, ווי פון ליים אויסגעקנאָטענע, ניט אַ ריהר געטאָן מיט אַן אבר, געקוקט מיט צעשראָקענע אויגען אויף די בלינקענדע פייערלעך, וואָס האָבען זיך געטוקט פון דעם טומאַן ארויס, און געשוויגען.

פון צייט צו צייט האָט א שפּרונג געטאָן א גרויסער פייער, באַגלייט מיט א ווילדען, שיכור׳ן הורא־געשריי. דאָס האָבען די כוליגאַנעס באַגאַסען סחורה מיט קעראָסין און אונטערגעצונדען.

אונזערע בעלי־טובה׳ס, דער גוי מיט זיין ווייב, זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען, לויפענדיג אלעמאָל מיט זעק אין שטעדטעל אריין, פון וואַנען זיי זיינען געקומען צוריק אָנגעלאָדען מיט סחורה, זיי אויסגעליידיגט און ווידער געלאָפען אין שטעדטעל אריין...

ווי לאַנג מיר זיינען אזוי געזעסען אויף אָט דער פריזשבע, געדענק איך ניט; איך געדענק אבער זעהר גוט, אז ווען מיר זיינען צוריקגעקומען אין שטעדטעל זיינען די גאַסען געווען באַדעקט מיט שניי... און כאָטש איך האָב געזעהן, אז דאָס איז ניט קיין שניי, נאָר פעדערן פון די צעריסענע קישענס און איבערבעטען, האָב איך אָבער פאָרט געהאַט דעם געפיהל, אז ס׳איז שניי... די טירען און פענסטער פון די הייזער זיינען געווען צעבראָכען.

שלמה קרישטאָל׳ס הויז, דאָס שעהנסטע און רייכסטע הויז אין שטעדטעל, האָבען די כוליגאַנעס אזוי חרוב געמאַכט, אז מעהר ווי די ווענט זיינען ניט געבליבען. שטיקער צעבראָכענע מעבל האָבען זיך געוואַלגערט אין די גאַסען.

אין אונזער שטוב האָבען די כוליגאַנעס צעבראָכען בלויז די פאָדערשטע טיר און אויסגעשלאָגען די פענסטער; אינעווייניג איז דער טאַטע געשטאַנען מיט א האַק אין די הענט און זיי ניט אריינגעלאָזען. אמת, ער האָט טייער באַצאָהלט דערפאַר, זיי האָבען איהם שטאַרק צע׳מזיק׳ט, אָבער ער האָט זיינס אויסגעפירט!

ווען איך בין אריין אין שטוב, האָב איך דעם טאַטען געפונען ליגענדיג אין בעט א קרעכצענדיגען, מיט אזא מין קרעכץ וואָס איז געווען עהנליך צו דעם ברומען פון א פאַרוואונדעטער חיה. זיין פּנים איז געווען ארומגעבונדען מיט א רויטער פאַטשיילקע, און די באָרד האָט ארויסגעשטעקט אזוי ווי א פאַרבויגענער בעזעם. זיינע מלבושים זיינען געווען פאַרבלוטיגט, און סמנים פון בלוט זיינען געווען אויפ׳ן דיל און אומעטום איבער׳ן שטוב, וואו עס איז געווען צו זעהן, אז א פאַרצווייפעלטער קאַמף איז דאָ פאָרגעקומען.

די עלטסטע שוועסטער, עלקע, האָט זיך גענומען פאַרען ארום

דעם קראַנקען טאַטען, און אונזער שכנה, חיה־איטע די קלעזמערקע, איז ארייננעלאָפען, מיך א כאַפּ געטאָן פאר דער האנט און געזאָגט: „קום, קום אלי־בער, מיט מיר, אין מארק אריין. מען האָט גע־בראכט עטליכע פוהרען מיט ברויט פון די ארומיגע שטעדטלעך, וועסטו אויך נעמען א פּאָר ברויטלעך, וועט זיין וואָס צו עסען.“

עסען? א מאָדנע זאַך! מיר אלע, די אַכט קינדער, האָבען פון נעכטען אָן ניט געהאַט געגעסען; און קיינער פון אונז, אפילו ניט די צוויי קליינע ברידערלעך, האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן וועגען עסען. נאָר אז די שכנה חיה־איטע האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „עסען“, האָב איך דערפיהלט א שאַרפען, נאָגענדען הונגער. קומענדיג אין מארק האָב איך דערזעהן לעבען א צעשטערט קליי־טעל, ליגענדיג שטיקלעך באָקסער. אינסטינקטיוו האָב איך זיך אָנגעבויגען, א כאַפּ געטאָן א פּאָר שטיקלעך און איינגעביסען; אבער נאָך איידער איך האָב דעם ערשטען קיי געטאָן, האָב איך דעם באָקסער אויסגעשפּיגען, דערשפּירענדיג דעם ריח פון קעראָסין.

אויפ'ן וועג האָט מיר חיה־איטע דערציילט, אז די מאמע איז נאָך פאַרטאָג אוועקגעפאָהרען קיין פראָסקוראָוו צום פעטער יאָשע'ן, כדי ביי איהם „אויסצואָווינען“ עטליכע רובעל אויף צו קויפען א קאַסטען גלאָז. די ביטערע נויט האָט דער מאַמען אויסגעלערענט זיין א גלעזערקע, א „מלאכה“, פון וועלכער זי פלעגט פון צייט צו צייט פאַרדינען עטליכע גראָשען, — נו, איז איהר איינגעפאַלען דער „גליקליכער“ געדאַנק: איינצוקויפען וואָס גיכער א קאַסטען גלאָז, איידער עס וועלען זיך אָנלויפען די גלעזער פון די ארומיגע שטעדט־לעך, וועט זי אפשר פאַרדינען עטליכע רובעל, וואָרים אין גאַנצען שטעדטעל איז דאָך ניט פאַרבליבען איין גאַנצע שויב.

מיט וועמען איז די מאַמע געפאָהרען קיין וואָראָשילאָווקע? מיט'ן פעטער חיים'ען, דער מאַמע'ס ברודער, א געוועזענער גלעזער, וואָס איז איצט געווען א קצב. און אזוי ווי ער איז געווען א גרוי־סער קבצן לא עליכם, און געשטאָרבען פון הונגער מיט ווייב און קינדער, האָבען דארום ברודער און שוועסטער אָפּגעמאַכט צווישען זיך בשותפות צו באַגלאָזען די שטעדטעלשע פענסטער, אדער אזוי־פיעל וויפיעל עס וועט מעגליך זיין, איידער די גלעזער פון די ארו־מיגע שטעדטלעך וועלען זיך אָנלויפען. און פאַרטאָג, ווען די זשאַנ־

דאַרען האָבען כלומשרט צעטריבען און לפנים אַרעסטירט עטליכע פּאָגראָמשטשיקעס, זיינען דער פעטער חיים מיט מיין מאַמען אַראָפּ פון דעם בוידעם, וואו זיי זיינען געלעגען באַהאַלטען, געקראָגען ערגעץ אַ פערד־און־וועגעל און מיט אַלע כחות זיך געיאָגט קיין וואָראָשילאָווקע, כדי — ווי חיה־איטע זאָגט — אויסצואווייגען ביי דעם פעטער יאָשע׳ן עטליכע רובעל צו קויפען אַ קאַסטען גלאָז, — אַז ניט וועט אויסקומען כאָטש אָנטאָן אַ טאַרבע און גיהן איבער די הייזער...

מילא בקיצור: דאָס מאָל האָט גראָד ניט גענומען לאַנג און דער פעטער יאָשע האָט דער מאַמען געגעבען 15 רובעל. און נאָך דעם זעלבען טאָג, באַלד נאָך מיטאָג, זיינען שוין דער פעטער חיים מיט דער מאַמען געווען אויפ׳ן וועג צוריק אַהיים קיין זשמערינקע, אָנגעלאָדען מיט אַ גרויסען קאַסטען גלאָז און מיט קרייד און אויל צו מאַכען קיט, כדי צו פאַרקיטעווען די אַריינגעשטעלטע שויבען.

אויפ׳ן וועג אַהיים האָבען ברודער און שוועסטער געשמועסט וועגען די אויסזיכטען צו פאַרדינען עטליכע קערבלעך פון אָט דעם גרויסען אידישען אומגליק. זיי האָבען געפּלאַנעוועט ניט צו פאַר־לירען קיין צייט, נאָר באַלד ווי מען וועט קומען אַהיים, אפילו ווען מען זאָל דאַרפען אויף־זיין די גאַנצע נאַכט, זיך נעהמען צו צערייבען די קרייד און פאַרטיג מאַכען דעם קיט, כדי מאָרגען גאַנץ פריה צו קאָנען אַרויסגעהן אין גאַס. דער ערשטער קונד וועט מסתמא זיין שלמה קרישטאָל, דער גרעסטער גביר פון שטעדטעל. דערנאָך וועט מען דאַרפען געהן צו שלמה שייגעץ, אויך אַ גביר, און אַזוי כסדר — געהן פאַרכאַפּען די קונדען איידער די גלעזער פון די אַרו־מיגע שטעדטלעך וועלען זיך אָנלויפען.

פלוצלינג האָבען זיי דערהערט אַ ווילדען שיכור׳ן וואָיענדיגען געזאַנג זיך טראָגען פון וועג, פון יענער זייט באַרג. זיי זיינען גע־בליבען זיצען מיט פאַרשטאַרבענע הערצער און זיך אָנגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגען. דאָס פערדעל איז געבליבען שטעהן. אַ מינוט איז געווען שטיל. פוןביידע זייטען וועג זיינען געווען אויסגעשפּרייט ברייטע, שטעכיגע, געלע פעלדער פון אָפּגעשניטענעם ווייץ. הויכע קופּעס שטרוי זיינען געלעגען צעוואָרפען איבער די פעלדער און געוואָרפען לאַנגע שאָטענס הינטער זיך בעת די זון איז שוין געווען

העטזהעט פון יענער זייט בארג. און עס האָט גענומען בלאָזען א קיהל צפון־ווינטעל און דערמאָנט אז דער אָסיען קומט אָן.

דאָס שכור'ע געזאַנג האָט זיך דערהערט נאָכאַמאָל, דאָס מאָל העכער און ווילדער, און פון שפּיץ בארג האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזען א גרויסער וואָגען מיט פיר פערד נאָשפּיץ, פליהענדיג אראָפּ בארג, גלייך אַנטקעגען דער מאַמען און דעם פּעטער חיים.

— חיים — האָט די מאַמע א געשריי געטאָן — חיים! דאָס זיינען נאָוואָבראַנצעס (רעקרוטען), אוי וועה איז מיר! חיים, מיר זיינען אומגליקליך; זיי וועלען אונז דער'הרג'ענען, חיים! גיכער, גיכער, לאָמיר ארונטערקירעווען פון וועג, און זיך באַהאַלטען הינטער א קופּע שטרוי. גיכער, חיים, ווי גאָט איז דיר ליב!

פון ביידע זייטען וועג זיינען אָבער געווען טיפע גראָבענס, איבער וועלכע ס'איז געווען אוממעגליך אריבערצופאָהרען מיט'ן וואָגען. דער פּעטער חיים איז געווען אזוי צעשראָקען און צעטומעלט, אז ער האָט זיך ניט געקאָנט ריהרען פון אָרט, און איידער ער איז אביסעל געקומען צו זיך זיינען שוין די נאָוואָבראַנטצעס געווען לעבען זיי און מיט ווילדע קולות געשריען: „הורא! זשידי! זשידי!" זיי האָבען איינגעהאַלטען זייערע פערד, געבליבען שטעהן, בעת דער פּעטער חיים האָט גענומען שמייסען און טרייבען דאָס פערדעל זיינס מיט אַלע כחות.

— „סטאָי, זשיד פּארכאטי!" — האָבען די נאָוואָבראַנטצעס געדונערט. אָבער דער פּעטער חיים האָט ניט געהערט און געשמיסען דאָס פערדעל מיט אַלע כחות. די נאָוואָבראַנטצעס האָבען אויסגעקירעוועט זייער וואָגען און גענומען יאָגען זיך נאָך אונז.

— חיים! זיי יאָגען אונז נאָך; בעסער האַלט איין, לויף ניט. זיי וועלען אונז סיי־ווי־סיי באַלד דעריאָגען — האָט מיין מאַמע גע'טענה'ט צו מיין פּעטער און ארויסגעריסען ביי איהם די בייטש פון האַנט, איינגעצויגען די לייצעס און אָפּגעשטעלט דאָס פערד.

— גאָלדע, וואָס מוסטו? — האָט דער פּעטער חיים געשיפּעט — זיי וועלען אונז דער'הרג'ענען!

אָבער איידער די מאַמע האָט צייט געהאַט עפּעס צו ענטפערען זיינען שוין צוויי שיכור'ע שקצים ארויפגעשפּרונגען אויף די רעדער פון ביידע זייטען וואָגען און א געשריי געטאָן: „פּארשיווי

זשידי! „דאוואי דיענגי!“ (פאַרכאַטע אידען, גיט געלט!) אַז די גוים האָבען אויסגעליידיגט דער מאַמע'ס און דעם פעטער חיים'ס קעשענעס און מעהר ווי אכציג קאָפּיקעס ניט געפונען, האָבען זיי אויסגעשאָטען א פאַרציע קללות, טאקע ווי נאָוואָבראַנטצעס קאָנען... ארונטערגעשפּרונגען פון וועגעלע און אָנכאַפּענדיג פאר די צוויי הינטערשטע רעדער האָבען זיי איהם איבערגעקעהרט גלייך אין גראָבען אריין!

דער מאַמע'ס הימעל־שפּאַלטענדע קולות, צוזאַמען מיט דער בראַזשגעריי פון דעם צעבראָכענעם קאַסטען גלאָז, האָט זיך אויסגעמישט מיט די שיכור'ע הורא־געשרייען פון די נאָוואָבראַנטצעס וועמען דער איינפאל פון זייערע חברים: איבערצוקעהרען דאָס וועגעלע, איז זעהר געפעלען געוואָרען.

אָט די דאָזיגע פאַרצווייפעלטע קולות פון מיין מוטער פון איין זייט, און די ווילדע געשרייען און געלעכטערס פון די שיכורים פון דער צווייטער זייט — ווען א בעטהאָווען אָדער א וואַגנער זאָל זיי געוועזען הערען און צוזעהן די סצענע — צי וואָלטען זיי ניט געקאָנט פארפאַסען א סימפאָניע, אָדער אן אָפּערא, וואָס קריטיקער וואָלטען אָפּגעשאַצט אלס דער גרעסטער אוצר פון „מאָדערנער קולטור“...

די מאַמע, פארשטעהט זיך, איז געבליבען ליגען א צום טויט גע'חלש'טע, און דער פעטער האָט איהר געמוזט נעהמען מינטערן. ווען זי האָט געעפענט די אויגען און א קוק געטאָן אויף איהר ברודער, האָט זי א געשריי געטאָן געוואַלד! און ווידער גע'חלש'ט.

די נאָוואָבראַנטצעס, נאָכדעם ווי זיי האָבען איבערגעקעהרט דאָס וועגעל, האָבען זיי קודם איבערגעשניטען די רימענס פון שפּאַן, באַפרייט דאָס פערדעל (טאָקע, פאַרוואָס זאָל אן אומשולדיג פערדעל דאַרפען ליידען צוליב פאַרכאַטע זשידעס?), אונטערגעבריקעט איהם מיט די פיס און איהם געלאָזט לויפען. דערנאָך האָבען זיי זיך א נעהם געטאָן צום פעטער, איהם אויסגעצויגען אויף דער ערד, מיט א שאַרף קניפּעקעל איהם אָפּגעשניטען די לאַנגע, גרויע באָרד און זי איהם אריינגעשטופּט אין בוזעם אריין. און שטארק צופריידענע האָבען זיי כאָכאָטשענדיג צו איהם געזאָגט: „נאַ זשידיק! ברענג עס דער וייב א מתנה!“

נאָכ'ן פּאָגראָם

עטליכע טעג איז דאָס שטעדטעל געלעגען אזוי ווי אין א הינער־פּלעט. מענשען זיינען אומגעגאנגען ווי שאָטענס, שטום און דער־שלאָגען, מיט פּנימ'ער שווארץ ווי די ערד.

אזוי ווי די מוראשקעס, ווען אימעצער צעשטערט זייער מורא־וועניק, וואָס שלעפּען זיך ארום א ווײַלע אָהן ענערגיע, אָהן חשק, אָהן א פּלאַן.

אבער ביסלעכווייז איז מען געקומען צו זיך, דאָס לעבען האָט זיך אנגעהויבען אויפ'ס ניי, מיט זיין פולער טעמפּאָ.

דער טאַטע האָט אָנגענומען א סך ארבייט ביי די רייכע בעלי־בתים — פאַרריכטען די הייזער און דאָס מעבעל — און ער האָט מיך אוועקגעשטעלט ביים וואַרשטאַט, לערנען די מלאכה.

די מאַמע האָט אפילו גע'טענה'ט, אז איך בין צו־יונג, צו־שוואַך, און איך זאָל בעסער געהן אין חדר; אָבער דעם טאַטענ'ס וואָרט איז געוועזען געזעץ: ביז פּאַסעמו! ער האָט אפילו אויף איהרע רייד און טענות ניט געענטפערט. וואָס ווייסט א אידענע, אימשטיינס געזאָגט?

ביים וואַרשטאַט בין איך געשטאַנען אין הוילע ציטערניש — און רק געהיט דעם טאַטענ'ס לאַנגע, שטאַרקע הענט... וואָס איך האָב געטאָן, האָט ניט געטויגט, און פאַר יעדע זאַך וואָס כ'האָב ניט ריכטיג געטאָן — צי איך האָב דעם קליי געקאָכט צו־דין אָדער צו־געדיכט, צי איך האָב דעם הובעל ניט ריכטיג אנגעשאַרפט — אָדער די מייסטערסקאַיאַ ניט ריכטיג אויפגערוימט — פאַר יעדער זאַך האָב איך געקראָגען א כמאַליע אין קאָפּ, פון וואָס עס פלעגט מיר פינסטער ווערען אין די אויגען און אָנהויבען קלינגען אין די אויערען, און די שטוב פלעגט זיך דרעהען ווי א קאַרוסעל...

עס זיינען אוועק עטליכע וואָכען, דער אָסיען איז געקומען, עס האָבען זיך אָנגעהויבען די רעגענס מיט די בלאָטעס. דער טאַטע האָט געארבייט, פאַררינכט הייזער און מעבעל, אָבער די בעלי־בתים האָבען ניט געצאָהלט. איידער די מאַמע האָט ארויסגע־קראַגען פון א בעל־הבית א קערבעל (זי פלעגט זיין די מאַנערקע), האָט זי זיך געדאַרפט שלעפען אין דער בלאָטע הונדערט מאָל.

און אז מען וויל ניט, אָדער מען קאָן ניט צאָלען — געפינט מען חסרונות אויף דער ארבייט... דאָס טויג ניט, דאָס איז ניט גוט געמאַכט, און דאָס איז גאָר אינגאַנצען איבערגעפיהרט.

און דאָ איז א פולע שטוב מיט קינדער, 3 גרויסע מוידען, אַלע נאַקעט און באָרוועס, און קיין ברויט איז ניטאָ, און קיין האָלץ צו הייצען דעם אויווען אויך ניט. דאָס ביסעל סטרוזשקעס, וואָס ס'קלייבט זיך אָן דורכ'ן טאָג, גיט א סמאַליע אוים איינס און צוויי, און אין שטוב איז קאַלט, נאַס און אומעטיג. אז די מאַמע קאָכט אָפּ א שיסעל קארטאָפּלעס, רייסט מען זיך איבער א קארטאָפּלע, ווי די הינט אין יאַטקע איבער א ביין.

* * *

ס'איז שבת פאַרנאַכט. איך זיץ ביי דער קאַלטער הרובע און צאַצקע זיך מיט א שפּאָגעל־נייעם ענגלישען מעסערל, וואָס איך האָב געפונען אויף דער גאַס באַלד נאָכ'ן פּאָגראָם. די טיר פון אַלקער, וואו דער טאַטע און די מאַמע ליגען אויף זייערע בעטען, איז האַלב אָפען, און איך הער וואָס זיי רעדען צווישען זיך.

— אזוי שנעל ווי מען וועט אָנצינדען ליכט — זאָגט די מאַמע — דאַרף מען זיך שטעלען שניידען וועניג פאַר די עטליכע רעמלעך, וואָס דער גוי האָט באַשטעלט איינצופאַסען הייליגע בילדער. מאָר־גען איז דער יאַריד; אז די רעמלעך וועלען זיין פאַרטיג, וועט מען ביים גוי קריגען דריי קערבלעך, וועט מען קויפען אביסעל מעהל און באַקען ברויט. — שוין צוויי וואָכען קיין ברויט ניט געבאַקען.

די מאַמע ווערט אנטשוויגען אויף א מינוט, און הויבט ווידער אָן:

— איך וויים גאָר ניט ווי אזוי איכ'ל זיך קאָנען שטעלען שניידען מיט דיר דעם וועניג, אז מיינע פים זיינען מיר געשוואָלען ווי צוויי קלעצער (די מאַמע פלעגט אלעמאָל העלפען דעם טאַטען

שניידען ווענֿיר. די זעג איז זעהר א גרויסע און עס פּאָדערט זיך צוויי מענשען צו שניידען ווענֿיר).

— אפשר זאָל איך אוועקשטעלען דעם „בחור“ ער זאָל מיר העלפען? — רופט זיך אָפּ דער טאַטע.

— „דעם בחור“ — קרימט איהם נאָך די מאַמע — אז אָך און וועה איז איהם, וואָס ער איז גאָר געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט... אינגאַנצען איז דאָס נאָך קיין 13 יאָהר ניט אַלט, האָסטו איהם שוין אוועקגעשטעלט ארבייטען! אין חדר געהט ער ניט — וואָס וועט פון איהם ווערען?

זי שווייגט א מינוט און רעדט ווייטער, מיט וועהטאָג אין קול:

— ער איז דאָך אויסגעדאַרט, אויסגעקוואַרט, אָהן א לויט פלייש אויף זיינע ביינער... און דו שלאָגסט און בריקעסט איהם... פאַר דער מינדסטער נאַרישקייט, איז —האַק! און נאָר אין קאָפּ אריין... וויפיעל מאָל האָב איך דיך געבעטען: גזלן, שלאָג ניט דאָס קינד אין קאָפּ אריין; ווערסט דאָך איהם דער'הרג'ענען!... ביי לייטען לייגט מען א קינד אריבער איבער דער קני און מען גיט איהם א פּאָר שמיצלעך אין הינטען; דאָ איז גאָט'ס צאָרען אויס־געגאָסען אויף מיר... האַקסט מיט די קולאַקעס דאָס קינד אין קאָפּ אריין... און ס'האָט גאָר ניט קיין גאָט אין הארצען! אוי, וואָס פאַר א וויסטע, פינסטער לעבען אויף מיר... ס'וואָלט שוין בעסער געווען דער טויט...

* * *

נאָך דער וועטשערע, וואָס איז באַשטאַנען פון אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפעל מיט א פּיצעל הערינג, האָבען מיר זיך אוועקגעשטעלט שניידען ווענֿיר.

כדי איך זאָל זיין אזוי הויך ווי דער טאַטע, צו קאָנען האַלטען די זעג אין גלייכגעוויכט, האָב איך געמאַכט אזא מין פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער איך האָב זיך ארויפגעשטעלט, און מיר האָבען אָנגע־הויבען שניידען. דער טאַטע שטופּט די זעג צו מיר, און איך שטופּ זי צוריק צו איהם, און מיט יעדען שניט וואָס די זעג גיט אין האַלז אריין לאָזט דאָס האַלז ארויס א געשריי, אזוי ווי פון א געקוילע־טער חיה.

דעם טאַטענ'ס פּנים איז אזוי ערנסט און שטרענג, און די אוי־

גען אזוי שאַרף אָנגעשטעלט אויף די שוואַרצע צייכענס פון דעם ברעטעל וואָס מיר שניידען, אַז איך האָב מורא צו קוקען אויף איהם... מיר שלעפּען און שטופּען די זעג מיט אַ געוויסען ריטם, און פון צייט צו צייט שרייט דער טאַטע אַריבער די קולות פון דעם האַלץ: „היט זיך. קריך ניט אַרונטער פון צייכען!... גולם! האַלט די זעג גלייך! מנובל, שטופּ ניט די זעג אָן אַ זייט!" און וואָס מעהר ער שרייט, אַלץ מעהר ציטער איך, אַלץ מעהר הויבט זיך מיר אָן דרעהען דער קאָפּ, און אַלץ קורצער ווערט מיין אָטעם. פּלוצלינג פאַרליר איך דאָס גלייכגעוויכט, טו אַ דרעהע די זעג אָן אַ זייט, און — קנאַק! אַראָפּגעבראָכען אַ שטיק ווענער.

דער טאַטע טוט אַ ברום ווי אַ לייב, גיט אַ וואָרף די זעג, טוט מיך אַ פּאַק מיט דער לינקער האַנט, גיט מיך אַ הויב־אויף אין דער לופט, ווי איך וואָלט געווען אַ שפּענדעל, און מיט דער רעכטער האַנט נעהמט ער האַקען אין קאָפּ... ביים צווייטען קלאַפּ האָב איך דערהערט דער מאַמע'ס געשרייען: „געוואַלד, געוואַלד! ראַטעוועט!" דער דריטער קלאַפּ און דער פערטער זיינען שוין געפאַלען ווייכער, ווייל די מאַמע האָט אונטערגעלייגט די הענט...

חיה־איטע די קלעזמערקע, אונזער שכנה, האָט דערהערט דער מאַמע'ס קולות, איז זי אריינגעלאָפען און ווי אַ צערייצטע טיגערין האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צום טאַטען און איהם דערלאַנגט אַזאַ שטופּ, אַז ער איז שיעור ניט אומגעפאַלען... דערנאָך האָט זי, חיה־איטע, מיך אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און אריינגעטראָגען צו זיך אין שטוב אריין.

די מאַמע איז געבליבען זיצען אויף דער פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער איך בין מיט אַ מינוט פריהער געשטאַנען און געשניטען דעם ווענער... דאָס פּנים האָט זי פאַרשטעלט מיטביידע הענט און געקלאָגט, אָט ווי מען באַוויינט ביי אידען אַ טויטען... בלוט האָט זיך איהר געגאָסען פון די אויגען — ניט קיין טרערען...

דריי טעג בין איך געווען טויב פון די קלעפּ, וואָס דער טאַטע האָט מיך מכבד געווען פאַר אָפּברעכען דאָס פאַרשאָלטענע שטיקעל ווענער... אין די אויערען האָט מיר גערוישט, אַזוי ווי איך וואָלט געזעסען ביים ניאַגאַראַ וואַסערפאַל. דער קאָפּ האָט מיר שרעקליך וועה געטאָן, און חיה־איטע די קלעזמערקע האָט מיר געלייגט קאַל־

טע קאָמפּרעסען צום קאָפּ, און בעת־מעשה געשאָלטען מיין טאַטען, צוזאַמען מיט איהר מאַן, יאָסעל טרובאַטש: „אז זייביידען מעג נאָר די הענט אָפּנעמען, טאַטע זיסער...“

* * *

חיה־איטע די קלעזמערקע איז געווען א יונג ווייבעל, א קליינס און א קיילעכדיגס, מיט א הויכען בוזעם, לעבעדיגע, שוואַרצע, אביסעל אַרויסשטאַרטשענדיגע אויגען. א קיילעכדיג, סאַמעט־גלאַט פּנים'ל און בלאָנדע, זיידענע האָר, וואָס זי פלעגט כסדר פאַר־פלעכטען אין צוויי צעפּלעך, ווי א קאַצאַפּקע.

חיה־איטע האָט נעבאך געהאַט מיין מזל... איהר מאַן, יאָסעל טרובאַטש, א גראָבער, א שוואַרצער, מיט א מיאוס'ן, גע־שטופּעלטען פּנים, פלעגט קומען אהיים שיכור פון א חתונה און איהר אָנברעכען די ביינער, מאַכען ברוינע־בלויע סיניאַקעס אויף די הענט און אויפ'ן גאַנצען קערפּער. פאַרוואָס? פאַר גאָרנישט. אָט גלאַט אזוי. אגב, ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ווען ער פאָהרט ערגעץ אוועק מיט דער קאַפּעליע שפּילען א חתונה, פיהרט זיך דאָ זיין ווייבעל ניט אויף גאָר לייטיש... איהם האָט זיך אויס־געוויזען, אז זי, חיה־איטע, איז א צו־נאָהענטע שמעלקע מיט דעם סאָלדאַט, וואָס שטעהט איין ביי יקותיאל מלמד, וועלכער וואוינט אין דער צווייטער דירה, רעכטס פון אונז.

ביי מיר אין די אויגען איז חיה־איטע געווען א מלאך. און אז איך פלעג ביינאַכט הערען, ווי יאָסעל טרובאַטש שלאָגט זי און זי וויינט און בעט זיך ביי איהם ווי ביי א גזלן און שווערט מיט טויטע שבועות, אז זי איז אומשולדיג, אז זי האָט דעם סאָלדאַט אפילו אין די אויגען ניט געזעהן; און ער פלעגט ברומען: „ס'א ליגען! דו מרשעת, ס'א ליגען! ס'א ליגען, דו חצופה דו, מ'האָט מיר דערצעהלט, אז מען האָט געזעהן דעם סאָלדאַט אריבערשפּרינ־גען דעם פּלויט שפּעט ביינאַכט; נאַ דיר א סאָלדאַט, נאַ!“ — און עס פלעגען פאַלען טרוקענע קלעפּ, וואָס פלעגען זיך אָפּשלאָגען ביי מיר אין הארצען — פלעג איך פּלאַנעווען צו נעהמען א מעסער, און בעת יאָסעל וועט שלאָפען זאָל איך שטילערהייט אריין אין איהם קוילען...

און געלעגען בין איך ביי חיה־איטע'ן אויף א ווייס, ציכטיג בעט (יאָסעל איז געווען ערגעץ אוועקגעפאָהרען אויף א חתונה). זי לייגט קאַלטע קאָמפּרעסען צום קאָפּ; זי קושט מיך און גלעט מיך, און דריקט מיך צו איהר ברוסט. און איך זאָג איהר, אז מעהר וועט מיך שוין דער טאַטע ניט שלאָגען, ווייל איך וועל אוועק וואו די אויגען וועלען מיך טראָגען.

— וויסטו גאָר וואָס, אלי־בער—זאָגט חיה־איטע שטיל און געהיימניספול — איכ'ל דיר געבען א קערבל אויף הוצאות, און דו פאָהר קיין שארעגראָד. דאָרטען זיינען דאָ עטליכע סטאָליאַרעס. נישקשה, דיין ברויט וועסטו דיר פאַרדינען. קענסט פאַרפאָהרען צו מיין מאַמע'ן און האָרט זיין א פּאָר טעג, ביז דו וועסט זיך אָפּזוכען אן אָרט. כ'לעבען, אלי־בער, זאָלסט פאָהרען. מיין שוועסטערל ברכה'ן קענסטו דאָך? זי איז דאָ געווען ביי מיר צוגאַסט, נו, וועסטו ניט זיין קיין פרעמדער... זי קען דיך אויך, און זי האָט דיך ליב, טאָ פאָלג מיך און פאָהר; אז ניט וועט דיין טאַטע דיך דערהרג'ענען...

חיה־איטע'ס אויגען זיינען פאַרלאָפען מיט טרערען, און פון מיינע אויגען האָט א גאַס געטאָן א קוואַל, וואָס איך ווייס גאָר ניט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען...

פריהער פלעג איך פון דעם טאַטען'ס קלעפּ גאָר ניט וויינען: אמאָל פלעג איך ארויסלאָזען א געשריי, און מייסטענטיילס דאָס אויך ניט. אָבער איצט האָט זיך געעפענט פון ערגעץ א קוואַל, א פאַרפלייצונג, אז איך האָב דעם אָטעם ניט געקענט כאַפּען. די טרערען האָבען זיך געגאָסען ריטשקעסווייז, אזוי אז חיה־איטע האָט זיך אויך צעוויינט אויף א קול...

מיט אמאָל האָט מיר גענומען שטאַרק זשומען אין די אויערן, די שטוב האָט זיך גענומען דרעהען פאַר מיינע אויגען, און איך האָב געפיהלט, אז דאָס בעט צוזאַמען מיט מיר לאָזט זיך לאַנגזאַם אראָפּ, אראָפּ, און עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען...

„כל מקדש“

די בויד איז אָנגעקומען אין שאַרעגראַד שפּעט בייַנאַכט. איך בין געווען דער לעצטער „פּאַרשוין“, וועמען דער בעל־עגלה האָט אַראָפּגעלאָזען אין דער שטאָק־פינסטערער שוהל־גאַס און איז אַוועק־געפאָהרען.

איך בין געבליבען שטעקען אין אַ שיטערער בלאָטע ביז די קני׳ע.

אָנגעטאָן בין איך געווען אין דעם טאַטענ׳ס אַ פּאָר צעריסענע, גרויסע שטיוועל, און איך האָב געפיהלט ווי די שיטערע בלאָטע נעהמט אַרום מיינע נאַקעטע פיס...

שטעה איך, קוק זיך אַרום אין אַלע זייטען. פינסטער ווי אין אַן אויער. נאָר אין איין שטיבעלע לייכט זיך נאָך; אפשר וואוינט דאָרט לאה די באָסעבע — חיה־איטע׳ס מוטער? (לאה די באָסעבע האָט מען איהר גערופען פּשוט דערפאַר, וואָס איהר מאַן איז געווען אַ קלעזמער, געשפּילט באַס. נו, אַז דער מאַן איז אַ באַס, איז די ווייב אַ „באָסעבע“.)

פון וויטען הער איך, אימעצער שליאָפּעט אין דער בלאָטע, און עס באַווייזט זיך אַ לאָמטערנע, מיט אַ ווייס קליידעל.

שריי איך אויס מיט אַ פאַרוויינט, פאַרדומפּען קול:

— וואו וואוינט דאָ ערגעץ לאה די באָסעבע?!

דאָס קליידעל מיט דער לאָמטערנע ענטפערט ניט, נאָר שליאָפּעט אין דער בלאָטע גלייך צו מיר.

ניט אין מיר אַ ציטער דאָס האַרץ: ווער ווייסט, אפשר איז דאָס אַ ניט־גוטער?...

ענדליך דערהער איך אַ קול, אַ ווייבעריש, קוויטשענדיג קול:

„ווער איז דאָרט?“

עס קומט צו צו מיר צו אַן עלטערע אידענע מיט אַ לאָמטערנע,

וואָס זי טראָגט צו צו מיין פּנים. זי באַטראַכט מיך אַ ווײַלע און זאָגט:

— זעה נאָר, עפּעס אַ פרעמד אינגעל, אַזוי שפּעט בײַנאַכט? דאָס האָט דיך אודאי איציק דער בעל־עגלה דאָ ערשט אַראָפּגעלאָזט, אַ יאָ?

זאָג איך:

— יאָ, איציק דער בעל עגלה האָט מיך דאָ נאָר־וואָס אַראָפּגעלאָזט. וואו וואוינט דאָ ערגעץ לאה די באָסעכע?

— לאה די באָסעכע? דו קומסט אודאי פון זשמערינקע און האָסט געבראַכט אַ גערוס פון חיה־איטע׳ן?

— יאָ — זאָג איך — פון זשמערינקע, געבראַכט אַ גערוס פון חיה־איטע׳ן. וואו וואוינט דאָ ערגעץ לאה די באָסעכע?

— וואָס־זשע מאַכט זי עפּעס, חיה־איטע? דער מאַן איהרער, יאָסעל טרובאַטש דער שיכור, שלאָגט זי און הרג׳עט זי, האַ?

— וואָס — זאָג איך — זאָל זי מאַכען, חיה־איטע? דער מאַן איהרער, יאָסעל טרובאַטש, שלאָגט און הרג׳עט זי. וואו וואוינט דאָ ערגעץ לאה די באָסעכע?

— לאה די באָסעכע? אָט דאָ, אין דעם שטיבעל, וואו סע לייכט זיך. אָט, זעהסט? קום, אינגעלע, איכ׳ל דיר צופיהרען מיט׳ן לאַמטערן, ווײַל דאָרט איז אַ גרוב, וואו דו קאָנסט אינגאַנצען אַרײַנקריכען אין דער בלאָטע איבער׳ן קאָפּ.

קוים מיט צרות צוגעקראָכען צום שטיבעל, וואו עס לייכט זיך. די אידענע שליאָפּעט אוועק ווייטער, און איך קוק אַרײַן אין אַ קליין פענסטערל און זעה — חיה־איטע׳ס שוועסטערל בראָכע זיצט ביי דער הרובע און פליקט פעדערען.

ס׳האַרץ מיינס האָט זיך דערפרעהט: אַ באַקאַנט פּנים. כ׳בין ניט אַליין אין אָט דער פינסטערניש. און פאַר גרויס שמחה קלאַפּ איך אָן אין פענסטערל, פון וואָס בראָכע האָט אַ ציטער געטאָן און איהר רונד פּנימ׳ל איז געוואָרען ווייס ווי קרייד.

זעהענדיג אַז דאָס מיידעלע האָט זיך דערשראָקען, שריי איך אויס:

— שרעק זיך ניט, בראָכע, דאָס בין איך, אלי־בער, פון זשמערינקע; כ׳האָב געבראַכט אַ גערוס פון חיה־איטע׳ן.

דאָס מיידעלע איז געבליבען זיצען א סעקונדע מיט אן אָפען מויל און ברייט צעעפענטע אויגען. דערנאָך האָט זי שנעל אוועקגעלייגט די זיפּ מיט די פעדערען, וואָס זי האָט געהאלטען אויף איהר שויס, איז אראָפּגעשפּרונגען פון באַנק און געלאָפען עפענען פאר מיר די טיר.

די טיר האָט א שטארקען סקריפּ געטאָן און אויפגעוועקט די גענז, וואָס האָבען שוין געהאט געשלאָפען אין דער שטייג אין פאָרהויז, און זיי האָבען זיך צעשריען, געמאַכט אזעלכע גוואַלדען, אזוי ווי אימיצער וואָלט זיי געקוילעט. אין פאָרהויז האָב איך אָפּגעטרייסעלט די בלאָטע פון די שטיוועל, און אריין אין דער ווארעמער שטוב, וואָס האָט געשמעקט מיט פריש-געזייערטען קרויט און געפרעגעלטען גענזענעם שמאַלץ.

בראָכע האָט מיר, שעמעוודיג און מיט א גערויטעלטען פּנים, דערלאַנגט די האַנט, וועלכע איך האָב שנעל און אומגעלומפּערט א שאָקעל געטאָן און אָפּגעלאָזען.

אין א ווײַלע ארום האָט זיך געעפענט די טיר און עס איז אריינגעקומען לאַה די באָסעכע, בראָכע׳ס מוטער. דערזעהענדיג מיך, עפּעס א פרעמד, אָפגעריסען, אויסגעדארט אינגעל, איז זי געבליבען שטעהן אָהן לשון א פּאָר סעקונדען. אבער בראָכע, א לעבען אויף איהר, עפענט איהר זיס מיילכעל און זאָגט:

— מאַמעלע, דאָס איז אלי-בער פון זשמערינקע, חיה-איטע׳ס באַלעבאָסטע׳ס אינגעלע. ער האָט געבראַכט א גערוס פון חיה-איטע׳ן.

באַטראַכט מיך א ווײַלע לאַה די באָסעכע, און זאָגט:

— וואָס-זשע טוסטו דאָ אזוי שפּעט ביינאַכט? און ווי קומסטו אהער?

דערצעהל איך איהר, אז דער בעל-עגלה האָט מיך נאָר-וואָס אראָפּגעלאָזט דאָ אויף דער שוהל-גאַס, און אז איך בין געקומען אהער קיין שארעגראָד זוכען ארבייט. און פאר איין וועג פרעג איך שוין, צי וועט זי אזוי גוט זיין און מיך לאָזען איבערנעכטיגען די נאַכט דאָ ביי איהר אין שטיבעל וואו ניט איז.

אויף לאַה דער באָסעכע׳ס פארעלטערטען און דאָך סימפּאַטישיין פּנים צעלייגט זיך א שמייכעל, און זי רופט זיך אָפּ:

— וואס זאגסטו, אינגעלע, דו ביזט געקומען זוכען ארבייט?...

— יא — זאג איך — איך וויל קריגען ארבייט דא ביי די סטאלארעס.

— ווי אלט ביזטו, אינגעלע?

— שוין דרייצעהן יאהר — זאג איך.

— אזוי? — זאגט זי מיט א שמייכעל — שוין 13 יאהר!...

— אבער ווי קומסטו אהער? איינער אליין?

— כ'זאג דאך אייך: כ'בין געקומען זוכען ארבייט.

איך האב אראפגעלאזט די אויגען אויפ'ן דיל און געזוכט אויסצומיידען לאה'ס דורכדרינגענדען בליק. אבער איך האב פונדעסטוועגען באמערקט, ווי בראכע קוקט אויף איהר מוטער מיט געבעט אין די אויגען: מאמעניו, לאז איהם צורוה, לאז איהם דא זיין.

לאה האט א שווערען זיפץ געטאן, און רופט זיך אפ:

— נו, וואס־זשע מאכט עפעס מיין חיה־איטע?

הויב איך אויף צוריק די אויגען און זאג מיט געמאכטער העפליכקייט:

— חיה־איטע האט אייך געלאזט גריסען; זי האט געזאגט, אז זי וועט, מירצעשעם אויף פסח, קומען צו אייך צו גאסט. און אז איהר וועט אזוי גוט זיין און מיך לאזען איבער נעכטיגען ביי אייך אין שטוב די נאכט...

רופט זיך אפ לאה:

— נו, מילא, אז דו ביזט שוין דא, וועט מען מוזען ערגעץ דיך באלייגען. בעטגעוואנט, קיין עין הרע, איז דא גענוג; הלואי וואלט נאר אזוי געווען וואס צו עסען...

זי גיט זיך א קראץ אין קאפ און זאגט:

— ביזט אודאי הונגעריג, אלי־בער?

— ניין — זאג איך — א דאנק; כ'בין ניט הונגעריג... און איך האב נאך א שטיקעל ברויט אין קעשענע...

זי געהט ארויס אין פארהויז און באלד קומט זי צוריק מיט א שאל סמעטענע, וואס זי שטעלט אוועק אויפ'ן טיש און זאגט:

— נעה עס אביסעל סמעטענע; קיין ברויט האב איך ניט. מארגען, מירצעשעם, וועל איך באקען ברויט.

בראָכע האָט מיר צוגעהאַלטען דאָס קווערטעל, איך האָב גע־וואַשען די הענט און אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע דאָס שטיקעל ברויט, וואָס חיה־איטע האָט אַהין אַריינגעשטופּט איידער איך בין אַוועקגעפאָהרען; איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און מיט גרויס זשעדנעקייט געגעסען סמעטענע מיט ברויט.

לאה די באָסעבע האָט דערוויל מיר אויסגעבעט אַ געלעגער ביי דער הרובע און זי מיט בראָכע׳ן זיינען אַוועק אין אַלקער און זיך געלייגט שלאָפען.

ליגענדיג אויף מיין געלעגער האָב איך געהערט ווי בראָכע דערצעהלט דער מאַמע׳ן איהרער פון מיין פינסטער מזל: ווי ביי אונז אין דער היים איז אַ פּולע שטוב מיט קינדער; און אַז מיין טאַטע איז אַ בייזער און שלאָגט מיך. און איך האָב אויך געהערט ווי לאה האָט געשאָלטען חיה־איטע׳ן, אַלמאַי זי האָט מיך געשיקט אהער... זי וויים דאָך, אַז זיי האָבען אַליין ניט וואָס צו עסען... אַז זי איז אַ וויסטע אַלמנה א. אַז. וו.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה בין איך שוין אַרומגעגאַנגען צווישען די שאַרעגראָדער סטאָלאַרעס זוכען אַרבייט... און מיט צוויי שעה שפּעטער האָב איך שוין געשליאָפּעט מיט מיינע צעריסענע שטיוועל אין דער בלאָטע, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט׳ן שניי וואָס איז ביינאַכט געפאַלען. איך האָב געזוכט ערגעץ אַ זייטיג געסעל — זיך אַוועקצולייגען אונטער אַ פּלויט, וואו קיין מענשען געהען ניט... אַוועקלייגען זיך און ליגען ביז איכ׳ל שטאַרבען... וואָרים די סטאָ־לאַרעס האָבען פון מיר געמאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער... „זעה נאָר דעם אַרבייטאָרער, זעה נאַר!“ — האָבען זיי פון מיר גע־חוזק׳ט. אַגב זיינען זיי טאַקע אַליין געשטאָרבען דריי מאָל אין טאָג פון הונגער מיט ווייב און קינדער...

אַ דערשלאָגענער, אַ דערפראָרענער, בין איך שפּעטער צוריק געקומען צו לאה דער באָסעבע׳ן אין שטוב.

לאה און בראָכע זיינען ביידע געזעסען און געשמאַק געפּליקט פעדערען (דאָס איז געווען איהר פּרנסה).

— נו, וואָס הערט זיך? געקראָגען אַרבייט? — פרעגט מיך לאה און קוקט אפילו ניט אין מיין זייט.

עס שטיקען מיך טרערען אין האַלז און איך שוויינ...

— וואָ׳דען? — רעדט ווייטער לאה — זיי שטאַרבען דאָך אַליין פון הונגער, די סטאָלאַרעס דאָ; און וואָס, מישטיינס געזאָגט, קאָנסטו ארבייטען? ביזט נאָך אַליין אַ קינד... — בלייבט זי שטיל פאַר אַ מינוט און רייסט די פּערערען מיט כעס.

זי רעדט ווייטער:

— געהערט אַן אַקט! אַ קינד הויבט זיך אויף און פאָהרט אוועק פון דער היים! מאַלע וואָס אַ טאַטע שלאָגט! דערויף איז ער דאָך אַ טאַטע! אַ גוט קינד דאַרף מען ניט שלאָגען, און אַ שלעכט קינד העלפט ניט קיין שלאָגען. אומזיסט שלאָגט מען ניט קיין קינד.

זי שווייגט אַ ווײַלע, און דאַן רופט זי זיך אָפּ:

— ביי אברהם־שלמה׳ען ביזטו געווען, אַלי־בער?

— ווער איז אברהם־שלמה?

— אברהם־שלמה דער גלעזער. גיה אריבער צו איהם, אפשר וועט ער דיר צונעהמען... ער מאַכט גוי׳אישע פענסטער און טירען און ראַמען פאַר הייליגע בילדער. ער איז אַ איד אַ גביר, פאַרמאָגט אַן אייגענע שטוב און אַן אייגענע קוה, האָט ניט מער ווי איין קינד, אַ מיידעלע אין דיינע יאָהרען. אמת, זיין ווייב, חיה־שרה, איז אַ קראַנקע, אַ יאַדעשליווע אידענע; אָבער, ווער ווייסט? אפשר וועט ער רחמנות האָבען און דיר צונעהמען?

איך קום אריין צו אברהם־שלמה׳ן אין קלייט, וואָס געפינט זיך אויפ׳ן מיטען מאַרק, און טרעף איהם שטעהן ביים ווארשטאַט שניידענדיג לייסטלעך.

אברהם־שלמה איז אַ נידעריגער איד אין די מיטעלע יאָהרען, מיט ברייטע פּלייצעס און אַ שווארצער באָרד, אַ פלאַטשיגע ברייטע נאָז מיט שווארצע אויגען, און אַ שטענדיגען שמייכעל אונטער די וואָנצעס.

אויסגעהערט מיין פאַרלאַנג, שטעהט שלמה און קראַצט זיך אין באָרד און שמייכעלט:

— כ׳וויים, אפשר מאַכען אביסעל טאַנדעט פאַר׳ן זומער? אפשר אביסעל רעמלעך מאַכען, איך וויים? נו, מ׳וועט דאַרפען זיך איבערלייגען מיט חיה־שרה׳ען... אַט קום אריין מאָרגען, וועלען מיר זעהן. וועל איבעררעדען מיט חיה־שרה׳ען...

אויפ׳ן הארצען איז מיר געוואָרען אביסעל גרינגער; א שיין פון האָפענונג האָט אויפגעבליצט, און מיר ווילט זיך ארומנעהמען אברהם־שלמה׳ען און איהם קושען...

אויף מאָרגען גאנץ פריה בין איך שוין אין קלייט. פון אברהם־שלמה׳ס פנים לייען איך אראָפּ, אז חיה־שרה האָט געזאָגט ניין... אָבער אברהם־שלמה האָט רחמנות אויף מיר... און ווידער שטעהט ער און קראַצט די באָרד, און שלאָגט זיך מיט דער דעה: אפשר מאַכען אביסעל טאָנדעט גוי׳אישע פענסטערלעך, הא?

— וואָס קאָנסטו טאָן? — פרעגט ער מיר — ביזט דאָך נאָך אליין א קינד!...

— איך קאָן — זאָג איך — אַלץ טאָן. אָט נעמט מיך נאָר צו, וועט איהר זעהן! מיין עסען און שלאָפען וועל איך פארדינען. אָט וועט איהר זעהן — און איך נעהם ביי איהם צו די גרויסע זעג פון האַנט, וואַרף אַרונטער דאָס צעריסענע קאַפּאָטקעלע און שטעל זיך שניידען לייסטלעך מיט אזא אימפּעט, מיט אזא ברען, אז ער שטעלט מיך אָפּ, און זאָגט: „נו, נו, אייל זיך ניט אזוי; שלאָג זיך ניט ארויס פון די כחות..."

מילא בקיצור, אברהם־שלמה האָט קיין הארץ ניט געהאַט מיך אָפּצוזאָגען, כאָטש חיה־שרה האָט געזאָגט ניין... איהר קאָנט זיך שוין דעריבער פאַרשטעלען וואָס עס איז געווען, בעת אברהם־שלמה האָט מיך אין אָווענט געבראַכט צו זיך אהיים.

חיה־שרה איז געשטאַנען לעבען אויווען און אריינגעזעצט אויף א לאָפּעטע לעבלעך ברויט. זי איז געווען א הויכע, דאַרע אידענע, מיט לאַנגע הענט און אַן איינגעפאַלענעם ברוסטקאַסטען, און כסדר געהוסט. די באַקען איהרע צונטער־רויט. לעבן איהר איז געשטאַנען די צעהן־יאָהריגע דאָברעשל און געשמייכעלט דעם טאַטען׳ס שמייכעל...

אז חיה־שרה האָט דערזעהן אברהם־שלמה׳ען אריינקומען מיט מיר — געגען איהר ווילען — האָט זי אויף זיין פרעהליכען גוטען־אָווענד גאָר ניט געענטפערט... זי האָט אראָפּגעלאָזט די לאָפּעטע, זיך אָנגעשפּאַרט אויף איהר מיטביידע הענט און געקוקט אויף אברהם־שלמה׳ען מיט א רציחה אין די אויגען, פון וואָס אין מיר איז פאַרשטאַרבען געוואָרען דער מאַמע׳ס מילך...

באלד האט זי זיך צעהוסט, אוועקגעוואָרפן די לאָפּעטע און א וואונק געטאָן צו איהר מאַן, ער זאָל איהר נאָכגעהן אין אַלקער.

איך בין געבליבען שטעהן ביי דער טיר א באַגראָבענער, און דאָברעשל וואַרפט אויף מיר פאַר׳גנב׳עטע בליקען פון דער זייט.

פון אַלקער האָט זיך געהערט חיה־שרה׳ס הייזעריג קול אויס־געמישט מיט הוסטען, און אברהם־שלמה׳ס געבעט און פארענט־פערען זיך.

ענדליך זיינען זיי ארויס פון אַלקער. חיה־שרה איז געלאָפען צום אויוועז דאָס ברויט זאָל ניט ברענען, און אברהם־שלמה, מיט׳ן זעלבען שמייכעל, האָט מיר געהייסען אויסטאָן מיין קאַפּאָטע און זיך געהן ארומוואַשען.

אין פּאָס איז קיין וואַסער ניט געווען, האָב איך געכאַפּט דעם עמער, געלאָפען צום ברונעם, אָנגעשעפּט אן עמער וואַסער און צו־ערשט געלאָזט אברהם־שלמה׳ען זיך וואַשען. און איך זעה וויביידע — דאָברעשל און איהר מאַמע — וואַרפען אויף מיר פאַר׳־גנב׳עטע בליקען...

ביים טיש זיצט חיה־שרה מיט רויטע, פאַרפלאַמטע באַקען און פאַרוויינטע אויגען, קוקט אפילו ניט אין מיין זייט. א פּאָר מאָל האָב איך אריינגעשטופּט דאָס הילצערנע לעפעל אין דער שיסעל באָרשט, און אוועקגעלייגט דאָס לעפעל...

— עס! פאַרוואָס עסטו ניט? — בורטשעט אברהם־שלמה אונטער דער נאָז. — עס, אלי־בער.

אָבער יעדעס מאָל וואָס איך גיב א קוק אויף חיה־שרה׳ען, וואָס פאַרהוסט זיך אלע ווייַלע מיט א כריפּען פון האַרצען ארויס, פאַרגעהט מיר דער אַפּעטיט, און איך פיהל אינסטינקטיוו, אז איך בין ניט קיין געווינשטער גאַסט... כ׳בין מקנא געווען די קאַץ, וואָס איז זיך געלעגען א רוהיגע אונטער׳ן אויוועז און געשלאָפען...

נאָך דער וועטשערע האָט אברהם־שלמה, מיט האַלב צוגעמאַכ־טע אויגען און מיט דעם זעלבען ליבען שמייכעל, מיך גענומען אויספרעגען: ווער איך בין און פון וואַנען איך קום א. אז. וו. איך האָב איהם אַלצדינג אויסדערצעהלט: ביי אונז איז א פולע שטוב מיט קינדער און מען שטאַרבט פון הונגער, מען רייסט זיך איבער

א שטיקעל ברויט ווי הונגעריגע וועלף, און דער טאַטע שלאָגט מכות־רצח, און די מאַמע שילט...

אברהם־שלמה הערט אויס מיינע צרות, טוט א זיפץ, הויבט זיך אויף און געהט אוועק אין אלקער. איך בלייב זיצען מיט א פאַרוויינט פּנים און א שווער אָנגעלאָדען האַרץ. איך האָב גע־פיהלט, אז די קראַנקע חיה־שרה וויל מיך ניט האָבען ביי זיך אין שטוב, און איך וועל מוזען געהן. אָבער וואוהין? צוריק אהיים? ווען אפילו איך זאָל וויסען, אז איך וועל שטאַרבען וועל איך צוריק אהיים ניט געהן!

דאָברעשל האָט מיר אויסגעבעט א געלעגער צווישען אויוועז, וואו ס'איז געווען וואַרעם, און איך בין אָפּגעשלאָפען די נאַכט ווי א גע'הרג'עטער.

גאַנץ פריה האָט מיך אברהם־שלמה אויפגעוועקט. ס'איז געווען פרייטאָג, און געהענדיג אין קלייט אריין האָט ער מיר אין קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער געזאָגט, אז זיין חיה־שרה איז א קראַנקע, א יאָדעשליווע; די ארבייט אין הויז פאַלט איהר שווער; צייטענ־ווייז שפּייט זי מיט בלוט און מוז גאַנצע טעג ליגען אין בעט. פאַר־איאָהרען, ווען זייער 8־יעהריג אינגעלע, משה'לע, איז געשטאָר־בען, איז זי געלעגען 3 חדשים אין בעט, און דערפאַר טאַקע קאָן זי מיך ניט מקרב זיין... איך וועל זיין ביי זיי אויף שבת, און, בלי נדר, נאָך שבת וועט ער מיך אויף זיינע הוצאות אָפּשיקען צוריק אהיים. דערביי האָט ער אויסגעדריקט זיין באַדויערונג, וואָס איך בין אַנטלאָפען פון דער היים: „א טאַטע שלאָגט, מסתמא ווייסט ער פאַרוואָס... א טאַטע שלאָגט ניט אומזיסט... ס'איז איהם ביטער אויפ'ן האַרצען, לאָזט ער אויס צו די קינדער. צו וועמען דען וועט ער אויסלאָזען ...“

איך האָב איהם גאָרנישט ניט געענטפערט, געגאַנגען ביי זיין זייט, געטאָפּטשעט אין דער שיטערער בלאָטע און געשוויגען. גע־קומען אין קלייט, האָב איך אויסגעטאָן דאָס קאַפּאָטעלע און זיך געשטעלט ארבייטען — שניידען לייסטלעך...

ניין אזייגער האָט דאָברעשל געבראַכט אָנבייסען: ציקאָריע מיט א פּריש אויסגעבאַקענער בולקע, וועלכע אברהם־שלמה האָט צעבראָכען אויף העלפט און מיר דערלאַנגט דעם גרעסערען חלק.

צוויי אזייגער נאָכמיטאָג האָט אברהם־שלמה ארויסגענומען די זייגער פון מיינע הענט און געזאָגט מיט זיין ליבען שמייכעל: „נו, אלי־בער, גענוג. איצט מאַכען מיר שבת.“

געקומען אהיים, איז שוין דער טיש געווען גערעקט לכבוד שבת. דאָברעשל האָט אויסגעשאָטען געלען זאַמד אויף דער ערד, און דער ריח פון פרישע חלה און געפילטע פיש האָט געבייצט מיין ווילדען, אויסגעהונגערטען אפעטיט. דאָברעשל האָט אוועקגע־שטעלט א טעלער מיט זיסע פאַסאָלעס, וועלכע מיר האָבען ביידע שנעל פארשלונגען. דאַן בין איך מיט אברהם־שלמה׳ן אוועק אין מרחץ, מיטנעמענדיג פרישע העמדער פאר אונז ביידען.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון מרחץ מיט צעפּאַרעטע פנימ׳ער, איז שוין חיה־שרה געווען אָנגעטאָן שבת׳דיג, מיט א זיי־דען טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, און צום ערשטען מאָל האָט זי מיך מכבד געווען מיט א פריינדליכען בליק. זי האָט זיך געקליבען בענשען ליכט, און מיר זיינען אוועק אין שוהל.

די שארעגראָדער שוהל איז געווען זעהר אַן אַלטע, מיט אָפּ־געריסענע ווענט און א לעכערדיגען דאַך. ס׳איז געווען דאָרט אומע־טיג און קאַלט, אָט ווי ביי מיר אויפ׳ן הארצען.

אויף דעם ברייטען, פרעהליכען גוט־שבת, וואָס אברהם־שלמה האָט אָפּגעגעבען, קומענדיג אהיים פון שוהל, האָט חייה־שרה געענט־פערט מיט א שטילען גוט־יאָהר.

קידוש האָט אברהם־שלמה געמאַכט איבער דער חלה. נאָך דער יויך מיט לאָקשען האָט אברהם־שלמה אָנגעהויבען שטיל און אומעטיג זינגען זמירות. געזונגען האָט ער זעהר שלעכט און מיט פאַלשע, טויבע טענער, אונטערפּאַנפּענדיג: „כל מקדש“. פּונקט אנטקעגען מיר, ביים טיש, איז געזעסען דאָברעשל מיט איהר קראנ־קער, יאַרעשליוועער מאַמע׳ן, און איך האָב אָנגעהויבען זינגען „כל מקדש שביעי כראוי לו“, און פאַרמאַגט האָב איך א סאָפּראַן־שטימעלע, ווי א זילבערן גלעקעל.

דאָס הארץ איז מיר געווען פארביטעט און פארוויינט, און ביי די ערשטע פּאָר טענער האָט זיך דאָס הערצעל מיינס אַן עפען געטאָן און מיין קלינגענדיג קול׳כעל האָט פארהילכט די שטוב. איך בין געזעסען מיט צוגעמאַכטע אויגען און געזונגען „כל מקדש“.

מיט א פייער און א ברען, מיט א זיסקייט און טריל, פון וועלכען אלע מיינע צרות, שרעק און וועהטאָגען האָבען זיך ארויסגעריסען ווי א שטורעם, ווי א פאַרפלייצונג.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט חיה־שרה'ס שלוכצען. איך עפען די אויגען מיט שרעק און זעה ווי חיה־שרה זיצט, דאָס פּנים פאַר־שטעלט מיטביידע הענט, און איהרע דארע, שפּיציקע אקסלען צי־טערען פון א שטארקען געוויין. ביי אברהם־שלמה'ן שטעהען טרע־רען אין די אויגען, און אפילו דאָברעשל שמאָרקעט מיט'ן רויטען פאַריסענעם נעזעל... און ווישט זיך די אויגען מיט'ן ארבעל. אלע דריי קוקען אויף מיר מיט אַן אויסדרוק פון ליבשאַפט און צערטליכקייט, וואָס איך האָב געזעהן נאָר אין מיין מאַמע'ס אויגען איידער די פּאָגראָמשטשיקעס (אין 1881) האָבען חרוב געמאַכט אונזער שטוב.

איך הער אויף זינגען און בלייב זיצען מיט אַן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ און אביסעל א צעשראָקענער.

— זינג, אלי־בער, זינג — שטאַמעלט חיה־שרה מיט טרערען אין איהר קול.

— זינג, זינג, קינד מיינס — בליפּעט אברהם־שלמה. — אונזער משה'לע, דיר צו לאַנגע יאָהר, האָט אויך אזוי געזונגען.

איך האָב נאָכאַמאָל אָנגעהויבען זינגען, אָבער ניט מעהר מיט דעם פייער און ברען וואָס איך האָב פריהער געזונגען. אבער ס'איז מעהר ניט געווען נויטיג; מיין שיקזאַל איז שוין געווען פאַרזי־געלט...

איך וועל שוין ניט דארפען פאָהרען צוריק אהיים, אָדער זיך אוועקלייגען ערגעץ אונטער א פּלויט און ליגען אזוי לאַנג ביז איכ'ל שטאַרבען...

מיין קלינגענדיגער „כל מקדש" האָט פאר מיר געעפענט חיה־שרה'ס הארץ... כ'האָב אָנגערירט דאָרטען א סטרונע, אויף וועל־כער עס האָט געשפּילט איהר ניט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענער קינד, משה'לע... און פון דעם מאָמענט אָן האָט חיה־שרה מיך גע־נומען באַהאַנדלען טאַקע ווי איהר אייגען קינד. זי האָט ניט גע־לאָזט אברהם־שלמה'ן ער זאָל מיך וועקען גאַנץ פריה צו דער אר־בייט. דאָס בעסטע און דאָס שעהנסטע שטיקעל פלייש האָט זי

מיר אונטערגערוקט. זי האָט מיר געלאָזט מאכען א נייעם גאַרני־טערל מיט א פּאָר נייע שטיוועלעטען און געקויפט א זיידען קאַש־קעטעל. צוויי מאָל א וואָך האָט מיר חיה־שרה געגעבען א פרישׁ העמד איבערצובייטען, און דאָברעשל איז געזעסען און פאר מיר געשטריקט רויטע וואָלענע זאָקען.

אברהם־שלמה אליין האָט מיך ניט געלאָזען שווער ארבייטען, און אין געהיים האָט ער אוועקגעשיקט א בריף צו מיין טאַטע'ן, איהם געלאָזט וויסען אז איך בין ביי איהם; און אז אויב ער וועט איהם געבען א תקיעת כף, אז ער וועט מיך מעהר ניט שלאָגען, וועט ער אליין מיך ברייננגען אהיים.

פון מיין טאַטען איז אנגעקומען אן ענטפער, אז אזוי ווי עס איז א זעהר שלעכטער, ביטערער ווינטער, קיין ארבייט איז ניטאָ און מען שטארבט פון הונגער מיט א פולער שטוב מיט קינדער. דעריבער, אויב ער וויל אזוי גוט און פריינדליך זיין און מיך האַל־טען כאָטש ביז פסח, וועט ער איהם די טובה ניט פארגעסען.

און אזוי איז טאקע געווען. אין די דריי חדשים, וואָס איך בין געווען ביי אברהם־שלמה'ען, האָב איך ארויפגענומען אביסעל פלייש אויף מיינע אויסגעדאַרטע ביינער... און פאר פסח, ווען איך מיט אברהם־שלמה'ען האָבען זיך אויפגעזעצט אויף דער פוהר מיך אהיימצופיהרען, האָט חיה־שרה מיך געקושט אויףביידע באַ־קען און מיך באוואשען מיט טרערען. אפילו דאָברעשל איז גע־שטאַנען ביים וואָגען און געשמאַרקעט מיט'ן רויטען, פארריסענעם נעזעל און געווישט די אויגען מיט'ן ארבעל.

אין דערהיים איז אברהם־שלמה געזעסען מיט'ן טאַטען ביים טיש, געטרונקען טיי און שטילערהייט געשמועסט וועגען — א שידוך מיט זיין דאָברעשל'ען...

מיין נקמה אָן די קאצאפּעס

איך בין דאַן אַלט געווען 10 יאָהר און האָב אויסגעזעהן ווי א קינד פון 7. קליין און אויסגעדאַרט און כסדר הונגעריג; קיינמאָל ניט געקראָגען גענוג צו עסען צו זאַט.

מיין טאַטע האָט געבויט א הויז אין סטאַניסלאַווטשיק, א קליין שטעדטעל אין פּאָדאָליער גובערניע, פאַר דעם רייכען פּאָסע־סאָר פון קליין זשמערינקע, קלמן מיראַנטשיק.

דאָס הויז איז שוין געווען באַלד פאַרטיג און דער טאַטע האָט זיך געלאָדען מיט'ן פּאָסעסאָר קלמן מיראַנטשיק, ווייל יענער האָט איהם צוגעלייגט מעהר ארבייט ווי דער קאָנטראַקט האָט פאַרגע־שריבען. מיין טאַטע האָט דערלייגט געלט צו דעם געשעפט און איז געווען כסדר בייז און פאַרביטערט, און דאָס האַרץ, פאַרשטעהט זיך, האָט ער אויסגעלאָזען צו מיר, צו מיינע דאַרע ביינער.

איך האָב געדאַרפט קאָכען קליי, ראַמען די מייסטערסקאַיאַ, אַכטונג געבען אז די קאַצאַפּעס זאָלען ניט צו'גנבענען דאָס געצייג, דערלאַנגען צו דער האַנט און אזוי ווייטער. און האָבענדיג אויף זיך אזוי פיעל פאַראַנטוואָרטליכקייטען זיינען שוין געווען גענוג אורזאַכען אויף אריינצוכאַפּען קלעפּ. איך פלעג קריגען געשלאָגען ווען דער קליי איז קאַליע געוואָרען — ארויסגעקומען צו־שיטער אדער צו־געדיכט, צו־קאַלט אדער צוגעברענט; ווען דער טאַטע האָט געדאַרפט א שטיקעל געצייג און איך האָב עס אזוי גיך ניט געקאָנט געפינען — ווייל א קאַצאַפּ האָט עס צוגע'גנב'ט.

איז מיט'ן טאַטען'ס קלעפּ בין איך שוין געווען איינגעוועהנט, האָב איך געליטען און געשוויגען, זיך געטרייסט מיט'ן געדאַנק, אז איך וועל ווען עס איז אַנטלויפען אין דער וועלט אריין, אזוי אז מיין טאַטע זאָל ניט וויסען וואו מיין געביין איז אהינגעקומען.

אָבער אַז אויך די ארבייטער, די קאַצאַפּעס, זאָלען מיך שלאָגען — דערפאַר וואָס איך האָב זיך אנטזאגט פון ברענגען זיי אַ פלאַש „וואָדקאַ“ בעת עס האָט זיך זיי פארגלוסט — דאָס איז שוין גע־ווען צופיל פאַר מיר! איך האָב זיך דעריבער געשוואָרען צו נעה־מען נקמה אָן זיי.

דאָס איז געווען אין אַ פינסטערער אָסיען נאַכט, די בלאָטע איז געווען ביז׳ן האַלז, מיינע שטיוועל זיינען געווען צעריסען — געה שלעפּ זיך אַ וויאָרסט אין דער פינסטער צו דער קרעטשמע נאָך בראַנפּען! זיי זיינען ניט קראַנק אליין צו געהן, אויב זיי ווילט זיך „וואָדקאַ“. זיי זיינען געזינטער פון מיר, און צעהן מאָל אזוי גרויס ווי איך! האָבען זיי מיר געשלאָגען פאַר ניט וועלען געהן.

געווען איז דאָס שבת־נאַכט. דער טאַטע איז אין דער מיים־טערסקאַיאַ ניט געווען; ער איז געווען אוועק אין דערהיים, אין זשמערינקע אויף שבת, און מיך האָט ער איבערגעלאָזט מיט די קאַצאַפּעס — היטען זיי זאָלען עפּעס ניט צו׳גנב׳ענען.

נאָך די עטליכע קלעפּ וואָס איך האָב אריינגעכאַפּט פון די קאַצאַפּעס בין איך געלעגען אין אַ ווינקעל אויף סטרוזשקעס, איינ־געגנורעט ווי אַ הינטעל און געוויינט. אין מיין האַרצען האָט זיך אָנגעצונדען אַ פייער פון נקמה. איך מוז זיך אָפּרעכענען מיט די קאַצאַפּעס! וואָס פאַר אַ רעכט האָבען זיי מיך צו שלאָגען? קאָרג האָב איך צו ליידען פון טאַטענ׳ס קלעפּ!

אָבער וואָס פאַר אַ נקמה קאָן אַזאַ נפש׳ל ווי איך נעהמען אָן אזעלכע ריזיגע קאַצאַפּעס?

ליג איך אָון טראַכט. און עס פאַלט מיר איין: זאָלען נאָר די קאַצאַפּעס אויפהערען שפּילען אין קאָרטען — דאַן וועלען זיי צוזאַ־מענשאַרען די סטרוזשקעס אין מיטען שטוב און זיך אויסלעגען אין אַ צירקעל, קאָפּ צו קאָפּ, אזוי אַז נאָר דער אויבערשטער טייל פון קערפּער וועט ליגען אויף סטרוזשקעס און די פיס מיט די שטיוועל אויף דער הוילער ערד... איז ווען זיי וועלען איינשלאָפען און כראָפען געשמאַק — וועל איך נעהמען אַ האַק און זיי אָפּהאַקען די קעפּ...

אביסעל שפּעטער, ווען די קאַצאַפּעס האָבען טאַקע אזוי גע־

טאָן: אָפּגעזאָגט די „מאָליטווע״, זיך איבערגעצלמ׳ט און אויסגעלייגט אין א צירקעל אויף דער קופּע סטרוזשקעס — האָב איך זיך מישב געווען, אז די האַק וועט ניט טויגען... אביסעל צו שווער, צו האַמעטנע און צו געפעהרליך... איכ׳ל בעסער נעהמען א דעמבענע שטיק האָלץ און אראָפּלאָזען אויף זייערע קעפּ, אז זיי זאָלען בלייבען פּריטשמעלעטע... וועלען זיי וויסען ווי אזוי צו שלאָגען אן אָרים, דערשלאָגען קינד...

עס זיינען אוועק עטליכע מינוטען און עס האָט זיך אָנגעהויבען א קאָנצערט פון נעזער... און א רויהער אָסיען-ווינט האָט געוואָיעט אין דרויסען אזוי ווי א כאָפּטע הונגעריגע וועלף... דער גרויסער צימער איז געווען קוים באַלויכטען פון א קאַניצעל וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט איבער א וואַרשטאַט, און יעדעס מאָל וואָס דער ווינט האָט א וואָיע געטאָן, האָט זיך דאס קאַניצעל געלאָשען.

איך בין געלעגען אין מיין ווינקעל און שטיל, אָהן אָטעם, געקוקט מיט אָנגעצונדענע אויגען אויף די קעפּ מיט די לאַנגע בלאָנדע און שוואַרצע האָר פון די שלאָפענדיגע קאַצאַפּעס, וואָס זיינען געווען אויסגעלייגט אין א צירקעל אויף דער קופּע סטרוזשקעס.

פּלוצלינג, ווערט א נייער ראַכע-פּלאַן געבוירען אין מיין מוח... איך כאַפּ זיך אָן דעם דאָזיגען נייעם פּלאַן ווי א שיכור אָן גלעזעל שנאַפּס... שטילינקערהייט קריך איך אראָפּ פון מיין געלעגער... אויף די שפּיץ-פינגער געה איך און נעהם דעם טאָפּ מיט קליי... שטעל איהם אוועק אויפ׳ן הייסען אויווען... און וואַרט.

ווען דער קליי איז צעגאַנגען און געוואָרען שיטער, נעהם איך דעם גרויסען אייזערנעם לעפעל, שעפּ איהם אָן א פולען און ליידיג איהם אויס איבער דער קופּע האָר... און נאָך איינעם שעפּ איך אָן און גיס איהם ווידער ארויס אויף דער אייגענער קופּע בלאָנדע און שוואַרצע האָר... און דאַן פאַרקלייב איך זיך צוריק, א ציטערנדיגער מיט אַלע אברים, אויף מיין געלעגער...

די ערשטע עטליכע מינוט טאַנצט מיין האַרץ פון שמחה... א מצוה אויף זיי, די פּאַניצעס! זאָלען זיי וויסען ווי צו שלאָגען א פרעמד קינד...

געשטילט דאָס האַרץ, זיך אביסעל באַרוהיגט, הויב איך ערשט

אָן קלערען: „און וואָס וועט איצט זיין?" — און איך הויב־אָן ציטערען פון דאָס ניי: „משוגענער, וואָס האָסטו געטאָן? זיי וועלען דיך דאָך דער'הרג'ענען!..."

לאַנג האָט זיך געצויגען די נאַכט, — איך האָב מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. געלעגען און זיך געגעסען אַ לעבעדיגער: למאַי האָב איך אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך? איך וועל דאָך מוזען זיך אָפּטראָגען אהיים קיין זשמערינקע; און ערשט דאַן וועל איך קריגען מיין חלק פון טאַטען...

ליג איך אויף מיין געלעגער און בעט גאָט, אַז קיינער פון די קאַצאַפּעס זאָל זיך ניט אויפכאַפּען איידער עס וועט נעהמען טאָ־גען אין דרויסען. אַזוי שנעל עס וועט אָנהויבען טאָגען, לויף איך אהיים, 8 וויאָרסט, צופוס.

דערוויילע איז מיר קאַלט אין אַלע אברים, עס ציטערט אין מיר אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. איך האָב מורא זיך אַ ריהר צו טאָן פון אָרט...

ענדליך הויבט עס אָן צו טאָגען. פון אַלע זייטען צעקרעהען זיך די העהנער מיט זייער קוקוריקו... דער ווינט האָט זיך אביסעל איינגעשטילט. און ווען אַ זילבערנער פּאַס ליכט באַלייכט די סצע־נע פון מיין פאַרברעכען זעה איך ווי איין קאַצאַפּ גיט אַ ציה דעם קאָפּ, זיין פּנים ווערט פאַרקרימט פון וועהטאָג און ער שרייט אויס: „ניקיטאַ, אָ ניקיטאַ! פּוסטי, סוקין סין, פּוסטי!" (ניקיטאַ, אָ ני־קיטאַ! לאָז אָפּ, הינטישער זוהן, לאָז אָפּ!)

פון דעם געשריי כאַפּט זיך אויף נאָך איינער, גיט אַ ציה דעם קאָפּ, וויל זיך אויפהויבען און קאָן ניט — און מיט אַ פאַרקרימטען פּנים שרייט ער אויס: „טשטאָ זאַ טשאָרט טאַם דערזשיט? דאַ פּוסטי, פּראָקליאַטי!" (וואָס פאַר אַ טייוועל, האַלט דאָרט? לאָז־אָפּ, פאַרשאָלטענער!)

באַלד כאַפּען זיך אַלע אויף, נעהמען זיך רייסען פון געלעגער און שרייען מיט באַנומענע קולות; אָבער זיי קאָנען זיך ניט ריהרען פון אָרט. דער פאַרטריקענטער קליי האַלט זיי ווי צוגעשמידט מיט אייזערנע צוואַנגען.

צוערשט האָבען זיי געמיינט, אַז איינער ליגט אויף דעם צווייטען'ס האָר, און זיי האָבען זיך געשאָלטען איינער דעם אַנדע־

רען און געקריגט. אבער ווען זיי האָבען גענומען טאַפּען זייערע קעפּ מיט די הענט און אָנגעטאַפּט דעם קליי, וואָס האָט זיי צוזאַ־מענגעהאַלטען, האָבען זיי ערשט אָנגעהויבען באַגרייפען וואָס דאָ טוט זיך און זיך געכאַפּט, אַז דאָס האָב איך זיי געמוזט אָפּטאָן אַ שפּיצעל... דאַן זיינען זיי ערשט רעכט ווילד געוואָרען און גע־שאָטען מיט קללות און זלזולים, סטראַשענדיג מיט די קולאַקעס.

ווי ווילד געוואָרענע הינט האָבען זיי זיך געריסען צו מיר, אָבער דער קליי האָט זיי געהאַלטען פעסט, און וואָס מעהר זיי האָבען זיך געריסען צו מיר אַלץ האָט דאָס זיי וועה געטאָן און אַלץ העכער זיינען געשטיגען זייערע קולות.

איך האָב קיין שהיות ניט געמאַכט און שטילערהייט זיך ארויס־געשאַרט פון דער מייסטערסקאַיאַ און זיך געלאָזט לויפען גלייך אהיים, קיין זשמערינקע.

די קולות פון די קאַצאַפּעס זיינען געווען אזוי שטאַרק, אַז איך האָב זיי געהערט אזש אויף דער צווייטער גאַס אין וועלכער איך האָב זיך פאַרקירעוועט; און איך האָב געזעהן ווי מענשען, וועלכע האָ־בען דערהערט די געוואַלדען און האָבען געמיינט אַז דאָס שטעדטעל ברענט, זיינען האַלב־נאַקעטע ארויסגעלאָפען פון די הייזער, זיך געלאָזט לויפען צו דעם „ראַטהויז״, וואו די מייסטערסקאַיאַ האָט זיך געפונען.

פּלוצלינג דערזעה איך פון וויטען מיין טאַטע׳ן אַנקומען מיט זיין פערד און וועגעלע, וואָס איך האָב דערקענט פון וויטען. כאַפּ איך זיך אריבער איבער אַ פּלויט פון אַ גאָרטען, און באַהאַלט זיך. אביסעל שפּעטער שפּרינג איך צוריק אריבער דעם פּלויט און לאָז זיך מיט אַלע כוחות לויפען אהיים...

דער סוף איז געווען, אַז אהיים בין איך געקומען מעהר טויט ווי לעבעדיג; קוים באַוויזען צו דערצעהלען דער מאַמען די גאַנצע געשיכטע און זיך אוועקגעלייגט קראַנק מיט אַ שווערער פאַרקיה־לונג.

דאָס מאָל האָט מיר אָפּגעגליקט און דער טאַטע האָט מיך ניט געשלאָגען. ווען ער איז פרייטאָג געקומען אהיים האָט עך דער־צעהלט דער מאַמען, ווי אזוי דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך צו־נויפגעלאָפען אויף די ווילדע קולות פון די קאַצאַפּעס, וועלכע האָ־

בען זיך געדרעהט און געקאָרטשעט און ניט געקענט זיך אָפּרייסען איינער פון צווייטען. אפשר אַ שטונדע צייט האָט ער געגאָסען הייסע, קאָכיגע וואַסער איבער זייערע קעפּ, און ערשט דערנאָך האָט ער געמוזט נעמען אַ שערל און אָפּשניידען די האָר, כדי זיי צו באַפרייען איינעם פון דעם אנדערען. אויף די סטרוזשקעס איז געבליבען אַ גאַנצער בארג מיט האָר! אויסגעזעהן האָבען די קאַצאַפּעס, אַז ס'איז געווען אַ שרעק אַ קוק צו טאָן אויף זיי. ווען זיי קריגען מיך בשעת מעשה אריין אין זייערע הענט, וואָלטען זיי מיך אויף שטיקלעך צעריסען.

פאַרענדיגט האָט דער טאַטע די געשיכטע מיט דעם, וואָס ער האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס אַזאַ ווילדע בריה, אַזאַ „קאַטאָרזשניק" ווי איך, בין גאָר געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט; און אַז איין גאָט ווייסט וואָס פון אַזעלכע קען אויסוואַקסען!

— געהערט אַן איינפאַל פון אַ קינד: צו נעהמען אַ טאָפּ מיט קליי און אויסגיסען אויף די קאַצאַפּעס קעפּ! אַזאַ אַקט איז דאָך ניט געהערט געוואָרען אויף דער וועלט!...

איך בין געלעגען אין אַלקער, זיך איינגעהערט צו זיינע רייד און אין הארצען געפיהלט דעם זיסען טעם פון נקמה... אַ מצוה אויף די זשלאָבעס; זאָלען זיי וויסען ווי אַזוי צו שלאָגען אַ פרעמד קינד!...

איך נעהם נקמה אָן אייגענעם טאַטען

אין מיין הארצען האָט געטליעט א פונק פון שנאה צו מיין אייגענעם טאַטען; עס האָט זיך ארייגעג'גנב'עט ביי מיר א מחשבה, איך זאָל נעהמען נקמה אָן איהם.

פיינט געהאַט האָב איך איהם ניט נאָר פאר זיין ברוטאַלער באַנעהמונג צו מיר, נאָר אויך פאר זיין אכזריות'דיגען באהאנדלען דער מאַמען.

דער שבת, וואָס דער טאַטע האָט ניט געוואָרפען דער מאַמען א טעלער אין קאָפּ אריין, איז געווען א גרויסע זעלטענהייט; כמעט יעדער שבת איז געווען א פארשטערטער. ס'איז געווען גענוג, אז דער טשאָלענט זאָל זיין אביסעל צוגעברענט, אדער ניט היים גענוג, און זיין רציחה האָט געפּלאַצט ווי א באָמבע. עס פלעגען פליהען טעלער, בענקלעך, וואָס עס איז איהם נאָר געקומען צו דער האנט.

נאָכ'ן שטורעם פלעגט די מאַמע זיצען אין א ווינקעל; דער שעהנער, חנ'עוודיגער פּנים איהרער איז געווען שווארץ ווי די ערד; און זי פלעגט קלאָגען און וויינען אויף א קול, מיט א ניגון וואָס מען באַוויינט ביי אידען א טויטען, האלטענדיג דעם קאָפּ איןביידע הענט און שאָקלענדיג זיך אויף רעכטס און אויף לינקס.

איך פלעג אויך זיצען אין א ווינקעל און העלפען דער מאַמען וויינען — און טראַכטען וועגען נעהמען נקמה אָן טאַטען.

אָבער ווי אזוי? צוריקשלאָגען איהם? אזא זאך האָט גאָר ניט געקאָנט קומען אויף מיין קינדערשען שכל. ווען איך זאָל אפילו דאָס געוועזן געקאָנט, וואָלט איך דאָס אויך ניט געטאָן! מיין הער־צעל האָט געברענט נאָך נקמה אויף עפּעס גאָר אַן אנדער אופן.

איך פלעג, למשל, שטאַרק הנאה האָבען, ווען ס'האָט פּאַסירט, אז ער אליין, דער טאַטע, האָט א טעות געהאַט ביי דער ארבייט: אז ער האָט געמאַכט א טירעל אָדער א פענסטערעל צו־גרויס אדער

צו־קליין. מיך שלאָגען דערפאַר האָט ער דאָך ניט געקאָנט; פלעגט ער אויסלאָזען זיין כעס צו א שטיקעל געצייג: כאַפּען א הובעל און איהם א וואָרף טאָן אָן דער ערד מיט א ווילדער קראַפט, אז דער הובעל פלעגט אויף צווייען צעבראָכען ווערען, און בעת מעשה ערגערען זיך און זיך רייסען די באָרד מיט ביידע הענט.

די דאָזיגע אויסברוכען פון כעס אויף זיך אליין פלעגען מיר פאַרשאַפען גרויס פאַרגעניגען, מיין הארץ פלעגט קוועלען פון נחת, און מיר דוכט זיך, אז איך פלעג דאָס ניט פאַרבאָרגען פון איהם. ער פלעגט באַמערקען מיין באַהאַלטענעם שמייכעל און ניט וועלען קוקען אין מיין זייט אפילו...

איז בעת איך פלעג ליגען ביינאַכט אויף מיין געלעגער, וואָס איז געוועהנליך געווען אין דער מייסטערסקאַיאַ אויף סטרוזשקעס, און טראַכטען פון נקמה (געוועהנליך פלעגט דאָס זיין נאָך א פּאָרציע קלעפּ), האָב איך געהאַלטען אין איין זוכען פלענער ווי צו מאַכען ער זאָל זיך ערגערן, עסען זיך און רייסען זיך די באָרד.

ליגענדיג איין נאַכט און טראַכטענדיג אזוי, איז ביי מיר אין מוח געבוירען געוואָרען א פּלאַן, וועלכען איך האָב טאַקע אין דער אייגענער נאַכט דורכגעפיהרט. דער זיסער טעם פון נקמה האָט אזוי דערפרעהט מיין הארץ, אז איך בין נאָך דעם נקמה אַקט איינגעשלאָפען, אזוי ווי איך וואָלט געווען איינגענומען עפּעס א שלאָפטרונק...

מיינט איהר דאָך, אז איך האָב גאָט ווייסט וואָס פאַר א שפּיצעל אָפּגעטאָן? ניין, איך האָב אָפּגעטאָן א קליינינקייט, א נארישקייט אפילו, אויב איהר ווילט. איך האָב גענומען דעם טאַטענ׳ס נייע קאָרבע (אזא מין אינסטרומענט מיט וועלכען מען בויערט לעכער), אין וועלכער ער פלעגט זיך שפּיגלען, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען אן אוצר, און פלעגט עס כסדר פוצען און ווישען, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען זיין אויג אין קאָפּ, און שטילערהייט, ווי א קאַץ, בין איך דורך דער הינטער־טיר ארויס אין גאָרטען.

אין דרויסען איז געווען שטאָק־פינסטער. פון ווייטען האָט זיך געהערט דאָס קוואַקען פון זשאַבעס און א שטיל, זיידען ווינטעלע האָט געגלעט מיין קליין, איינגעדאַרט, האַלב־נאַקעט קערפּערל, וואָס האָט געציטערט פון דער קיהלער נאַכט־לופט.

אויף אַלע פיער בין איך אָפּגעקראָכען עטליכע שפּאַן פון שטוב, און מיט די בלויזע פינגער האָב איך אויסגעגראָבען אַ גרוב אין דער ווייכער, שמעקעדיגער, שוואַרצער ערד, אריינגעלייגט די קאַרבע, צוריק פאַרשאָטען די ערד און פאַרטאָפּטשעט מיט די נאַקעטע פיס.

דאַן בין איך ווידער אויף אַלע פיער צוריק אריינגעקראָכען אין דער מייסטערסקאַיאַ, און מיט דער ראָגאָזשע, מיט וועלכער איך בין געלעגען צוגעדעקט, האָב איך אָפּגעווישט די פייכטע ערד פון די פיס און פון די פינגער, און ווי אַ שיכור׳ער בין איך גלייך איינגעשלאָפען מיט אַ זיסען, מחיה׳דיגען שלאָף...

געווען איז דאָס, איך געדענק עס ווי ערשט נעכטען וואָלט דאָס געווען, אַ דאָנערשטאָג ביינאַכט אין מיטען זומער. דעם גאַנצען אָוונט האָט די מאַמע געוויינט און געשאָלטען איהר מזל, ווייל זי האָט געדאַרפט ארומלויפען ערגעץ לייהען אַ קערבעל אויף צו קויפען מעהל און מאַכען די ראָשטשענע פאַר חלה אויף שבת; און אַז זי איז געקומען אין יאַטקע נאָך פלייש איז שוין ניט געווען מעהר ווי אַ שטיקעל לונג־און־לעבער.

מילא בקיצור, אויפגעוועקט, אָדער בעסער געזאָגט: אויפגעריסען פון שלאָף, פרייטאָג אין דער פריה, האָט מיך טאַקע דער טאַטע אליין...

מיין געלעגער פלעג איך מיר מאַכען אויף סטרוזשקעס, אין אַ ווינקעל אַנטקעגענאיבער די צוויי וואַרשטאַטען וואָס זיינען געשטאַנען ביי די פענסטער, אַזוי אַז ווען דער טאַטע פלעגט זיך פאַרטאָג שטעלען ארבייטען, פלעגט ער מיך לאָזען שלאָפען אביסעל שפּעטער, סיידען ער האָט מיך געדאַרפט האָבען אויף צו קאָכען קליי אָדער טאָן עפּעס אַנדערש.

דאָס מאָל האָב איך זיך פאַרשלאָפען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט מיך פאַר די הענט אַ הויב געטאָן און אויף די פיס אַוועקגעשטעלט, און נאָך איידער איך האָב די אויגען געעפענט האָב איך זיין הארטען שטאָלענעם קול דערהערט: „וואו איז די קאַרבע?... ממזר! וואו איז די קאַרבע? שטיק פלייש מיט אויגען! וואו איז די קאַרבע?״

איך האָב געעפענט די אויגען און געקוקט דעם טאַטען גלייך

אין בייזען, אויפגערעגטען פּנים אריין, אָהן אירגענד וועלכער מורא. פּאַרקערט, זיין שטרענגער, הארטער קול האָט מיר דאָס מאָל גע־גלעט אויפ'ן הארצען און זים געקלונגען אין די אויערען, און מיין קערפּערל איז געווען גרייט צו כאַפּען קלעפּ, וועלכע וועלען ניט וועה טאָן... זאָל ער שלאָגען וויפיעל ער וויל — די קאָרבע וועט ער ניט געפינען...

אָבער ער האָט מיך ניט געשלאָגען; ער האָט מיך נאָר גע־טרייסעלט, אז די ביינדלעך האָבען אזש געקנאַקט! און איך האָב געקוקט אויף איהם מיט גרויסע, תמ'עוואַטע אויגען און געשווי־גען... דאָס הארץ אינעוועניג האָט געטאַנצט פון שמחה... זאָל ער זיך ערגערען, זאָל ער שפּרינגען פון דער הויט! מיין הארץ קיהלט זיך, זעהענדיג ווי ער ערגערט זיך...

די מאַמע איז אריינגעלאָפען פון קיך, מיך ארויסגעריסען פון זיינע הענט, שרייענדיג: „גזלן, וואָס ווילסטו פון דעם אינגעל? מסתמא האָסטו זי ערגעץ איבערגעלאָזען אדער ערגעץ פארלעגט. לאָז איהם אָפּ! איכ'ל דיר געפינען די קאָרבע, די פארשאָלטענע קאָרבע דיינע!"

עס האָט זיך אנגעהויבען א זוכעניש נאָך דער קאָרבע. דער טאַטע אין איין זייט, די מאַמע אין דער צווייטער זייט, און איך — אין א דריטער... איך בין ארונטערגעקראָכען אונטער'ן ווארשטאַט, זיך דאָרט אויסגעצויגען און קוים זיך איינגעהאלטען ניט ארויסצו־שיסען אין א געלעכטער. מיר איז געווען אזוי גוט, איך בין געווען אזוי גליקליך... ווי קיין מאָל פריהער אין מיין לעבען! מיין הארץ האָט געקוואָלען פון נחת... אבער — ניטאָ די קאָרבע!

דער טאַטע איז ווילד, ער וואַרפט און שליידערט ברעטער, שטיקער האָלץ, וואָס פליהען אין אַלע זייטען! די מאַמע וויינט און פארשילט זיך די ביינער. איבער דער מייסטערסקאַיאַ טראָגט זיך אַ שטויב צום דערשטיקט ווערען — אָבער ניטאָ די קאָרבע!

ענדליך איז די מאַמע אוועקגעלאָפען צו מענדעלע ליטוואַק (אויך א סטאָלער), געבראַכט אַ קאָרבע, און מיט אַלע כחות געזוכט דעם טאַטען צו באַרוהיגען, — שווערענדיג זיך מיט טויטע שבועות, אז מאָרגען, שבת, וועט זי איהם צושטעלען זיין קאָרבע. זי וועט זי געפינען, ווען אפילו דער טויט זאָל איהר זיין!

דער טאַטע האָט זיך אביסעל באַרוהיגט און זיך געשטעלט ארבייטען, בעת איך האָב זיך געשאַרט ארום דער מאַמען אין קיך, וואו זי האָט מיר פון צייט צו צייט אונטערגעטראָגען דאָ א שטי־קעל פּאָדפּאָליקעל מיט שמאַלץ, דאָ א געבאַקטע קאַרטאָפלע, און רק געקרעכצט.

שבת איז דער טאַטע געזעסען ביים טיש א בייזער, אָן אָנגע־כמורעטער, און מיר אַלע קינדער האָבען געציטערט פאַר א שטורעם. אָבער גאָט צו דאַנקען, ס׳איז אוועק רוהיג. נאָכ׳ן עסען איז דער טאַטע ארײַן אין אַלקער. ס׳איז געווען א הייסער, שטיקענדיגער טאָג, און אזוי ווי אַלע טירען זיינען געווען אָפען, האָט זיך מיקיטא דעם קאַצאַפּ׳ס א חזיר גאָר אָהן צערעמאָניעס ארײַנגעשפּאַצירט גלייך צו אונז אין שטוב ארײַן...

איך בין גראָד דעמאָלט געזעסען ביי דער מוהמע שערענצ׳ן (זי האָט געהייסען שרה׳ניו) און מיט מיין שוועסטערקינד אברהמ׳על האָבען מיר געשמאַק געשלונגען די שמעקעדיגע געקאָכטע פישע־נישקעס (קאָרן). דער פעטער חיים (דער מאַמע׳ס ברודער) איז געלעגען אין שטאַל אויף די היי און געפרואווט כאַפּען א דרעמעל.

היינט שטעלט אייך פאָר, ווען מיין טאַטע ליגט אין בעט א בייזער, אָן אויפגערעגטער אי פון דעם וואָס ער קאָן ניט איינשלאָ־פען צוליב דער היץ און אי פון דעם וואָס די „קאָרבע“ איז טאַקע ניטאָ... ווי אין דער ערד ארײַן! — און דאַ קומט ארײַן אזא גע־הויבענער גאַסט, א חזיר ערשט פון בלאָטע ארויס... און שפּאַצירט זיך ארום, אונטערקרעכצענדיג זיך אזוי געמיטליך, אזוי רוהיג אי־בער דער שטוב. און דער טאַטע דערזעהט איהם לעבען זיין בעט! טוט ער גאָרנישט, נאָר שפּרינגט ווי א צערייצטער טיגער אראָפּ פון בעט, לויפט אין די תחתונים ארײַן אין קיך, כאַפּט דאָס גרויסע ברויט־מעסער, טוט איהם א וואָרף און טרעפט דעם חזיר גלייך אין רוקען ארײַן, וועלכער האָט זיך, א נאָך מעהר דערשראָקענער פון דער מאַמע׳ס געשרייען, ארויסגעכאַפּט דורך דער טיר אין דרויסען ארויס.

לויפט דער חזיר מיט א שרעקליכער קוויטשעריי, וואָס מען קאָן הערען פאַר צעהן מייל, מיט דעם שטעקענדיגען מעסער אין זיין רוקען, איבערלאָזענדיג א ריטשקעלע רויט בלוט, וואָס ציהט זיך ביז

מיקיטאַ׳ס שטוב, וואָס איז געווען די פערטע פון אונזערער, אנט־קעגען דעם פעטער חיים׳ס הויז, וואו איך זיץ מיט אברהמ׳לען און עסען פישעגישקעס, וואָס די גוטע מוהמע שערענצע האָט אונז גע־געבען.

אז מיר האָבען דערהערט דעם חזיר׳ס קולות האָבען מיר גע־מיינט, אז דאָס קוילעט שוין מיקיטא קאַצאַפּ ווידער איינעם פון זיינע חזרים, וואָס ער פלעגט טאָן כמעט יעדען שבת־צו־נאַכטס, און מיר וואונדערען זיך וואָס ער טוט דאָס אזוי פריה; וואָרים גע־וועהנליך פלעגען זיך די קולות הערען ערשט נאָך הבדלה...

עס געהען אוועק עטליכע מינוט און מיר דערהערען פּלוצלינג מיין מאַמע׳ס קול, שרייענדיג: „געוואַלד, געוואַלד! אידען, ראַ־טעוועט!"

דער פעטער חיים שפּרינגט ארויס פון דער שטאָל אין הוילע תחתונים, און מיר אלע לויפען דורכ׳ן גאָרטען צו אונזער שטוב. פון אלע זייטען לויפען צעבראַסטעטע אידען, האלב נאַקעטע ווייבער און קינדער, און מען באַלאַגערט אונזער שטוב און מען שרייט: „געוואַלד, געוואַלד! ער וועט איהם דער׳הרג׳ענען!"

אז איך בין אריינגעלאָפען אין שטוב, האָב איך דערזעהן אזא מין סצענע:

אין דער מייסטערסקאַיא שטעהט מיין טאַטע א צוגעדריקטער צו דער וואַנט, וואו מיקיטא קאַצאַפּ האלט איהם, מיט איין האַנט שטיקט ער זיין האלז, און די צווייטע איז איינגעגראָבען אין דער קוטשמע לאַנגע האָר.

און מיין טאַטע טוט דאָס איגענע, וואָס דער קאַצאַפּ: מיט איין האַנט שטיקט ער מיקיטא׳ן ביים גאָרגעל, און מיט דער צווי־טער רייסט ער מיקיטא׳ס קוטשמע האָר. די אָדערען פון די הענט זיינען בייביידען אָנגעשוואָלען צום פּלאַצען.

ווי צוויי ווילדע חיות קוקען זיי זיך שטום אָן און פון זייערע גרויסע, אויסגעסטאַרטשעטע אויגען שיסען פונקען פייער.

אין דרויסען איז געשטאַנען כמעט דאָס גאַנצע שטעדטעל און געשריען: „געוואַלד, ראַטעוועט!" אָבער קיינער ריהרט זיך ניט פון אָרט. די מאַמע איז ערגעץ וואו געלעגען א גע׳חלש׳טע און מען האָט זי געמינטערט.

דער קאַצאַפּ איז געווען שטאַרקער פון טאַטען, און בעת דעם קאַצאַפּ׳ס פּנים האָט שיעור ניט געפּלאַצט פון רויטקייט, איז דעם טאַטענ׳ס פּנים געווען בלוי און שוואַרץ.

איך בין געשטאַנען און געציטערט מיט׳ן גאַנצען קערפּער, אַזוי ווי איך וואָלט געהאַט דאָס קדחות.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט דעם טאַטענ׳ס כאָרכלען, אַזוי ווי פון אַ גוסס. מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ האָב איך אַ כאַפּ געטאָן אַ דעמבענעם לייסט און מיט מיינע אַלע כחות אַרונטערגע־לאָזט אויף דעם קאַצאַפּ׳ס קאָפּ, אַ וואָרף געטאָן דעם לייסט אויף דער ערד און גענומען לויפען צום גאָרטען, אַריינכאַפּענדיג זיך אין דעם פעטער חיימ׳ס שטאַל, וואו איך האָב זיך אַריינגעגראָבען אין היי אַריין און געאָטעמט אַזוי שנעל, אַז איך האָב געמיינט אַז דאָס האַרץ שפּרינגט אַרויס.

ווען ס׳איז פינסטער געוואָרען אין דרויסען, בין איך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש און אַריין צום פעטער חיימ׳ן אין שטוב. דאָרט האָב איך געפונען דער מאַמע׳ן זיצענדיג מיט געשוואָלענע אויגען פון וויינען. אַז זי האָט מיך דערזעהן אַריינקומען האָט איהר פּנים אויפגעלויכטען; זי האָט מיך געכאַפּט קושען און האַלזען, און שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ האָט זי געמורמעלט: „געבענשט זאָלען זיין דיינע הענט, קינד מיינס; דו האָסט דעם טאַטען דיינעם געראַ־טעוועט פון אַ זיכערען טויט. געבענשט זאָלען זיין דיינע הענט!“

די נאַכט בין איך שוין געבליבען נעכטיגען ביים פעטער חיימ׳ען און געשלאָפען מיט מיין חבר אַברהמ׳לען אין שטאַל אויף די היי. כמעט די גאַנצע נאַכט האָבען מיר שטילערהייט גערעדט וועגען מיין „העלדישקייט“. אַברהמ׳על האָט מיר דערצעהלט, אַז בעת איך האָב מיקיטאַ׳ן דערלאַנגט מיט דעם לייסט איבער׳ן קאָפּ און אַנטלאָפען, האָט מיקיטאַ מאָמענטאַן אָפּגעלאָזט דעם טאַטען און זיך וואַקלענדיג ווי אַ שיכור הין און הער האָט ער אַ פאַל גע־טאָן מיט׳ן פּנים צו דער ערד און געבליבען ליגען ווי אַ טויטער. אויך דער טאַטע איז פון שוואַכקייט געפאַלען אין חלשות. ער האָט מיר אויך דערצעהלט, אַז בעת איך האָב דערלאַנגט מיט דעם לייסט מיקיטאַ׳ן אין קאָפּ האָב איך געטראָפען דעם טאַטענ׳ס האַנט און איהר צעבלוטיגט.

שפּעטער איז געקומען דער אָרדניק און אַרעסטירט דעם טאַטען, און ער האָט די נאַכט איבערגענעכטיגט אין אוטשאַסטאָק.

אויפמאָרגען האָט די מאַמע ערגעץ געקראָגען עטליכע קערב־לעך און מען האָט זיך אויסגעגלייכט מיט מיקיטאַ קאַצאַפּ פאַר'ן חזיר, און דער טאַטע איז געקומען אהיים, די האַנט פאַרבונדען מיט אַ ווייסער שמאַטע, פאַרפלעקט פון בלוט, און זיין פּנים און דער האַלז זיינען נאָך געווען ברוין און בלוי. אויף דער ערד אין מיים־טערסקאַיאַ האָבען זיך נאָך געוואַלגערט גאַנצע זשמעניעס אויסגע־ריסענע האָר.

איך האָב זיך געפּיהלט פריש, לעבעדיג און מונטער. בין גע־שטאַנען ביי מיין קליינעם וואַרשטאַט, געשאַרפט אַ הובעל, און פון אַ ווינקעל פון אויג געקוקט אויפ'ן טאַטען, וועלכער איז געזעסען אין קיך אויף דער באַנק לעבען דער מאַמען, וואו זיי האָבען שטיל גערעדט.

מיט אַמאָל דערהער איך ווי אימיצער רופט מיך. דאַכט זיך ס'איז דעם טאַטע'נס קול, און דאָך איז עס ניט זיין קול; עפּעס איז עס גאָר אָן אַנדער שטים; עפּעס אַזוי ווייך, לאַשטשענדיג קלינגט זיין קול, און ער רופט מיך: „אלי־בער, אלי־בער! קום נאָר אַהער.“

לייג איך אַוועק דעם הובעל און געה אריין אין קיך, אָבער איך בלייב שטעהן אביסעל פון ווייטען. דער טאַטע הויבט זיך אויף פון באַנק, נעהמט מיך אָן מיט דער לינקער, געזונטער האַנט און ציהט מיך צו צו זיך, און מיט דער רעכטער, קראַנקער האַנט גלעט ער מיין קאָפּ. זיין פּנים ווערט פלוצלינג געל ווי אַ וואַקס, און ער פאַרשטעלט עס באַלד מיטביידע הענט. ער שווייגט, וויל עפּעס זאָגען און קאָן ניט, בעת די מאַמע הויבט זיך אויף פון באַנק און לאָזט זיך געהן אין גאָרטען אריין. איך הער אַ פאַרשטיקטען שלוכץ זיך ארויסרייסען פון איהר האַלז און איך זעה איהרע אַקסלען צוקען, — הויבען זיך ארויף און אראָפּ, ארויף און אראָפּ, און איך שטעה אנטקעגען טאַטען און שווייג.

פּלוצלינג גלייך איך זיך אויס, שטעל זיך אַוועק פאַר באַקאַם אַנטקעגען טאַטען, און שריי אויס פרעהליך און לעבעדיג:

— טאַטע, דו ווייסט, כ'האָב געפונען די קאָרבע!

ער נעהמט צו די הענט פון פנים און קוקט מיך אַן א ווײלע; דאַן זאָגט ער, נאָך אַלץ מיט דער ווײכער, לאַשטשענדער שטים:

— טאָקע, אלי־בער? האָסט געפונען די קאָרבע? וואו איז זי געווען?

איך לאָז אַראָפּ די אויגען און זאָג מיט קוראַזש:

— אָט דאָ אין גאָרטען, הינטער'ן שטוב, האָב איך זי געפונען.

איך לויף אריין אין דער מייסטערסקאַיאַ און ברענג איהם די קאָרבע, וועלכע איז געווען אין גאַנצען פאַרזשאַווערט... (כ'האָב די קאָרבע אויסגעגראָבען שבת גאַנץ פריה, ווען קיינער האָט ניט געזעהן...)

דער טאַטע באַטראַכט די קאָרבע פילאָזאָפיש, קוקט אָט אויף מיר, אָט אויף דער קאָרבע, און מיין פנים, ניט נאָר מיין פנים, נאָר מיין גאַנצער קערפּער, פיהלט א היץ, וואָס ברענט ווי א העליש פייער... און איך פיהל עס הויבט זיך מיר אָן דרעהען דער קאָפּ.

דער טאַטע דערלאַנגט מיר צוריק די קאָרבע, זאָגט גארנישט, הויבט זיך אויף און געהט אריין אין גאָרטען, נאָך דער מאַמען...

איך נעהם די קאָרבע, לייג זי אוועק אויפ'ן ווארשטאַט און שטעל זיך צוריק שאַרפען דעם הובעל, און בעת מעשה שילט איך זיך אין הארצען מיט טויטע קללות, און רייד צו זיך אליין: „אלי־בער, ביזט א מיאוס'ער פאַסקודנער מענש. אלי־בער, ביזט א ניקס! נעהמסט א שפּאָגעל נייע קאָרבע און מאַכסט פון איהר א תל! אלי־בער, ביזט ווערט מען זאָל דיר צעברעכען די ביינער דער־פאַר, אלי־בער! שעמען מעגסטו זיך אין דיין ווייטען האַלז אריין. ביזט געווען א גאַרנישט און וועסט בלייבען א ניקס!"

איך בין געווען אַזוי אין כעס אויף זיך אליין, ווייל, ערשטענס, האָב איך חרטה געהאַט אויפ'ן גאַנצען עסק; און צווייטענס, הלמאי האָט זיך אין מיטען דערינען אריינגעמישט א חזיר און איך בין שיעור ניט געבליבען א יתום...

אַנטקעגען דעם וואָס איהר זאָגט „שנאה"

גאָט האָט געגעבען דעם מענשען די מתנה וואָס הייסט „ליבע", מיט וועלכער ער, דער מענש, בויט וועלטען גאַנצע.

גרויסע, שעהנע, פּרעכטיגע וועלטען בויט דער מענש, ווען ער איז אינספּירירט פון דעם ליבע־געפיהל.

דערפאַר אָבער האָט דער זעלבער גאָט געגעבען דעם מענשען אַן אַנדער „געפיהל" וואָס הייסט „שנאה", וועמעס כח איז פיעל שטאַרקער, מעכטיגער ווי דער כח פון ליבע.

מיט אָט דעם טויטליכען כח וואָס הייסט „שנאה" צעשטערט דער מענש דיזעלבע וועלטען וואָס ער האָט געבויט, צוזאַמען מיט זיך אַליין, מיט זיין אייגענעם לעבען.

און ווען „שנאה" פּאָרט זיך צוזאַמען מיט „צו־להכעיס", דאַן אַנטשטעהט אַ „ספּעקטאַקעל" פון וועלכען די געטער האָבען הנאה.

איך האָב אין מיינע קינדער־יאָהרען בייגעוואוינט אַזאַ מין ספּעקטאַקעל פון שנאה צווישען צוויי שכנים, נעמליך: טאַקע צווישען מיין אייגענער משפחה און אונזער שכן, יקותיאל מלמד.

די שנאה האָט זיך אָנגעהויבען צוליב אַ וויסט, פאַרשאָלטען פיצעל ערד, אפשר 8 פוס די ברייט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די צוויי באַטקעס. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַ העלפט פון דער פאַרשאָל־טענער שטיקעל ערד האָט געהערט צו אונז און די צווייטע העלפט צו יקותיאל מלמד.

מיין מאַמע, וועלכע איז געווען די ברויט־געבערקע פאַר אַכט קינדער (דער טאַטע איז געווען אַ קנאַפּער פאַרדינער), האָט גע־וואָלט אָפּקויפען יקותיאל'ס חלק ערד, כדי אויף דעם פּלאַץ אוועק־צושטעלען אַ קלייטעל און ציהען חיונה.

יקותיאל מלמד האָט אָבער געהאַט דיזעלבע אַמביציעס... און עס איז אוועק אַ סדרה מיט לאָדענישען, מיט שלעפּען איינער דעם צווייטען צום רב; אַ סדרה מיט קריגערייען און זידלערייען.

מען האָט די שנאה איבערגעגעבען צו די קינדער, זיי אנגע־

רייצט איינע אויף די אַנדערע, און מען פּלעגט זיך רייסען ביי די האָר און זיך אָפּטאָן די ערגסטע, די ווילדסטע שפּיצלעך און צו־להכעיס'ן.

און אַז ס'איז נמאס געוואָרען דאָס שלאָגען און הרג'ענען זיך, איז מען גאָר געוואָרען ברוגז, ניט גערעדט איינע צו די אַנדערע. און שטומערהייט געגאָסען די פּאָמוינציעס איינער דעם צווייטען אונטער די פענסטער... און אַז די יקותיאל'יכע האָט אוועקגע־שטעלט איהר קוה לעבען אונזער פענסטער, האָט די מאַמע גע־קויפט צוויי ציגען, וואָס האָבען געריסען שטיקער פון יקותיאל'ס שטרויענעם דאַך און גע'מעלה־גירה'ט די שטרוי...

דעם גאַנצען טאָג האָבען אונז געגרילצט אין די אויערען די קולות פון צוויי טוץ קינדער, מיט וועמען יקותיאל מלמד האָט גע־לערענט; און א גאַנצען טאָג האָבען זיך פון אונזער סטאָלאַרנע געטראָגען סקריפּערייען פון די גרויסע זעגען און די קלעפּ פון די האַ־מערס צו יקותיאל'ן אין שטוב אריין. און אַז דער טאָג האָט זיך געענדיגט, האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אַ סדרה פון קללות, חרמות און קלעפּ.

די יקותיאל'יכע, א רויטע, פעטע אידענע, מיט א קלייען באַ־שפּרינקעלטען פּנים, איז געווען די גרעסטע בריה אויף שילטען, בעת איך מיט מיין קליין ברודערעל משה'לע פלעגען שלאָגען און רייסען ביי די האָר יקותיאל'ס מיידלעך.

יקותיאל מלמד אליין, פונקט ווי מיין טאַטע, האָבען זיך אין די מלחמות ניט באטייליגט. דאָס הייסט, ניט דירעקט; די צוויי בעלי־בתים האָבען זיך געהאַלטען נייטראַל; איבערהויפּט מיין טאַטע. ער האָט זיך אינגאַנצען ניט געמישט אין די קריגערייען; ברעכען די נייטראַליטעט פלעגט יקותיאל גנב, „גאָט'ס גנב" — קיין אַנדער נאָמען האָט ער ביי אונז ניט געהאַט.

יקותיאל מלמד איז געווען א קליין אידעל מיט א שיטער ציגען בערדעל און לאַנגע פּאות. א לאַנגער טלית־קטן האָט פאַר־דעקט זיין רונד בייכעל, און די לאַנגע ציצות האָבען זיך געשלעפּט אויף דער ערד, פּלעגען זיך איהם פּלאָנטערען צווישען די פיס און ארומשלענגלען ארום די קוטיג־ווייסע שיך און זאָקען.

יקותיאל מלמד איז קיינמאָל ניט געגאַנגען לאַנגזאַם, נאָר

כסדר געלאָפּען מיט דריבנע טריטעלעך, אזוי ווי א שרייטעלע, און קיינמאָל ניט געקוקט אימעצען גלייך אין פּנים אריין בעת ער האָט מיט אימעצען גערעדט, נאָר רק געהויבען די קליינע, מייזעלשע אויגעלעך ארויף צום הימעל און פרום געקנייטשט דעם שטערען. די קורצע, פּוכקע הענדטלעך זיינען כסדר געלאָפען פון דער יאַר־מולקע צום בייכעל, און פון בייכעל צו דער יארמולקע.

מילא ביקצור, די שנאה צווישען די צוויי שכנים איז געוואַקסען ווי א קענסער, און דאס לאָדעניש און די רייסערייען צוליב דאס פּיצעל ערד האָבען ניט אויפגעהערט, ביז אין איין ווינטער, פינס־טערען ווינטער טאָג האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט אַנגעמאכט א סענסאַציע, אזוי אז דאָס שטעדטעל איז געגאַנגען כאָדאָראָם.

פּאַסירט האָט אָט וואָס:

יקותיאל גנב האָט אין געהיים געלאָזט אויפבויען א קלייטעל, און אָפּטשאָטעוועדיג א טאָג ווען מיינע עלטערען זיינען אין דער היים ניט געווען, האָבען א גאַנצע כאַפּטע קאַצאַפּעס אויף שלי־טענס געבראַכט צו פיהרען דאָס פּאַרטיגע קלייטעל און איהם אריינ־געשטעלט צווישען די צוויי כאַטקעס, פון וואָס ביי אונז אין שטוב איז געוואָרען פינסטער, שטאָק־פינסטער.

אייגענטליך האָט די מאַמע מיינע אויך געפּלאַנעוועט צו טאָן דאָס זעלבע; דערפאַר טאָקע איז זי געווען אוועקגעפאָהרען קיין פּראָסקוראָוו צום פעטער יאָשע'ן, ביי איהם אויסצואווינען אביסעל געלט, כדי צו האָבען מיט וואָס דורכצופירען דעם דאָזיגען פּלאַן. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט די מאַמע געמוזט אימעצען פאַר־טרויען דעם סוד, און יקותיאל גנב האָט זיך דערוואוסט דערפון און איהר אָפּגעטאָן אויף טערקיש.

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען די מאַמע מיינע איז צוריק־געקומען פון פּראָסקוראָוו און געפונען דאָס קלייטעל שטעהן צווי־שען די צוויי הייזקעס — דאָס לאָז איך איבער פאַר אייער פאַנטאַ־זיע. א שטיקעל גליק וואָס ער, יקותיאל, מיט זיין ווייב האָבען זיך ערגעץ באַהאַלטען און זיינען גאָר אין שטוב ניט געווען ביז דער מאַמע'ס כעס איז אביסעל אָפּגעגאַנגען, ווען ניט וואָלט זי זיי גע־ווען איך ווייס אליין ניט וואָס געטאָן. און אז דער כעס און די טרערען זיינען אביסעל איינגעשטילט געוואָרען, האָט די מאַמע

מיינע געשוואָרען, אַז זי וועט יקותיאל גנב אוועקשיקען אויף צעהן יאָהר „קאַטאָרזשנע ראַבאָטע״ קיין סיביר.

דערוויי̈ל איז זי אוועקגעלאָפען צום רבי׳ן ר׳ ישראליק׳ל, וועלכער האָט געשיקט דעם שמש רופען יקותיאל׳ן צו א דין־תורה.

האָט גענומען יקותיאל און זיך אריינגעלייגט אין בעט אריין און געזאָגט, אַז ער איז טויט־קראַנק און קאָן צום רבי׳ן ניט געהן. און טאקע, וואָס איז דאָ וואָס צו איילען זיך? יקותיאל האָט גענוג צייט; די קלייט זיינע שטעהט שוין, געלויבט דער אויבערשטער, אויף אַן אָרט. ביי דער טיר פון קלייט שטעהען שוין, גאָט צו דאַנ־קען, צוויי פעסער מיט סמאָלע און זשעגעכץ, און נאָך שבת, אם ירצה השם, וועט יקותיאל׳יכע עפענען דאָס געשעפט, און מיט גאָטס הילף האָבען פרנסה, פאַרקויפען זשעגעכץ צו די פויערים.

די צוויי ציגען אונזערע האָבען זיך דערוויי̈ל א נעהם געטאָן צו דעם דאַך פון דער קלייט און געצופּט פון איהם שטיקערווייז (אונזער אייגענער דאַך איז געוועז פון בלעך).

פלוצלינג איז אין שטוב ביי אונז געוואָרען שטיל. די מאַמע איז אוועק שטיל און שטום, מיט פאַרשלאָסענע ליפּען, און עס האָט זיך געפיהלט א שטילקייט ווי פאַר א שטורעם...

ס׳איז ווידער געקומען דער הייליגער שבת. די מאַמע איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, פריהער ווי ווען עס איז אין א שבת, זיך אויף גיך אָנגעטאָן און דורך דער הינטער־טיר ערגעץ פאַר־שוואונדען אין גאָרטען אריין.

מיט אַן אָפענעם מויל האָב איך איהר נאָכגעקוקט, געזעהן ווי זי שפּרינגט אריבער דעם פּלויט און יאָגט זיך אין דאָרף אריין. מיין הארץ האָט גענומען ציטערען, איך האָב געפיהלט, אַז עפּעס שרעקליכעס וועט הייגט פּאַסירען. דער מאַמע׳ס אויגען האָבען געפינקעלט און געברענט ווי ביי א צערייצטער טיגערין...

איך האָב זיך צוריק פאַרקליבען אויף מיין געלעגער אויפ׳ן אויווען, זיך אוועקגעלייגט לעבען מיין ברודער׳ל משה׳לע, און שטיל מיט איהם גערעדט וועגען דער מאַמע׳ס לויפען אין דאָרף אריין. איך האָב משה׳לען אָנגעשטעקט מיט מיין מורא, און מיר האָבען באַשלאָסען זיך אָנצוטאָן און ארויסגעהן אינדרויסען זעהן וואָס עס וועט דאָ זיין.

אין דרויסען האָט זיך געשטעלט א ווארימער טאָג. די זון האָט געשיינט און געלויכטען און צעלאָזט דעם שמוציגען שניי, וואָס איז געלעגען אויף דער גאַס.

אויף דער גאַס האָבען זיך ארומגעדרעהט דברים־אחרים און זיך געראָיעט אין מיסט. עס האָבען אומגעשפּאַצירט היהנער און טייבעלעך און געפּיקט די קערנער האָבער פון דער גאַס.

עס האָבען זיך גענומען באַווייזען אידען מיט לאַנגע קאַפּאָ־טעס, ווייבער מיט זיידענע טיכלעך און שאַלען אויף די קעפּ. דער עולם האָט זיך געקליבען אין שוהל אריין דאַווענען.

באַלד איז אויך ארויסגעקומען יקותיאל, און נאָך איהם די יקותיאל׳יכע פון זייער שטוב. יקותיאל האָט זיך אָפּגעשטעלט לע־בען דער קלייט, באַטראַכט די צוויי פּעסלעך מיט זשעגעכץ, פון וועלכע עס זיינען אראָפּגעשפּרונגען א פּאָר טייבעלעך, און איז אוועק מיט שנעלע, דריבנע טריטעלעך אין שוהל אריין.

אין עטליכע מינוט ארום זיינען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסען זעקס יונגע קאַצאַפּעס מיט רויטע העמדלעך איבער די ברייטע הויזען, מיט גרויסע העק אין די הענט און זיך אוועק־געשטעלט פאַנאַנדערנעהמען די קלייט.

צוויי זיינען ארויף אויפ׳ן דאַך, צוויי פון הינטען און צוויי פון פאָרענט, און די לופט האָט אָפּגעהילכט פון דעם קנאַקען פון די שאַרפע העק. אזוי אז זיי האָבען איבערגעשראָקען די היהנער און די טייבעלעך, וועלכע האָבען זיך געלאָזט לויפען אויף אלע זייטען.

איך מיט מיין ברודערעל משה׳לע זיינען געשטאַנען פון דער וויטענס מיט פאַרזשמורעטע אויגעלעך און מיט אָפענע מיילער, און געקוקט אויף דער סצענע.

ווי אזוי יקותיאל מיט דער יקותיאל׳יכע האָבען זיך דערוואוסט פון זייער אומגליק, ווייס איך ניט; אימעצער האָט זיי מסתמא גע־לאָזט וויסען. זיי האָבען זיך א לאָז געטאָן לויפען פון דער שוהל. זי פריהער, און ער נאָך איהר, מיט די צעלאָזטע פּאָלעס און מיט די לאַנגע ציצות זיך באַמבלענדיג צווישען די פיס. ביידע האָבען געשריען מיט באַנומענע קולות: „געוואַלד, אידען, ראַטעוועט! געוואַלד, אידען, זעהט וואָס זי טוט! זי קוילעט אונז אָהן א מע־סער! געוואַלד, אידען, ראַטעוועט!"

אָבער ביז זיי זיינען צוגעקומען איז שוין פון דער קלייט געבליבען א הויפען שפענער, וואָס האָבען איינגאַנצען צוגעדעקט די צוויי פעסער מיט זשעגעכץ!

עטליכע טעג האָט דאָס שטעדטעל געקאַכט און געררוישט מיט אַט דער פּאַסירונג. א טייל האָט געהאַלטען מיט דער מאַמע׳ן און איהר געגעבען גערעכט; „וואָס הייסט עפּעס נעהמען און אוועקשטעלען א קלייט און מאַכען פון דער שטוב א פינסטערען קבר? א מצוה אויף איהם, אויף יקותיאל׳קע גנב! זאָל ער ניט מיינען, אַז ס׳איז הפקר א וועלט!“ אנדערע, ווידער, האָבען געהאַלטען מיט יקותיאל׳ן.

בקיצור, ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און דאָס שטעדטעל האָט זיך בארוהיגט. די שפענער האָט מען פון אַלע זייטען ביסלעכווייז צעשלעפּט אויף צו הייצען די אויוועגס. דאָס שטיקעל וויסטע, פארשאָלטענע ערד איז אָפּגערייניגט געוואָרען, און מען האָט ווידער אָנגעהויבען גיסען די פּאָמויניצעס אונטער די פענסטער, ווי אין די גוטע אַלטע צייטען... אין שטוב איז ווידער ליכטיג געוואָרען, א מחיה.

און יקותיאל? וואָס האָט יקותיאל געטאָן?

וואָס הייסט, ער האָט דערלאַנגט א פּראָשעניע צום מיראָוואָיסודיאַ. וואָס האָט איהר געמיינט, ער וועט שווייגען?... ער האָט זיך געשוואָרען, אַז ווען אפילו דער טויט זאָל איהם זיין, מוז ער אוועקשיקען דער מאַמען מיינער אויף צעהן יאָהר קאַטאָרזשנע ראַבאָטע קיין „סימביר“!

אָבער די מאַמע מיינע איז שוין געווען בארוהיגט. איהר פּנים האָט געשיינט און געלויכטען, אָט ווי עס שיינט און לייכט דאָס פּנים פון א מענשען וואָס האָט אַן אויסערגעוועהנליכען זיג איבער זיינעם א בלוטיגען שונא...

דערפאַר איז יקותיאל געזעסען ביי זיך אין אַלקער מיט א פינסטערען, כמורנעם פּנים, האָט געקנייטשט דעם שטערען און די קורצע פוכקע הענדטלעך זיינען געלאָפען פון דער יארמולקע צום בייכעל, און פון בייכעל צו דער יארמולקע און געפּלאָנעוועט זיין נקמה...

אַך, איהר „זיסע“ קינדער־יאָהרען

דעם גאַנצען טאָג האָט געשאָטען א געדיכטער שניי. דער וועג פון דאָרף אין שטעדטעל אריין איז געווען פארשאָטען און פאַרדעקט, אזוי ווי איבערגעדעקט מיט א ווייסען טישטוך.

בלאָנדזשען האָט מען אָבער דאָך ניט געקאָנט, ווייל פון ביידע זייטען וועג זיינען געשטאַנען הויכע טאָפּאָלען־בוימער, פון וועלכע דער שאַרפער, קאַלטער ווינט האָט געריסען פלאַכטעס שניי, וואָס האָבען געשימערירט מיט אלערליי קאָלירען אנטקעגען די שטראַלען פון דער אונטערגעהענדיגער זון און ברילליאַנטען האָבען געפינקעלט ארום און ארום.

עס איז געווען דאָנערשטאָג פאַרנאַכט, און מיר, דאָס הייסט איך (א ניין־יאָהריגער אינגעל) און מיין מאַמע, האָבען זיך געשלעפּט איבער דעם האָזיגען וועג אין טיפען שניי. טראָגענדיג א קאַסטען מיט גלאָז אין איין האַנט און צוהאַלטענדיג א שווערען זאַק אויף די פּלייצעס מיט דער צווייטער האַנט, האָבען מיר זיך מיט אלע כחות געיאָגט כדי אָנצוקומען אין שטעדטעל איידער עס ווערט פינסטער.

די גאַנצע וואָך, פון זונטאָג אָן, האָבען מיר זיך ארומגעשלעפּט איבער'ן דאָרף, געקלאַפּט אין די טירען פון די פּויערשע כאַטקעס — אפשר דאַרפען זיי א שויב אין א פענסטער אריינשטעלען אָדער א גלאָז פאַר א ראַהם פון „יעזוס'עם הייליגער מאַמע“...

עס איז געווען ערשט א פּאָר חדשים נאָכ'ן פּאָגראָם ביי אונז אין שטעדטעל און עס איז געווען פשוט א לעבענס־געפאַהר פאַר א אידען זיך צו ווייזען אין דאָרף, אָבער עס איז קיין ברירה ניט געווען. אין שטוב איז קיין ברויט ניט געווען, און מיר זיינען געווען אַכט קינדער, אלע נאַקעט און באָרוועס און הונגעריג.

ערשט א וואָך פאר׳ן פּאָגראָם האָט מען געפּראוועט דער שוועסטער איטקע׳ס חתונה, און פאַר דער חתונה האָט דער מחותן געסטראַשעט, אז ער וועט דעם חתן פון אונטער דער חופה אוועק־נעמען, אויב מען סילוק׳ט ניט די הונדערט און פופציג רובעל נדן, וואָס מען האָט איהם צוגעזאָגט. האָט מען פארקויפט די איינציגע קוה וואָס האָט אונז אכט קינדער כאָטש אמאָל אביסעל מילך גע־געבען (וויל מען פלעגט דאָך דאָס בעסטע טראָגען פארקויפען) און דער מחותן האָט דעם צוגעזאָגטען נדן געקראָגען.

ווען מען האָט די קוה צוגענומען, האָבען מיר, אַלע קינדער און די מאַמע, געקלאָגט ווי מען באַווײנט א טויטען. א חורבן איז געווען אין שטוב, א פאָרשפּיל צום פּאָגראָם.

און איצט, א פּאָר חדשים נאָכ׳ן פּאָגראָם, ליגט דער טאַטע קראַנק פון די קלעפּ וואָס ער האָט געקראָגען, און איך מיט דער מאַמע׳ן שלעפּען זיך אום איבער׳ן דאָרף אריינשטעלענדיג שויבען, ווערען אויסגעריסען, עסען איין מאָל אין טאָג געבאַקטע קאַרטאָפּעל. אָנגעפּרוירענע פון א גאַנצען טאָג זיך אומשלעפּען צווישען די פויערשע כאַטקעס, ווערענדיג באַפאַלען אַלעמאָל פון אַנדער טיטשקע בייזע הינט, פאַלען מיר אריין ערגעץ ביי א פויער אויף איבערנעכטיגען.

די לעצטע נאַכט זיינען מיר גאָר איינגאַנצען ניט געשלאָפען. מיר זיינען געלעגען אויפ׳ן אויווען און געציטערט, אז דער פויער זאָל ניט קומען מיט א האַק און אונז ביידען דער׳הרג׳ענען.

די מאַמע האָט געמיינט, אז דער פויער שלאָפט; האָט זי אָנ־געצונדען דאָס קאַנעצעל און זיך אוועקגעזעצט איבערצעהלען דאָס געלט פון דעם טאָג לייזונג. פלוצלינג דערזעה איך צוויי אויגען, ווי צוויי גליהענדיגע קויהלען פייער, ארויסלייכטען פון דער פינס־טערניש. האָב איך דער מאַמע׳ן א שטורכע געטאָן אין זייט, און זי האָט באַלד פארלאָשען דאָס קאַנעצעל.

דערנאָך זיינען מיר ביידע די גאַנצע נאַכט געלעגען אין הוילע ציטערניש, געקלאַפּט א צאָהן אָן א צאָהן פאַר שרעק... מיר זיינען געווען זיכער, אז אָט־אָט קומט דער גוי מיט א האַק, דער׳הרג׳עט אונז און נעהמט צו די עטליכע קופּערנע מטבעות, וואָס די מאַמע האָט געהאַט איינגעוויקעלט אין א רויטער פאַטשיילקע.

דאָנערשטאג גאנץ פריה האָבען מיר אויף גיך אנגעטאָן די שווערע, בלאָטיגע שטיוועל אונזערע, זיך איינגעוויקעלט אין די שמאטעס און ארויס פון דער כאטקע. און די מאמע האָט געזאָגט, מיר'ן דארפען גומל־בענשען, וואָס מיר זיינען לעבען געבליבען...

עס איז פארנאכט און מיר שלעפען זיך אין טיפען שניי, באַלאָדען מיט זעק אויף די פלייצעס. אין די זעק געפינען זיך קארטאָפלעס, ציבעלעס, בוריקעס, פאסאָלעס, מעהל א. ז. וו.

מיר געהען געבויגען אין דרייען, עס גיסט זיך פון אונז דער שוויים. די מאמע וויקעלט אלעמאָל דאָס שאַליקעל ארום מיין האלז, איך זאָל זיך חלילה ניט פארקיהלען.

מיר שטעלען זיך ווײַלעוויז אָפּ אָפּרוהען, און בראָדזשענען ווייטער אין טיפען שניי. פלוצלינג גיט די מאמע א וואָרף דעם זאַק אין שניי אריין, לאָזט ארויס א שווערען זיפץ, צוזאמען מיט א קללה אויף איהר ביטערען מזל. איך לייג אויך אראָפּ מיין זאַק, און מיר זעצען זיך אָפּרוהען. זיצענדיג הויבט די מאמע אָן ברעכען מיט די הענט און קלאָגען אויף א קול: „ווער ווייסט וואָס איז מיט רחל'ען געוואָרען! ווער ווייסט צי רחל לעבט נאָך?“

אז מיר האָבען זיך זונטאג גענומען קלייבען אין דאָרף אריין האָט זיך שוין רחל געריכט היינט־מאָרגען צו לייגען אין קימפעט.

רחל איז געוועזן אונזער שכנה, וואָס האָט געוואוינט ביי אונז אין אן אלקער פון זינט זי האָט חתונה געהאט מיט חיים בלאָך דעם לערער.

פינף טויטע קינדער האָט רחל שוין געהאט איינס נאָך דאָס אנדערע, און איצט דארף זי האָבען דאס זעקסטע. און די מאמע ווערט צעגאַנגען פון עגמת נפש: „ווער ווייסט וואָס רחל מאכט דאָרט?“ אויפ'ן הארצען איז דער מאמע'ן מיינער אזוי שווער, אזוי שווער: „גאָט ווייסט, וואָס מיט איהר איז דאָרט געשעהן? פינף טויטע קינדער!...“

מיר נעהמען ווידער די זעק אויף די פלייצעס, מיט די קאסטענס גלאָז, און מיר שלעפען זיך ווייטער. מיר האָבען נאָך גוטע צוויי וויאָרסט זיך צו שלעפען; „זאָל נאָר גאָט געבען כח“ — קרעכצט די מאמע.

די זון גנב'עט זיך צווישען די ביימער און ווארפט קאלטע,

רויטע פּאַסמעס שטראַלען, די לעצטע שטראַלען. באַלד וועט זי איינגאַנצען פאַרשווינדען.

פלוצלינג באַווייזט זיך עפּעס א שווארץ פּינטעל אויפ׳ן וועג אונז אַנטקעגען. דאָס פּינטעל ווערט גרעסער און גרעסער און קומט נעהנטער צו אונז.

מיר שטרענגען אָן די אויגען, וואָס ווערען פול מיט טרערען פון אָנשטרענגונג. ענדליך דערזעהען מיר א פערד מיט א שליטעל.

אינסטינקטיוו בלייבען מיר שטעהן אין מיטען וועג און וואַר־טען — און די מאַמע זאָגט: „ס׳אַרא פינסטער מזל מיר האָבען דאָס; ניכיי וואָלט אַנגעקומען א פערד און שליטען פון הינטען, וואָלט מען אונז אפשר אונטערגעפיהרט אין שטעדטעל אריין! אוי, ביטער מזל, ביטער מזל!"

דאָס פערד און שליטעל קומען אַלץ נעהנטער און — איך דער־קען דעם פעטער חיים (דער מאַמע׳ס ברודער), וואָס זיצט אויפ׳ן שליטען, מיט די פּיס ארויסהענגענדיג פון דרויסען, אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן דישעל — און איך שריי אויס: „מאַמע! זעה נאָר, דער פּע־טער חיים!"

די מאַמע גיט א וואָרף דעם זאַק פון די פּלייצעס צוזאַמען מיט׳ן קאַסטען גלאָז, הויבט אויף ביידע הענט צום הימעל און בלייבט שטעהן ווי א פאַרגליווערטע סטאַטוע, מיט אַן אָפענעם מויל.

ווען דער שליטען איז צוגעקומען נעהנטער און מיר האָבען דערזעהן דעם פעטער חיים׳ס פּנים, וואָס איז געווען ווייס ווי קאַלך, זיינען מיר געבליבען פאַרציטערטע. אין שליטען איז געלעגען עפּעס איבערגעדעקט מיט א לייַלעך.

— חיים! — האָט זיך ביי דער מאַמען ארויסגעריסען א גע־שריי מיט א קול ווי פון קבר ארויס — חיים!...

און דער פעטער חיים מורמעלט ארויס: „איך פיהר רחל׳ען קיין סטאַניסלאַווטשיק אויפ׳ן בית עולם..."

די מאַמע פאַלט אַוועק אין שניי א גע׳חלש׳טע, און דער פּע־טער חיים גיט א ציה די לייצעס פון פערד, דערלאַנגט א שמייס און אַוועק... עס איז שוין שפּעט, און ביז ער וועט קומען קיין

סטאַניסלאַוואָטשיק וועט שוין אודאי זיין צו פינסטער רחל׳ען מקבר צו זיין.

איך לאָז זיך אראָפּ אין שניי און פּרוביר אָפּמינטערען דער מאַמע׳ן. איך רייב איהר מיט שניי דעם קאָפּ און שריי „מאַמע!“ און צעוויין זיך אויפ׳ן קול: „מאַמע! מאַמע!“

ענדליך עפענט די מאַמע איהרע אויגען, ווילדע, ביסטרע, קוקט זיך ארום, זעצט זיך אויף און נעמט זיך שלאָגען מיטביידע הענט אין קאָפּ און שרייען: „אוי, רחל! אוי, רחל! אוי, אומ־גליקליכע רחל! פאַרוואָס האָט מיך דער רוח אוועקגעטראָגען אין דאָרף אריין? פאַרוואָס בין איך ניט געבליבען לעבען דיר? אפשר וואָלט איך דיר געווען געראַטעוועט!“

פון וויטען געהט עפּעס א גוי׳ע פון שטאָדט צוריק אין דאָרף אריין, האַלט ביידע הענט ביי די אויגען און קוקט צו אונז מיט אָנשטרענגונג. די גוי׳ע באַשליסט ביי זיך, אַז זי האָט געזעהן ווי איך שלאָג דער מאַמע׳ן... און האַלט עס פאַר א חוב מיר אָנצו־ברעכען די ביינער דערפאַר...

און זי גיט זיך טאַקע א לאָז צו מיר מיט איהרע קולאַקעס און שרייט: „דו ממזר׳וק, דו באַסטרוק, דו אַזוינער און אַזוינער, אַן אייגענער מאַמע׳ן שלאָגען? איכ׳ל דיר די ביינער צעברעכען!“

די מאַמע האָט דער דאָזיגער גוי׳ע גאָר ניט באַמערקט; זי איז געווען צופיעל פאַרטאָן מיט דעם גרויסען אומגליק וואָס האָט געטראָפען רחל׳ן. איך אָבער האָב דערשפּירט די געפאַהר און זיך געלאָזט לויפען איידער די גוי׳ע האָט מיר דערגרייכט מיט איהרע קולאַקעס...

אָבער די גוי׳ע איז ניט פויל און לויפט מיר נאָך; זי איז אַנטשלאָסען מיך צו באַשטראָפען דערפאַר וואָס איך האָב זיך דער־וועגט צו שלאָגען דער מאַמען, און לויפענדיג שרייט זי און שעלט מיך מיט טויטע קללות.

אַז די מאַמע מיינט האָט דערזעהן אָט די סצענע, ווי די גוי׳ע לויפט מיר נאָך מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטען און אָט־אָט לאָזט זי זיי אראָפּ אויף מיין קאָפּ, האָט זי פאַרגעסען אָן רחל׳ען און אָן אַלץ מיטאַנאַנדער, און מיט איין שפּרונג, ווי א צערייצטע טיגע־רין, איז זי געווען אויף די פיס און גענומען זיך יאָגען נאָך דער

גוי׳ע... מיטביידע הענט האָט די מאַמע דער גוי׳ע א שטופּ געטאָן, פון וואָס זי איז אומגעפאַלען און פאַלענדיג האָבען איהרע קולאַקעס דערלאַנגט מיין פּלייצע, פון וואָס איך בין אויך אומגעפאַלען, און די מאַמע צוזאַמען מיט אונז.

זיינען מיר אַלע דריי געבליבען ליגען איינגעגראָבען אין שניי. עס האָט גענומען א לאַנגע צייט, ביז דער מאַמע׳ן איז געלונגען צו איבערצייגען דער גוי׳ע, אז איך האָב איהר, דער מאַמען, ניט געשלאָגען. אז זי אַליין האָט זיך געשלאָגען מיט די הענט אין קאָפּ אריין פאַר גרויס צער פון רחל׳ס אומגליק.

דאָס איז געווען א טראַגי־קאָמישע סצענע פאַר די געטער זיך קראַנק צו לאַכען...

ענדליך האָט זיך די פּויערטע בארוהיגט און די מאַמע איז צוגעשטאַנען צו איהר, זי זאָל אונז העלפען טראָגען די זעק אהיים.

ווען מיר זיינען אריין אין שטוב מעהר טויט ווי לעבעדיג, איז שוין געווען גוט פינסטער אין דרויסען.

א פאַררויכערטע לעמפּעל האָט קוים געצאַנקט אויפ׳ן מיטען טיש. אַלע קינדער זיינען געזעסען אויסגעזעצט ארום דער הרובע מיט פאַרשמאַכטע ליפּען און געוואַרט אויף אונז, די „ברויטגעבער“.

פון דער אָפענער טיר פון אַלקער, פון וואַנען מען האָט ערשט ניט לאַנג ארויסגעטראָגען רחל׳ען, האָט זיך געטראָגען דאָס שוואַכע פּישטשען פון א ניי־געבוירען נפש׳ל — רחל׳ס זעקסטע קינד, וואָס איז געבוירען געוואָרען דוקא א לעבעדיגס, נאָר רחל אַליין איז געשטאָרבען פון בלוט־פאַרגיפטונג.

איך האָב געמיינט, אז די מאַמע וועט ווידער זיך נעהמען שלאָגען מיט די הענט אין קאָפּ אריין, ארבייטען מעשים, וויינען און קלאָגען; אָבער ניין, די מאַמע, דערהערענדיג דאָס צאַפּעלדיגע געוויין פון דעם נייעם נפש׳ל, האָט אראָפּגעוואָרפען פון זיך די שמאַטעס, פאַרקאַשערט די ארבעל, איהר פּנים איז ווי באַלויכטען געוואָרען, ווי עפּעס א הייליג פייערל וואָלט דאָס אָנגעצונדען. די אויגען האָבען באַקומען א פרישען גלאַנץ און זי איז אריין מיט׳ן לעמפּעל אין אַלקער.

דאָס קינד, א אינגעלע, איז געלעגען איינגעוויקעלט אין שמאַ־

טעם אויפ'ן בעט. די לופט אין דעם פינסטערען אַלקער איז געווען פאַרדומפט און א פוילער גערוך האָט געשטיקט אין האַלז.

לעבען קינד איז געלעגען זיין פאָטער, חיים בלאַך דער לערער, אנגעטאָנענערהייט, מיט די שטיוועל מיט אַלעמען, און דורך די דיקע קורצזיכטיגע אויגענגלעזער האָט ער געקוקט מיט בלאנקע אויגען אויף דער סטעליע.

די מאַמע האָט אַרויסגענומען פון בוזעם די רויטע פאַטשיילקע מיט געלט, זי אריינגעשטופט חיים'ען אין דער האַנט אריין, און א געשריי געטאָן:

— חיים! וואָס ליגסטו ווי א גולם? געה שוין, די מינוט, און ברייננ מיר א ציג! דו הערסט? די מינוט זאָלסטו מיר ברענגען א מעלקעדיגע ציג און זי אוועקשטעלען אין שטאַל, וואו די קוה איז געשטאַנען! און דו, מיין קינד — האָט זי זיך געווענדט צו מיר — לויף אריין צו חיה־איטע'ן, זאָל זי קומען דאָס קינד אָנזוי־נען, און ברענג אריין האַלץ און לייג־אָן פייער אין דער הרובע, זאָל זיין גוט ווארעם אין שטוב.

— איטקע! וואו ביזטו ערגעץ, איטקע? נעהם ארויס די בורי־קעס פון זאַק און שייל זיי אָפּ! — איז די מאַמע אריין אין דער דאַלע פון א קאַמאַנדיר — מיר'ן באַלד צושטעלען קאָכען א באָרשטש. עלקע! נעהם דו ארויס די מעהל פון זאַק און פאַר־ראַשטשינע אויף ברויט! דו הערסט, עלקע!?

אין א שטונדע ארום זיינען מיר אַלע געזעסען ארום טיש, וואו עס איז געשטאַנען א גרויסע ערדענע שיסעל מיט הייסען באָרשטש, און האָבען מיט גרויסע הילצערנע לעפעל געשעפּט פון שיסעל דעם באָרשטש, פאַרביסען מיט פריש־געבאַקענע פּלעצעל, און דאָס כליאָב־טשען פון צעהן מיילער האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם שוואַכען געוויין פון דעם יתומ'ל.

איך וועל די דאָזיגע סימפּאַניע קיינמאָל ניט פאַרגעסען, קיינ־מאָל ניט!

מיר פאָהרען קיין אמעריקע

מיין פאָטער איז געווען א טערקישער אונטערטאַן און האָט פארמאָגט א טערקישען פּאַס. און אַזוי ווי ביי אונז אין שטעדטעל האָט מען דערוואָרט א פּריקאַז, אַז אַלע אידען מיט אויסלענדישע פּעסער זאָלען ארויס פון רוסלאנד, האָט ער זיך אָנגעהויבען קלייבען אין וועג אריין קיין אמעריקע מיט צוויי קינדער — מיט מיר און מיט מיין עלטסטער שוועסטער, עלקע.

דער פּלאַן איז געווען, אַז מיר אלע דריי זאָלען דאָרט ארבייטען און שפּאָרען א גראָשען צו א גראָשען און שיקען נאָך דער מאַמען מיט די איבעריגע קינדער, וועלכע וועלען זיך מוזען דערווייל וואַלגערען ביי קרובים, ווייל דאָס שטיבעל האָט דער טאַטע פאַרקויפט צו אונזער שכן יקותיאל מלמד; און טאַקע מיט דעם געלט, וואָס ער האָט געקראָגען פאַר דאָס שטיבעל, וועלען מיר פאָהרען קיין אמעריקע. אַז די גזירה איז אַרויס, זיינען מיר שוין סיי ווי סיי געווען פאַרטיג צו דער רייזע.

איין שעהנעם פרימאָרגען, ס׳איז נאָך געווען גוט פינסטער אין דרויסען, האָט זיך געצויגען א פראַצעסיע מיט שווערע קלומקעס אויף די פּלייצעס צום וואָקזאַל. דער טאַטע, אָנגעטאָן אין עפּעס א מין לאַנגען כאַלאַט, מיט צעלאָזענע פּאָלעס, ווי פליגעל, איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט פאָראויס, טראָגענדיג אויף די פּלייצעס א גרויסען, שווערען זאַק מיט געצייג, פון וועלכען עס האָט ארויסגעשטעקט א לאַנגער, הילצערנער הובעל. ביי זיין זייט איז געגאַנגען די מאַמע מיט אַן ארונטערגעלאָזענעם קאָפּ און א פאַרוויינט, פינסטער, דערשלאָגען פּנים. הינטער זיי ביידען זיינען געגאַנגען איך מיט דער שוועסטער, אָנגעלאָדען מיט גרויסע, שווערע קלומקעס, אַז מען האָט אונז קוים ארויסגעזעהן.

ארויסבאַגלייט פון שטוב האָט אונז דאָס געוויין פון דריי

שוועסטער, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין שיך צו געהן צום וואָק־
זאַל אונז ארויסצובאַגלייטען...

אין דעם דריטע קלאַס וואַגאָן, וואו מיר זיינען אריין, האָט
געצאַנקט עפּעס א לעמפּעל, וואָס האָט געטשאַדעט מיט א ריח וואָס
האָט זיך אויסגעמישט מיט די אַנדערע „ריחות" פון די שלאָפענ־
דיגע, כראָפּענדיגע פויערים, וועלכע זיינען געלעגען און געזעסען
אויף די הילצערנע בענק פון וואַגאָן.

ביים דריטען קלונג האָט די מאַמע מיך און עלקע'ן נאָכאַמאָל
ארומגעכאַפּט, באַוואַשען אונז מיט טרערען; און צום טאַטען האָט
זי, ווי ניט מיט איהר קול, נאָכגעשריען: „געדענק, ישראל, דו
לאָזסט מיך דאָ איבער מיט זעקס קינדער ווי אויפ'ן וואַסער! גע־
דענק, ישראל!"

דער צוג האָט זיך ראַפּטאַם א ציה געטאָן, און איך האָב צום
ערשטען מאָל דערפיהלט די סענסאַציע פון פאָהרען אויף אן אייזענ־
באַהן...

צוויי חדשים האָבען מיר זיך געוואַלגערט אונטערוועגנס.

ביי דער עסטרייך־דייטשער גרעניץ האָבען מיר זיך אָבגע־
וואַלגערט דריי וואָכען, ווייל דער טאַטע האָט ניט געהאַט גענוג
געלט (יעדער פּאַסאַזשיר האָט געמוזט ווייזען 200 גולדען, אויסער
שיפסקאַרטען און אנדערע רייזע קאָסטען).

אין האַמבורג זיינען מיר אָפּגעלעגען צוויי וואָכען, וואַרטענ־
דיג אויף א געוויסער שיף, וואָס קאָסט ביליגער. דערפאַר אָבער
האָט דער שיפסקאַרטען אַגענט דעם טאַטען געגעבען אן אדרעס צו
זיינעם א גוטען פריינד אין פילאַדעלפיע, וועלכער, לויט ווי דער
אַגענט האָט געזאָגט, איז (דער גוטער פריינד זיינער) א זעהר
גוטער און פאַרמעגליכער מענש, און ער וועט אונז אויפנעהמען ווי
אן אייגענער קרוב...

מיין פאָטער האָט זיך זעהר געפרעהט מיט אָט דעם אדרעס,
ווייל ניט נאָר האָבען מיר קיינעם ניט געהאַט אין אמעריקע, נאָר
לויט אונזערע פינאַנסען האָבען מיר געזאָלט אָנקומען אָן א גראָ־
שען געלט אין דער נייער מדינה.

אין ליווערפּול האָבען מיר ווידער זיך געדאַרפט וואַלגערען
עטליכע טעג.

די שיף, מיט וועלכער מיר זיינען געפאָהרען פון ליווערפּול קיין ניו יאָרק, האָט זיך געשלעפּט ניינצעהן טעג. מיין שוועסטער עלקע, וועלכע איז אָפּגעשוואכט געוואָרען פון ניט דערעסען און פון ארומוואַלגערען זיך, איז געווען אזוי קראַנק דורך דער גאַנצער רייזע אויפ'ן ים, אז זי איז שיעור ניט געשטאָרבען. דאָס עסען אויף דער שיף איז געווען ניט צו נעהמען אין מויל אריין, און עס איז ניט געווען מיט וואָס צו דערקוויקען די נשמה.

א געוויסער פּאסאזשיר, אן עלטערער אידישער בחור, מיט דיקע, קורצזיכטיגע ברילען אויף זיין גראָבער פּרישטשעוואטער נאָז, וועמען מיר האָבען א נאָמען געגעבען „דבר־אחר", האָט גע־פיהרט מיט זיך א גרויסען זאַק מיט אַל־דאָס־גוטס צום עסען און צום נאַשען, האָט זיך ניט געוואָלט שיידען מיט א מאַראַנץ אדער א לימענע אָדער א קוכען, ווען מען ציהט זיך אוים פאַר זיינע אויגען.

שוין דערפאַר אליין האָט ער כשר פאַרדינט דעם נאָמען „דבר־אחר"; אבער ער האָט ארויסגעצייגט זיין שווייניש נאַטור נאָך אויף אן אנדער אופן. ער איז געפאָהרען קיין אמעריקע שוין דאָס צווייטע מאָל און האָט כלומרשט גערעדט ענגליש. נו, איז אַנשטאָט ער זאָל זיין אונזער מליץ־יושר און אונז — שטומע עמיגראַנטען— העלפען קריגען עפּעס בעסערע שפּייז, אדער איבערגעבען דעם קאַ־פּיטאַן פון שיף געוויסע בקשות פון די עמיגראַנטען, אַנשטאָט דעם פלעגט ער גאַר אָפּ'חוזק'ן און אָפּשפּאָטען פון אונזער הילפלאָזיג־קייט אין דער געגענוואַרט פון די מאַטראָזען. קאָנט איהר זיך שוין פאָרשטעלען, ווי אזוי מיר האָבען אָט דעם בחור פיינט געהאַט און געזוכט זיך אָבצורעכענען מיט איהם מיט עפּעס.

זיין גרויסען זאַק מיט שפּייז פלעגט ער האַלטען אויף זיין בעטעל און ניט ארויסלאָזען פון אויג... און כדי צו זיין זיכער, אז בעת ער געהט ארויף אויפ'ן דעק שפּאַצירען וועט קיינער זיין זאַק ניט טשעפּען, פלעגט ער פאַרבינדען דעם זאַק מיט א שטריקעל אויף א קונציגען אופן, אזוי, אז אויב אימעצער זאָל פּרובירען זיך צוריהרען זאָל ער עס גלייך דערקענען. אגב, זיינען דאָרט שטענ־דיג געווען עטליכע מענשען, און קיין גנב האָט ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו בלייבען מיט'ן זאַק אליין...

אז מען זאָל מאכען א שטיקעל קאָנספּיראַציע אנטקעגען איהם, דאָס איז איהם ניט איינגעפאַלען; אָבער מיר האָבען אָפּגעמאכט צווישען זיך, אז בעת ער וועט ארויף אויפ'ן דעק זאָלען מיר זיך א נעהם טאָן צו דעם זאַק...

איך האָב גאַנץ פלייסיג אויסגעשטודירט, ווי אזוי ער פאַר־קניפּט דעם זאַק; און בעת א פּאָר מענשען האָבען דעם בחור גע־היט אויפ'ן דעק, און א פּאָר זיינען געשטאַנען ביי די טרעפּ, כדי צו געבען א סיגנאַל ווען ער וועט זיך לאָזען געהן אראָפּ צו דער קאַיוטע, האָב איך דעם זאַק געעפענט, ארויסגענומען צוויי לימענעס און א מאַראַנץ און עטליכע סוכאַרקעס און איהם צוריק פאַרבונדען ווי געוועזן.

מיין שוועסטער און א פּאָר אַנדערע קראַנקע, וואָס זיינען געלעגען הילפלאָז, האָבען זיך גאָר מחיה געווען. די קאַיוטע איז פון מיין „גנבה" גאָר אויפגעלעבט געוואָרען.

ווען דער בחור איז אריין אין קאַיוטע האָבען אלע געקוקט אויף איהם מיט שרעק, טאָמער דערקענט ער, אז אימעצער האָט זיך געפּאָרעט מיט זיין זאַק, און וועט מאכען א סקאַנדאַל. איך אליין בין געזעסען לעבען מיין שוועסטער און געציטערט. אבער דער „דבר־אחר" האָט גאָרנישט ניט באַמערקט. ער האָט זיך אָנ־געלייגט אין די קעשענעס סוכאַרעס און קיכלעך, פאַרבונדען דעם זאַק און ארויף אויפ'ן דעק.

עס האָט זיך אויפגעהויבען א הורא. איך בין געוואָרען א העלד! אפילו דער טאַטע מיינער האָט מיר צוגעוואָרפען א פריינט־ליכען בליק מיט א שטיקעל שמייכעל...

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָב איך געשלעפּט פון דעם זאַק די „לאַקעטקעס" זיינע, ביז — ער האָט זיך געכאַפּט, אז עס פעהלען איהם מאַראַנצען און לימענעס און האָט גענומען מאכען געוואַלדען, וואָס האָט ארויסגערופען א פאַרשטיקטען געלעכטער ביי די עמי־גראַנטען...

וואָלט איך געווען שכל געהאַט און געזעסען אויף אן אָרט און געשוויגען, וואָלט גאָרנישט ניט פּאַסירט, ווייל קיינער וואָלט ניט געוועזן מיך ארויסצוגעבען. האָב איך אָבער קיין שכל ניט געהאַט. און ווען דער עולם האָט זיך גענומען שטיקען פון געלעכ־

טער, האָב איך, מורא האָבענדיג אז איך וועל זיך ניט קאָנען איינ־האַלטען, זיך א לאָז געטאָן צו די טרעפּ, ארויפגעלאָפען געשווינט ווי א קאַץ און דאָרט אויסגעשאָסען אין א געלעכטער.

דערמיט אבער האָב איך זיך אליין פארראַטען. דער בחור האָט זיך א לאָז געטאָן און זיך גענומען יאָגען נאָך מיר אויפ'ן דעק. אָבער כאַפּען מיך, פארשטעהט זיך, איז איהם לייכט ניט אנגעקו־מען. די מאַטראָזען זיינען געשטאַנען און האָבען הנאה געהאַט פון דעם ספּעקטאַקעל; פון דער קאַיוטע זיינען אויך אַלע ארויפגעלאָפען. מיין טאַטע איז געשטאַנען פון ווייטען און געריבען די הענט — אזוי אז פאר וואָס מורא צו האָבען האָב איך ניט געהאַט. בין איך געלאָפען און געשפּרונגען איבער די קופּעס שטריק און זיך גע־שפּילט מיט איהם, בעת ער, דער „דבר־אחר", האָט געסאָפּעט ווי א גאַנז און געשריען צו די מאַטראָזען אויף ענגליש, זיי זאָלען מיך כאַפּען, ווייל איך האָב איהם בא'גנב'עט. דערצו האָט איין מאַטראָז, נאָך גאָר א יונגער שייגעץ, גאָר אויף איהם רחמנות געקראָגען און— איהם אונטערגעשטעלט א פוס... ער איז געפאַלען מיט'ן פּנים אויף א קופּע שטריק — און עס האָט אויסגעבראָכען א געלעכטער.

אויפגעשטאַנען איז ער מיט א צובלוטיגטער נאָז און צובראָ־כענע אויגענגלעזער... פון וואָס אַלע אין אונזער קאַיוטע האָבען הנאה געהאַט און גענומען נקמה אָן איהם.

וואָס מיך אַמבאַלאַנגט, בין איך ניט געוועזן שטאַרק צופרידען פון דעם וואָס דער מאַטראָז האָט זיך אריינגעמישט; איך האָב געהאָפט, אז דער „דבר־אחר" וועט פארזוכען דעם טעם פון מיין טאַטענ'ס הענט...

פון דאַן אָן איז דער בחור געלעגען ווי א באַגראָבענער, ווייל אָהן די אויגענגלעזער האָט ער זיך ניט געקאָנט ריהרען פון אָרט, און ערשט דאַן האָבען איהם די עלטערע פּאַסאַזשירען געגעבען וואָס איהם האָט געקומט פאר זיינע געמיינע האַנדלונגען געגענאַי־בער די אָרימע עמיגראַנטען. אבער כאָטש ער האָט געשוויגען ווי יורקע'ס הונט, איז ער אָבער געבליבען דער זעלבער דבר־אחר; אראָפּגעהענדיג פון שיף אין ניו יאָרק, האָט ער נאָך אַלץ געהאַט גענוג שפּייז אין זיין זאַק...

* * *

דער אינספעקטאָר אויף עלים איילאַנד האָט אונז אַלע דריי באַטראַכט א ווײַלע מיט א גוטמוטיגען שמייכעל. אויף דער פראַגע: צי האָבען מיר עפּעס געלט? — האָט דער טאַטע מיינער געזאָגט, אַ ליגען, אז ער האָט 25 רובעל, בעת אין דער אמת'ן האָט ער גע־האַט ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי — צוויי קאָפּיקעס. אויף דער פראַגע, צי האָבען מיר אימיצען אין פילאַדעלפיע? — האָט ער מיט שטאָלץ איהם געוויזען דעם אדרעס, וואָס דער אַגענט אין האַמבורג האָט איהם געגעבען און ווידער געזאָגט א ליגען, אז דאָס איז זיינער א לייבליכער קרוב... דער אינספעקטאָר האָט פריינדליך א קלאַפּ געטאָן דעם טאַטען אויף דער ברייטער פּלייצע און גע־זאָגט: „געהט געזונטערהייט!“

געווען איז דאָס א שעהנער, ווארימער זומער־טאָג. א ליכטיגע זון האָט אונז באַגעגענט, בעת מיר האָבען צום ערשטען מאָל באַ־טראָטען די ערד פון דער נייער וועלט אמעריקע.

דריי פאַרוואָגעלטע נשמות זיינען געקומען אין א פרעמד לאַנד, צווישען פרעמדע מענשען מיט א פרעמדען לשון און מיט צוויי קאָפּיקעס אין קעשענע. אויסגעמאַטערטע און צעבראָכענע פון צוויי חדשים ארומוואַלגערען זיך, שטעהען מיר ביי די פריינד־ליכע טויערען פון עלים איילאַנד, וואו מען האָט אונז נאָר וואָס אריינגעלאָזען, און מיר ווארטען אויף א וואָגען וואָס דאַרף אונז צופיהרען צו דער באַהן, וואָס וועט אונז ברענגען קיין פילאַדעלפיע, די שטאָדט פון „ברודער־ליבע“.

פון וויטען שטרעקט צו אונז א האַנט די „סטאַטוע פון פריי־הייט“, פעדלערס מיט פרוכטען און קאָנפעקטען באָטען אונז אָן קויפען זייער סחורה, אָבער... דער טאַטע האַלט פעסט זיינע צוויי קאָפּיקעס...

* * *

אין דעם אמעריקאַנער וואַגאָן, וואָס האָט אין אונזערע אויגען אויסגעזעהן ווי א פּאַלאַץ אויף רעדער, זיינען מיר געזעסען מיט פאַרקלעמטע הערצער. גאָטעניו, וואָס וועט זיין מיט אונז ווייטער? וואו וועלען מיר זיך, דריי מענשען, אהינטאָן מיט א פאַרמעגען פון צוויי קאָפּיקעס?

אָבער אָט זיינען מיר שוין אין פילאַדעלפיע, און נאָך איידער

מיר זיינען ארויס פון וואגאן לויפט אריין א חברה־מאן, מיט א בייטש אין האנט און א בלעכעל פון א טשינאַווניק אויפ׳ן קאַש־קעטעל, און נעהמט שלעפען אונזערע קלומקעס.

ער האָט אונז אריינגעזעצט אין א פארמאַכטען פאיעטאָן, גענומען ביים טאַטע׳ן דעם אדרעס, וואס דער אגענט אין האמבורג האָט אונז געגעבען, פארהאקט די טיר פון פאיעטאָן, און מיר פאָה־רען!

די צוויי פענסטער פון פאיעטאָן זיינען געווען אָפען. די זון איז שוין געווען העט־ווייט ארונטער צו מערב־זייט, און דאס פערד האָט מיט זיינע שטאָלענע פאָדקאָוועס געקלאַפּט אויף די גרויסע מיט שטיינער ברוקירטע גאַסען, געקלאַפּט ריטמיש צום טאַקט עפּעס אַן אומבאקאנט, אומהיימליך לידעל...

דער פאיעטאָן איז ענדליך געבליבען שטעהן. דורכ׳ן פענס־טער האָבען מיר גלייך דערקענט אַ אידישע גאַס. אידישע פנים׳ער, אידישע קינדער, מען הערט אַ אידיש וואָרט. ס׳איז א געשעפט־גאַס, א מארק־גאַס, מען קויפט און פארקויפט און ס׳איז א טומעל, ווייבער דינגען זיך. ס׳ווערט אביסעל פרעהליכער אויפ׳ן הארצען (ס׳איז געווען סאַוט סטריט)...

דער אָנטרייבער פון אונזער פאיעטאָן איז ערגעץ פארשוואונ־דען. באלד קומט ער צוריק, עפענט די טיר פון פאיעטאָן און שטור־פענדיג דעם אדרעס דעם טאַטען אין פנים אריין, רעדט ער עפּעס מיט א פרעמד לשון און קוועטשט מיט די פּלייצעס און דרעהט מיט׳ן קאָפּ.

ס׳איז באלד געוואָרען קלאָר, אז אויף דעם אָנגעגעבענעם אדרעס וואוינט ניט קיינער מיט דעם אָנגעגעבענעם נאָמען (דער אגענט האָט דעם טאַטען אָפּגענאַרט).

א מינוט איז דער אָנטרייבער געשטאַנען, באטראַכט מיין פאָטער, געזעהן ווי עס בייטען זיך ביי איהם די קאָלירען אין פנים, ווי ער סטאַרטשעט אוים א פּאָר אויגען אויף איהם, עפּעס אזוי ווי ער דערקענט איהם ניט... אָבער באלד הויבט דער גוי ווידער אָן רעדען, צוערשט ווייך, העפליך, דערנאָך ווערט זיין טאָן אביסעל העכער, שארפער, און ער ווייזט דעם פאָטער צוויי גאנצע פינגער און א האלבען... ער וויל, הייסט עס, דער טאַטע זאָל איהם געבען

צוויי מיט א האַלבען דאָלאַר, וועט ער אונז ארויסלאָזען פון זיין פאַיעטאָן מיט די קלומקעס מיט אַלעמען...

אזוי שנעל ווי ס'איז געוואָרען קלאָר וואָס דער גוי וויל — רופט זיך אָפּ מיין פאָטער צו איהם, און דוקא אויף רוסיש, „מענש איינער, פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט, אז דו וועסט זיך היי־סען באַצאָהלען? איך האָב געמיינט, אז דאָס געהערט אַלץ צו דער שיפסקאַרט... האָסטו דען ביי מיר געפרעגט, צי וויל איך דינגען א פאַיעטאָן? אָט האָט מען אונז פון דער שיף צו דער באַהן צו־געפיהרט אויך מיט א פאַיעטאָן און מען האָט ביי מיר קיין געלט ניט געמאָהנט. אגב האָב איך טאַקע ניט אזויפיעל געלט." און דער טאַטע נעהמט ארויס פון קעשענע די שטארק אָפּגעריבענע צוויי־קאָפּיקענע מטבעה און ווייזט איהם: „נאַ, זעה! דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג..."

די גאַנצע צייט וואָס דער טאַטע האָט גערעדט, האָט דער גוי געשוויגען און געקוקט דעם טאַטען אין מויל אריין. אָבער אז דער גוי האָט דערזעהן די קופּערנע מטבעה אין טאַטענ'ס האַנט, איז איהם געוואָרען קלאָר, אז מיט זיינע צוויי און האַלב דאָלער האַלט עס שמאָל... און ער האָט געעפּענט א מענה־לשון און גענומען שרייען. נו, פאַרשטעהט זיך, אז א מענש הויבט אָן שרייען, לויפט מען זיך צוזאַמען, ווערט דער פאַיעטאָן ארומגערינגעלט מיט גאַסען־קינדער, וועלכע הויבען אויך אָן שרייען איינער צום אַנדערען: „לוק, לוק, גרינהאָרענס! דעט'ס גרינהאָרנס!"

גרויסע מענשען געהען אויך צו, קוקען זיך איין, גיבען א שמייכעל און געהען זיך זייער וועג.

אפילו די זון האָט זיך פאַר א סעקונדע אָפּגעשטעלט, א קוק געטאָן אויף אונז דורכ'ן פענסטער און פאַרשוואונדען. ס'האָט אָנ־געהויבען ווערען טונקעל...

מיט אַמאָל איז דורכ'ן פענסטער אריינגעפלויגען א פאַרפוילטע טאָמייטע דעם טאַטען גלייך אין פּנים אריין, פון וואַנען זי האָט זיך צעגאָסען אויף דער ברייטער, צעקעמטער באָרד און אונז ביי־דען, מיך און דער שוועסטער, אויך באַשפּריצט. פון דרויסען האָט זיך דערהערט א הורא און דאָס געלעכטער פון די קינדער.

דער גוי האָט אויף א מאָמענט אויפגעהערט שרייען און זיך

צעלאַכט. דער טאַטע האָט זיך צוערשט ווילד ארומגעקוקט פון אלע זייטען, דאַן איז ער געבליבען זיצען מיט א פנים פון א מת, — און צום ערשטען מאָל האָב איך דערפיהלט א מין געפיהל וואָס איז עהנליך געווען צו רחמנות — ניין, ליבשאַפט, צום טאַטען...

דערנאָך האָבען גענומען פליהען באַנאַנאַ־שאָלעכץ, פאַרפוילטע עפעל און אנדערע זאַכען. ביים טאַטען זיינען די אויגען געווען נאַס. טרערען אין מיין טאַטענ׳ס אויגען! דאָס האָב איך פריער קיינ־מאָל ניט געזעהן... ער האָט מיטביידע הענט פארשטעלט דאָס פנים און ארויסגעשלוכצט: „וואָט טעביע אמעריקע!"

און דער גוי — ער שרייט און וואַרפט זיך און סטראַשעט, אַז ער וועט אונז נעהמען צו דער פאָליציי...

און אידען געהען פאַרביי, קוקען אַן דעם בייז־וואונדער, און איינער פון צעהן פרעגט „וואָס איז דאָ?" — טוט א ציה מיט די פלייצעס און געהט ווייטער. אָבער דאָס רעדעל פון גאַסען־קינדער און גאַסען־מענשען ווערט גרעסער און געדיכטער.

ענדליך איז פאַרט געקומען אונזער מלאך־הגואל.

דאָס איז געווען א קליין, דאַר אידעל, מיט א קליין, שווארץ בערדעל און אַן אַלט קאַפעלושעל, וואָס איז געווען אראָפּגערוקט איבער די אויערען, מיט א גרויסען זאַק אויף די פלייצעס (אין זאַק זיינען געלעגען קאָרקעס פון ביר־פלעשער, מיט וועלכע ער האָט געפעדלט).

אָט דאָס אידעל האָט זיך מיט מסירת נפש גענומען שטופען דורכ׳ן רעדעל גאַסען־יונגען, וועלכע האָבען זיין קאַפעליושעל נאָך מעהר ארונטערגעקלאַפט... איינטיילענדיג איהם דערביי קלעפ און סטוסאַקעס פון אלע זייטען. דאָס האָט איהם אבער ניט צוריקגעהאַל־טען; ער האָט זיך דערשלאָגען צום פאָיעטאָן, באַצאָהלט דעם גוי די צוויי מיט א האלבען דאָלער און געהייסען איהם צופאָהרען אין א דערבייאיגען געסעל.

דער פאָיעטאָן האָט זיך גערירט פון אָרט, אונטער דער הוראַ־באַגלייטונג און שטיינער־וואַרפעריי פון די גאַסען־יונגען.

אונזער גוטער מלאך האָט אונז צוגעפיהרט צו א גרויסער שטוב פון רויטע ציגעל, וואָס איז געשטאַנען אין דעם זייטיגען, שמאָלען געסעל. ער האָט אונז געהאָלפען ארויסשלעפען די קלומ־

קעם פון דעם פאַיעטאָן און אונז אריינגעפיהרט אין דער גרויסער שטוב.

אין דרויסען איז שוין געווען גוט פינסטער. ווען מיר זיינען אריין אין דעם גרויסען צימער האָט אויף א לאַנגען טיש, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט פון צימער מיט לאַנגע בײנק פון ביידע זייטען, געברענט א לאָמפּ. לאַנגע שאָטענס זיינען געפאַלען אויף די ווענט פון עטליכע אידען, וואָס זיינען געזעסעןביים טיש און געגעסען וועטשערע.

מיר האָבען דעם גאַנצען טאָג גאָרנישט ניט געהאַט אין מויל, און דער ריח פון געקעכץ האָט מיר א זעץ געטאָן אין נאָז, אז איך האָב שיער ניט גע'חלש'ט פון הארצקלעמעניש.

מיר האָבען זיך צוגעזעצט אויף א באַנק, און אונזער גוטער מלאך איז צוגעגאַנגען צו אַן אלטען אידען מיט א לאַנגער, גרויער באָרד, וואָס איז געזעסען ביים טיש און געגעסען, און איהם עפּעס איינגערוימט א סוד אין אויער אריין.

דער דאָזיגער איד, וועמען מען האָט גערופען אברהם מלמד, און וועמעס שטוב מען האָט גערופען „אברהם אבינו'ס האָטעל", האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש, צוגעקומען צו אונז, אפּגעגעבען א פריינדליכען ברוך-הבא און שלום-עליכם.

אין עטליכע מינוטען ארום זיינען מיר שוין געזעסען ביים לאַנגען טיש, צוזאַמען מיט אונזער גוטען מלאך, און געגעסען וועטשערע, — אונזער ערשטע וועטשערע אין אַמעריקע...

* * *

נאָך וועטשערע האָבען אידען געפיהרט א שטילען, געהיימניס-פולען געשפּרעך...

געפיהרט דעם געשפּרעך האָט ניט קיין אנדערער ווי טאַקע אונזער גוטער מלאך.

פאַר איהם אויפ'ן טיש איז געלעגען א בלאַט-צייטונג אין ענגלישע. אין דער מיט פון דעם בלאַט זיינען געווען די בילדער פון פינף מענער, און אונזער גוטער מלאך האָט דערצעהלט, אז אָט די פינף מענער זיינען „אַנאַרכיסטען", וועמען מען האָט היינט, פינף אזייגער פאַרטאָג, אויפגעהאַנגען אין דער שטאָדט שיקאַגאָ; און אז דאָס לאַנד קאָכט און רוישט ווי א קעסעל. עס איז א סברא,

האָט ער דערקלערט, אז די דאָזיגע פינף „אנארכיסטען" זיינען קרבנות פון א פארשווערונג און זיי זיינען גאנץ אומשולדיגע מענשען, וועמען מען האָט באשולדיגט אין ווארפען א באָמבע, וואָס האָט דער'הרג'עט עטליכע פאָליסלייט.

דאָס וואָרט „אנארכיסטען" האָב איך געהערט צום ערשטען מאָל.

פון „סאָציאַליסטען" האָב איך יאָ געהאט א שטיקעל באגריף; אין דער פאַנטאַזיע האָב איך זיך פאָרגעשטעלט: סטודענטען מיט רויטע היטעלעך... אבער וואָס מיינט „אנאַרכיסטען"? עס האָט זיך מיר זעהר געוואָלט פרעגען ביי אונזער מלאך, נאָר איך האָב זיך פשוט געשעמט. אָבער אן אנדערער, עפּעס א גרינער איד, האָט א פרעג געטאָן: „וואָס מיינט דאָס אנאַכריסטען"?

אונזער גוטער מלאך האָט א שמייכעל געטאָן און געזאָגט: „אַן אנאַרכיסט — ניט אנאַכריסט" — איז כמעט דאָסזעלבע וואָס ביי אונז אין רוסלאנד א „ניהיליסט", אזא איינער, וואָס האָט דער'הרג'עט דעם צאַר אלעקסאנדער דעם צווייטען."

און ער האָט זיך גענומען דערצעהלען פון דעם סטרייק, וואָס איז אָנגעגאנגען אין שיקאגא און האָט געפיהרט צו דער היימאַרקעט טראגעדיע.

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען, איז ארויס אויף דער גאָס און איז באלד צוריקגעקומען מיט א גרויסער קאווענע אונטער'ן אָרעם, וועלכע טאקע ער אליין האָט מיט גרוים כונה צעשניטען און אונז אלעמען מכבד געווען. דאן האָט ער אונז אלעמען געזאָגט „א גוטע נאכט" און איז אוועק, צוזאָגענדיג צו קומען מאָרגען, בלי נדר. און ווענדענדיג זיך צו מיין פאָטער האָט ער געזאָגט: „ניט געזאָרגט, ר' ישראל, גאָט וועט העלפען, איהר'ט אלע קריגען ארבייט און גאָר אינגיכען אריבערברענגען די פאמיליע..."

— הלואי, פון אייער מויל אין גאָט'ס אויערען — האָט מיין טאטע מיט א פרעהליכען קול איהם נאָכגעשריען.

דער אלטער איד, אברהם מלמד, איז נאָך געזעסען א ווילע און שטיל געשמועסט מיט מיין פאָטער. דערנאָך האָט ער אונז ארויפגעפיהרט, איבער געדרעהטע טרעפּ צו א דאך־שטיבעל, וואו

עס זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע הילצערנע בעטען. און כאָטש די בעטצייג איז ניט געווען באזונדערס וויים, אדער זויבער (די ליילעכער און די קישעלעך זיינען ערטערווייז געווען דעקאָרירט מיט קליינע בלוט־פלעקען...), האָבען מיר זיך גאַנץ גערן איבער־געגעבען אין די אָרעמס פון שלאָף און צו די אמעריקאַנער וואַנצען, וועלכע זיינען געווען די ערשטע הנאה צו האָבען פון אונזער בלוט— איידער מיר זיינען אוועק ארבייטען אין די פאבריקען.

מיינע ערשטע צוויי „דזשאָבס“ אין אמעריקע

1.

אזוי גיך ווי מיר האָבען נאָר איבערגענעכטיגט די ערשטע נאכט אין אמעריקע אין „אברהם אבינו׳ס האָטעל“, און די אמעריקאנער וואנצען האָבען זיך — לויט די סמנים אויפ׳ן בעטגעוואנט — מיט אונז ניט גענאַרט... איז אויפ׳ן צווייטען טאָג שוין געקומען עפּעס א רויט אידעל, מיט גרינע ביטרע אויגעלעך און א פּעטען קאַרק, זיך פאַרגעשטעלט פאר מיין פאָטער אלס „מאַנופעקטשורער“ פון מענער הויזען און זיך דערקלערט גרייט צו נעהמען מיין שוועסטער עלקע׳ן צו דער ארבייט.

צוויי וואָכען וועט ער זי לערנען די מלאכה, „פינישען“ הויזען, און דאַן — אויב זי איז נאָר פעהיג — קאָן זי פאַרדינען ביז דריי און פיער דאָלערס א וואָך.

די צוויי וואָכען, נאַטירליך, וועט זי גאָרנישט ניט פאַרדינען. ער — אָט דער רויטער פאַראַזיט — איז פיין גענוג עלקע׳ן צו לער־נען די מלאכה אָהן א פּעני געלט! און זיינע ביטרע גרינע אויגע־לעך האָבען זיך איינגעגעסען אין עלקע׳ס געזונטע רויטע באַקען... און מיין שוועסטער איז, א טאַנצענדיגע, א גליקליכע, אוועק מיט דעם רויטען אידעל.

מיין טאַטע האָט זיך געפרעהט: פאַרט אמעריקע — ערשט געקומען, און שוין האָט זי, די שוועסטער הייסט עס, געקראָגען אר־בייט. און זי וועט פאַרדינען דאָלארען!

איצט, וואָס טוט מען מיט דעם בחור? — מיט מיר, הייסט עס.

ווערט עס באַשלאָסען: היות, אזוי ווי איך בין ניט נאָר א גרינער אין אמעריקע, נאָר טאַקע גרין און געל אויפ׳ן פּנים, קליין

אין וואוקס און איינגעדארט ווי א שטיקעל דארע קישקע, איז דאָס בעסטע: איך זאָל ווערען א פּעדלער. וואָס קען זיין בעסער?

און טאקע דעם זעלבען טאָג האָט מען מיך אויסגעסטראָצעלט מיט א היבשען קאָשעק, אָנגעפּילט מיט קעסטלעך שוועבעלעך, און מען האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין „סאָוט סטריט“—וואָס איז דאַן געווען די הויפּט אידישע געשעפטס־גאַס — און מען האָט מיר גע־הייסען שרייען: „מעטשעס, טרי פּאָר פייוו!“

זיי, דעם טאַטענ׳ס עצה־געבער איז לייכט געווען צו זאָגען: „שריי — „מעטשעס, טרי פּאָר פייוו“. ווי איז אָבער דער דין, אַז דו פּיהלט זיך עפּעס אזוי ווי דו וואָלסט געוואָרען א בעטלער... און די משונה־קלינגענדיגע ווערטער „מעטשעס טרי פּאָר פּייוו!“ ווייזען זיך דיר אוים ווי דו וואָלסט געשריען: „מענשען! גיט מיר א נדבה“... און זיי בלייבען דיר שטעקען אין האַלדז... און דו קאָנסט פאר קיין פאַל ניט ארויסברייננגען מעהר ווי א שטילען מור־מעל?...

בין איך מיר אזוי אָפּגעשטאַנען דעם טאָג, מיט א שטיק אין אָווענט אריין, און בין צוריקגעקומען מיט אלע קעסטלעך שוועבע־לעך.

אין אברהם אבינו׳ס האָטעל האָט אויסגעשאָסען א גרוים גע־לעכטער, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין געקומען אָהן א פּעני לייזונג...

דער טאַטע מיינער איז געזעסען און דאָס פּנים האָט איהם געפלאַמט פון בושה, וואָס ער האָט אזא אידיאָט א זוהן, און זיינע אויגען האָבען געשאָסען פייער אויף מיר...

איך האָב אַוועקגעשטעלט דעם קאָשעק, און קאַלט און טרוקען א זאָג געטאָן: „איך וויל ניט זיין קיין פּעדלער; איכ׳ל בעסער געהן ארבייטען.“

דער עולם גרינע אידען האָט אויפגעהערט לאַכען און זיך וויצ־לען איבער מיין שלים־מזל׳דיגקייט, און האָט גענומען מיר צור־ווארפען רחמנות׳דיגע בליקען — א שלים־מזל, נעבעך!

און עס ווערט טאקע באַלד באשלאָסען, אַז מען זאָל מיך פּיה־רען אין א לעדער־פאבריק, וואו מען נעהמט־צו אָט אזעלכע גרינע לאָ־יוצלח׳ס ווי איך בין.

אויפמאַרגען גאַנץ פרי, זעקס אַזייגער, האָט מיך דער טאַטע אויפגעוועקט, און עפּעס אַ לאַנגער, דאַרער בחור — מיט אַ נאָז ווי ביי אַ פּאַפּוגאַי, פון וועמען ס׳האָט זיך געטראָגען אַ שרעקליך מיאוס׳ער גערוך — האָט מיך אוועקגעפיהרט אין אַ לעדער־פאַבריק.

נאָך איידער איך בין אריין אינעווייניג אין דער פאַבריק, האָט מיר אַ האַק געטאָן אין נאָז אַ געשטאַנק, וואָס האָט אין מיר איבער־געקערט די גאַל... דער בחור האָט מיך אריינגעפיהרט אין אַ האַלב פינסטערען קאָרידאָר איבער עטליכע נאַסע, גליטשיגע טרעפּ, און האָט מיך געלאָזט שטעהן אויף אַ בריקעל, וואָס איז געהאַנגען אין דער לופט איבער דעם גרויסען דאַמף־קעסעל פון אינדזשען, וואָס האָט געטריבען די רעדער פון די ריזיגע מאַשינען.

עס האָט געדויערט עטליכע מינוט ביז איך האָב זיך צוגע־וועהנט צו דער האַלב פינסטערניש און דער פּאַרע, וואָס האָט אָנ־געפילט דעם חלל, אַזוי ווי אין אַ רוסישער באָד. די גאַנצע צייט האָב איך זיך אָנגעהאַלטען מיט די הענט אָן דער פאַרענטשע פון דעם בריקעל, ווייל אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרעהט פון דעם שרעקליכען געשטאַנק, אַז ס׳איז טאַקע געווען גליטשיג אונטער די פיס, און איך האָב מורא געהאַט זיך ניט אַראָפּצוגליטשען גלייך אויפ׳ן דאַמף־קעסעל...

אַרום מיר זיינען געשטאַנען נאָך עטליכע בחורים, פונקט אַזעלכע גרינע ווי איך, נאָר גרעסערע, שטאַרקערע פון מיר. (איך בין געווען קליין, איינגעדאַרט און האָב אויסגעזעהן ווי אַ 12־13 יעהריגער אינגעל, ווערענד איך בין שוין געווען באַלד 18 יאָהר אַלט)...

פּלוצלינג האָב איך דערפיהלט אַ זעץ איבער מיינע אויערען, ווי מיט צוויי האַמערס, און אַ שאַרפער וועהטאָג האָט ווי עלעק־טריזירט מיין גאַנצען קערפּער. ווען אַ בחור׳ל, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר, כאַפּט מיך ניט אָן פאַר דער האַנט, וואָלט איך זיכער געווען אַרונטערגעפאַלען פון בריקעל אויפ׳ן דאַמף־קעסעל.

דער שאַרפער וועהטאָג האָט באַלד אויפגעהערט, אָבער איך בין געבליבען טויב — טויב ווי די וואַנט!

וואָס איז געשעהן? גאַרנישט איז געשעהן, נאָר פונקט אונ־טער דעם פאַרפלוכטען בריקעל איז געווען דער ריזיגער פייפער,

דער „פאַבריק פּייפּער", וואָס לאָזט וויסען די שקלאַפען, אַז עס איז 7 אַזייגער, און מען דאַרף זיך נעהמען צו דער אַרבייט... אָט דער פּייפּער האָט דאָס מיר דערלאַנגט דעם זעץ איבער די אויערן און מיך פאַרטויבט...

אין עטליכע מינוטען אַרום איז צוגעקומען דער „פאָרמאַן", אַ ריזיגער בלאָנדער דייטש, האָט אונז אַלעמען באַטראַכט אַ ווײַלע שטומערהייט, דאַן האָט ער אַ וואונק געטאָן, אַז מיר זאָלען איהם נאָכגעהן — ניט אַרויסרעדענדיג קיין וואָרט.

איך געה צוזאַמען מיט די אַנדערע בחורים, און איך פיהל נאָך אַלץ אַז איך בין טויב. עס זשומעט מיר אין די אויערען, און איך האַלט זיך קוים אויף די פיס...

דער פאָרמאַן האָט אונז אַרונטערגעפיהרט אין אַ קעלער, וואו דער געשטאַנק איז געווען נאָך גרעסער, נאָך שאַרפער, עס האָט גע־קעהרט די גאַל, און דאָרט האָט ער אונז צעשטעלט אַרבייטען.

די אַרבייט איז באַשטאַנען פון אַרויסשלעפען פון אַ גרוב שווערע, נאַסע, שטינקענדיגע פעלען, וואָס האָבען זיך דורך דער נאַכט געווייקט אין אַזעלכע כעמישע שטאָפען, און זיי צוטראָגען צו אַ מאַשין, וואָס האָט אָפּגערייניגט די האָר פון די פעלען, דאָס אַלץ.

און פאַר שלעפען אָט די פעלען פון גרוב דעם גאַנצען טאָג, פון 7 אינדערפריה ביז 6 פאַרנאַכט (מיט בלויז אַ האַלבע שעה פאַר מיטאָג) זעקס טעג אין וואָך, האָב איך געקראָגען דריי דאָלאַר אַ וואָך, — 50 סענט פאַר צעהן מיט אַ האַלב שעה אַרבייט אַ טאָג! און דאָך —

אין אָט דער פאַבריק האָב איך אָפּגעאַרבייט פיער וואָכען, ביז איך בין קראַנק געוואָרען! קראַנק געוואָרען בין איך דערפון, וואָס איך פלעג געהן אַהיים אין דיזעלבע נאַסע, שטינקענדיגע הויזען, וואָס איך האָב געטראָגען ביי דער אַרבייט. און אַזוי ווי אינדרויסען האָט שוין געבלאָזען אַ קאַלט ווינטעל און דער הערבסט מיט זיינע רעגענס האָט מיך געוואַשען, פונקט ווי ער וואָלט וועלען פון מיינע מלבושים אַראָפּוואַשען דעם געשטאַנק פון דער לעדער פאַבריק, — נו, האָב איך זיך שטאַרק צוגעקיהלט און מיינע פיס זיינען גע־שוואָלען געוואָרען פון די כעמישע שטאָפען, אין וועלכע זיי האָבען זיך יעדען טאָג געווייקט.

2.

דער טאַטע מיינער האָט די גאַנצע פיער וואָכען פּראָבירט געפינען א פּלאַץ, וואו ער זאָל ניט דאַרפען ארבייטען שבת; אבער זיין מיה איז געווען אומזיסט.

ענדליך האָט ער זיין באַלעבאַטישע באָרד גאַנץ געשמאַק ארומגעשניטען און איז אוועק ארבייטען אין א מעבעל־פאַבריק פאַר פינף דאָלאר א וואָך.

געווען איז דאָס שטיק־ארבייט. מען האָט איהם געגעבען מאַכען 50 בעטען, פאַר וועלכע מען האָט געצאָהלט 10 דאָלאר, און אויף וועלכע ער האָט געארבייט שווער צוויי וואָכען צייט, 11 שטונדען א טאָג.

בעת איך בין קראַנק געוואָרען, האָבען מיר נאָר־וואָס געהאַט זיך אריבערגעקליבען פון „אברהם אבינו׳ס האָטעל" אין א פּריוואַט צימער, וואָס דער טאַטע האָט געדונגען פאַר 3 דאָלער א חודש, מיט קאַווע און מיט וועטשערע קאָכען, פאַר וואָס ער האָט גערדאַרפט באַצאָהלען 8 סענט פאַר׳ן פונט פלייש עקסטרע.

אריינגעקליבען האָבען מיר זיך צו א אידען מיט׳ן נאָמען „חיים דער בלינדער", וועלכער האָט געוואוינט אין א שמאָל, שמוציג צווישען־געסעל, מיט מעהר נעגערס ווי אידען.

די הייזקע, אין וועלכער חיים דער בלינדער מיט זיין פאַמיליע האָבען געוואוינט, איז באַשטאַנען פון דריי ניט איבעריגס גרויסע צימערען, איינער אויף דעם אנדערען, און צו די אויבערשטע צוויי האָט מען געדאַרפט קלעטערען אויף געדרעהטע טרעפּלעך.

אונזער צימער איז געווען אויף׳ן דריטען שטאָק.

די ווענט פון דעם צימער זיינען געווען אויסגעקלעפּט מיט עפּעס א שפּאַליר מיט רויטע און געלע קווייטען, און די מעבעל איז באַשטאַנען פון צוויי אייזערנע, פאַרזשאַווערטע בעטען און א קליין טישעל צווישען די בעטען, דאָס אלץ!

חיים דער בלינדען׳ס משפּחה איז באַשטאַנען פון א לאַנגער, דאַרער אידענע מיט׳ן נאָמען חנה, און פינף קליינע קינדער — אלע אינגלעך. חיים דער בלינדער האָט געפּעדעלט מיט שיך־בענדלעך, און פיער פון די פינף קינדער האָבען אויך געפּעדעלט, — ווער מיט צייטונגען און ווער מיט מעטשעס א. אז. וו.

ביי חיים דעם בלינדען, אזוי שנעל ווי א קינד האָט זיך גע־שטעלט אויף די פיסלעך, האָט מען איהם געשיקט פעדלען. ווי נאר די קינדער זיינען געקומען פון שול, האָט די מאַמע, חנה די לאנגע, זיי געגעבען א שטיקעל ברויט און זיי ארויסגעשיקט מיט די קויש־לעך אין גאַס אריין ביז 9 אזייגער אין אווענט.

ניין אזייגער זיינען שוין טאַטע־מאַמע געזעסען ביים טיש און געוואַרט אויף די פיער „באיטשיקלעך“, ווי חנה פלעגט זיי רופען. די „באיטשיקלעך“ פלעגען ארייגלויפען ווי די היישעריקען, האַלב נאַקעטע, באָרוועסע, פארשוויצטע און פארשמירטע, און ארויסשיי־טען די פענים אויף'ן טיש. ערשט דערנאָך פלעגט די מאַמע זיי ארומטאַפען פון קאָפּ ביז די פיס... צי האָבען זיי ניט ערגעץ פאַר־שטעקט א פעני...

חיים דער בלינדער האָט געהאט בלויז איין אויג, דאָס רעכטע; דאָס לינקע איז געווען איינגאנצען אויסגערונען און צוגעמאכט. דערפאַר אָבער האָט דאָס איינע אויג ביי איהם געברענט ווי א העליש פייער, ספעציעל ווען חנה האָט געבעטען מעהר געלט ווי ער פלעגט איהר צוטיילען יעדען טאָג אויף צו לעבען...

חיים איז געווען ניט קיין מיאוס'ער איד. מיט א פולבלוטיגען גלאַט־ראַזירטען פנים און ארויף־פארקעמטע בלאָנדע האָר. זיין איינציגע בלויע אויג איז געווען גרויס און רונד און האָט געלויכטען ווי א לאַמטערנע. און אז חיים האָט געלאַכט, האָט מען געקאָנט הערען אויף דער צווייטער גאַס.

זיין חנה איז אזוי לאנג געגאַנגען צו די טשאַריטיס און גע־וויינט, אז זי מאכט קיין לעבען ניט, ביז זי האָט אויסגעוויינט 8 דאָלער א וואָך...

די דאָזיגע שטיצע האָט זי געקראָגען היבשע עטליכע יאָהר, ביז די טשאַריטיס האָבען זיך דערוואוסט, אז חנה האָט שוין פיינע עטליכע הונדערטער אין די בענק...

מיט א סך יאָרען שפּעטער, ווען איך האָב באזוכט פילאַדעל־פיע, האָב איך זיך דערוואוסט, אז צוויי פון חיים דעם בלינדען'ס זיהנדלעך זיצען אין טורמע, און איינער איז ערגעץ פארשוואונדען און זיי ווייסען ניט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען.

דערפאַר אָבער איז חיים דער בלינדער שוין געווען איינער פון די רייכסטע ריעל־עסטייטניקעס אין פילאַדעלפיע; זיין פעקארד קאַר האָט געטריבען א שוואַרצער שאָופער, אָנגעטאָן אין ליווריי, און זיין לאַנגע חנה איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיידענס און אין סאַמעט...

3.

איז בעת איך בין קראַנק געוואָרען האָבען מיר נאַר־וואָס גע־האַט זיך אריבערגעקליבען צו חיים דעם בלינדען, און דאָרט אויבען אין דעם צימערעל בין איך געלעגען און געפיבערט.

דער טאַטע האָט געזאָגט, אז איך וועל זיך איבערליגען א פּאָר טעג וועל איך זיין אַלרייט.

אָבער די לאַנגע חנה האָט אנדערש געדענקט... זי איז אוועק צו די טשאַריטיס, וואו זי איז געווען א גאַנצער בן־בית, און מען האָט פון דאָרט געשיקט אן אונטערזוכערקע, א פרוי.

די דאָזיגע פרוי האָט מיך באַטראַכט, מיר א טאָפּ געטאָן ביים קאָפּ, געשטעלט עטליכע פראַגען אויף דייטש, און איז אוועק.

אין א שטונדע ארום איז געקומען אן אמבולאַנס און מען האָט מיך צוגענומען אין האָספּיטאַל, וואו איך בין געלעגען דריי וואָכען.

ווען איך בין ארויס פון האָספּיטאַל אין דריי וואָכען ארום, בין איך געגאַנגען זוכען אן אנדער „דזשאַב“.

ניט ווייט פון דער פאַרשאָלטענער לעדער־פאַבריק האָב איך באַמערקט א גרויסע פאַבריק, וואו מען מאַכט רעדער פאר וועגענער, בין איך אריין פרעגען אויף ארבייט, און מען האָט מיר גלייך צו־גענומען.

האָט זיך אַרויסגעצייגט, אז דאָ איז נאָך ערגער געווען ווי אין דער לעדער־פאַבריק... פאַר 6 דאָלער א וואָך האָב איך געדאַרפט ארבייטען אין א צימער, וואו די היץ איז געווען 135 גראַד...

אין אָט דעם צימער האָבען זיך געטריקענט די האָלב־רונדע ראָמען פאַר די רעדער, און מיין ארבייט איז געווען זיי צו סאָר־טירען — טאַקע דאָרט אין דעם צימער פון 135 גראַד היץ.

אָבער מעהר ווי צוויי וואָכען האָב איך דעם דאָזיגען גיהנום ניט אויסגעהאַלטען און בין ווידער קראַנק געוואָרען.

ס'איז פאַרט דאָ א גאָט אויף דער וועלט!

ליג איך, הייסט עס, ווידער אויף דאָס פאַרזשאַווערט בעטעל אין דעם צימערעל, א פיבערדיגער און מיט א קראַנקען האַלז.

און דער טאַטע מיינער, איידער ער איז אוועק צו דער אַר־בייט, האָט מיר געלאָזט וויסען מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס, אז איך בין געווען א נעגאַדיאַי, וועל בלייבען א טויגעניכטס, און עס וואָלט א סך בעסער געווען, איך זאָל גאָר ניט געווען געבוירען ווע־רען אויף דער וועלט!

ביי זיך אין האַרצען האָב איך געמוזט צוגעבען, אז דער טאַטע איז גערעכט: אַנדערע בחורים'לעך זיינען געוואָרען פעדלער און פאַרדינען א סך געלט; און איך, שוין א בחור פון 18 יאָהר, און... ווער בין איך און וואָס בין איך?

א שטראָם ביטערע, געזאַלצענע טרערען האָבען זיך א גאָס געטאָן פון מיינע אויגען, און איך האָב זיך צעוויינט אויפ'ן קול.

מיין געוויין האָט אַרויפגעבראַכט דער לאַנגער חנה'ן אין מיין צימער.

חנה די לאַנגע האָט ניט געהאַט קיין שלעכט האַרץ. זי האָט מיר צוגעלייגט א נאַסע שמאַטע צום קאָפּ, מיך צוגעזעהן א פּאָר טעג, און געהאַלטען אין איין איינרעדען איך זאָל נאָר ווערען א פעדלער. „און דו וועסט זעהן", זאָגט זי מיר, „גאָט וועט העלפען, דו וועסט פאַרדינען געלט און ווערען א לייט!"

און גאָט האָט געהאָלפען, דער פיבער איז אַראָפּ, איך האָב גענומען פיהלען בעסער און זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס. איך באַשלים אבער, מעג זיין וואָס עס וויל זיך, פעדלען וועל איך ניט!

ווען איך בין אין עטליכע טעג אַרום אַרויס אויף דער גאַס און שפּאַצירט אזוי איבער סאַוטה סטריט, א דערשלאָגענער, א דער־

הרג׳עטער, אָפּגעריסען, אָפּגעשליסען, אָהן א פּעני אין קעשענע, דערזעה איך פּלוצים מיר אנטקעגען קומען א בחור׳ל מיט א זעהר באַקאַנטען פּנים. שטעל איך זיך אָפּ, שפּרייט אויס די הענט און שריי אויס מיט גרויס שמחה: „אוי! עזריאל גאָטעספעלד!" און עס ווערט מיר עפּעס אזוי ווארעם ארום הארצען, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט דערזעהן — איך וויים? — א מלאך פון הימעל!

דאָס בחור׳ל קוקט אויף מיר א ווײלע, דאן רופט ער זיך אָפּ: „אוי! זעה נאָר, אלי־בער, וואָס מאכסטו עפּעס? כ׳האָב דיר גאָר ניט דערקענט" — און מיר דריקען זיך הארציג די הענט.

ווער איז עזריאל גאָטעספעלד?

עזריאל גאָטעספעלד איז א בחור׳ל אין מיינע יאָהרען, אפשר אביסעל עלטער פון מיר. מיר זיינען צוזאַמען געפאָהרען אויף איין שיף קיין אמעריקע — מיין שיפס־ברודער, הייסט עס.

די גאָטעספעלדס זיינען געווען אן עסטרייכער משפּחה פון 8 נפשות — מאַן און ווייב מיט זעקס קינדער — פיער איינגלעך און צוויי מיידלעך.

עזריאל איז געווען דער עלטסטער פון די פיער איינגלעך, און זיינס א שוועסטערל פון א יאָהר פופצעהן, מיט׳ן נאָמען אסתר, איז געווען זעהר קראַנק אויף דער שיף, און איך פלעג איהר אונ־טערטראָגען לימענעס און סוכארעס, וואָס איך פלעג ארויס׳גנב׳ענען פון דעם קארגען בחור׳ס אָנגעשטאָפּטען זאַק מיט כל־טוב צום דער־קוויקען זיך.

די אלטע גאָטעספעלדס זיינען געווען זעהר פרומע, פאַנאַטישע אידען און מעהר ווי קארטאָפעל האָבען זיי אויף דער שיף כמעט ווי נאָר ניט געגעסען.

איבערהויפּט האָט זי, די אלטע פרוי גאָטעספעלד, א אידענע מיט א שייטעל אויפ׳ן קאָפּ און מיט א געשנורעוועט מיילעכעל, כסדר פּאַראַדירט און זיך געוואָרפען אין די אויגען מיט איהר פרומ־קייט און מיט איהר יחוס.

זי האָט געוואוסט, אז איך גנב׳ע די אלע גוטע זאַכען, וואָס איך פלעג אונטערטראָגען איהר קראַנקער טעכטערל אסתר׳קע, אָבער זי האָט זיך געמאַכט ניט־וויסענדיג דערפון... אבי מען וועט איהר אויף יענער וועלט ניט שייסען דערפאַר... ארט איהר ניט.

וואָס זי פּלעגט יאָ אַכטונג געבען איז — איך זאָל ניט זיצען צו לאַנג לעבען אסתרק'עס בעטעל, בעת איך האָב איהר עפּעס געבראַכט צום קוויקען זיך...

אסתר'קע פּלעגט מיך מיט איהרע שוואַרצע אויגען רופען איך זאָל זיצען לעבען איהר, און די אַלטע פּלעגט מיך מיט איהר פרום, געשנירעוועט מיילכעל אוועקטרייבען.

אָבער אין אַלגעמיין האָט מיר די משפחה גאָטעספּעלד ליב געהאַט, און אַז איך האָב דאָ פּלוצלינג אומגעריכט באַגעגענט עזריאל'ן, האָב איך זיך דערפרעהט, ווי ווען איך געפין אַן אוצר.

עזריאל האָט זיך מיט מיר אויך דערפרעהט, און ער האָט מיך געפיהרט צו זיך אַהיים. ער וויל מאַכען אַ סורפּריז דער משפחה.

אויפ'ן וועג האָט ער מיר דערצעהלט, אַז זיי, די משפחה גאָטעספּעלד, האָבען בלויז עטליכע טעג פאַרבראַכט אין ניו יאָרק, און אַז זיין פעטער שמואל'יק, דער מוטער'ס אַ ברודער, אַ רייכער קליידער פאַבריקאַנט, איז געקומען און זיי אַלעמען אריבערגענומען קיין פילאַדעלפיע.

דאָ האָבען זיי זיך באַזעצט אין אַ שעהנער דירה פון פינף צימערען — דריי אונטען און צוויי אויבען, און אין די אויבערשטע צוויי צימערען האָבען זיי אריינגעשטעלט פיער מאַשינען, מיט וועלכע מען נייהט־אויס לעבלעך פאַר קנעפּלעך אין קינדערשע הויזקעס און — גאָט צו דאַנקען — אַלע ארבייטען אין דער היים און מאַכען זיך אַ פיין לעבען.

אַז מיר זיינען אריינגעקומען צו די גאָטעספּעלדס אין שטוב, און עזריאל האָט אויסגעשריען מיט באַגייסטערונג: „זעהט נאָר וועמען כ'האָב אָנגעטראָפען אין גאַס?" — האָבען אַלע געקוקט אויף מיר אַ ווײַלע מיט גרויסע אויגען.

מיין ארבייט אין דער לעדער־פאַבריק און אין דער רעדער־פעקטאָרי, און מיין קראַנק זיין — אַלץ צוזאַמען האָט זיך אָפּגעשטעמפּעלט אויף מיין פּנים, אַזוי אַז זיי האָבען מיך ניט אַזוי גיך דערקענט. דערצו איז מיין הילוך אויך ניט געווען קיין געהויבענער. אַנשטאָט דער היימישער היטעל, אָדער קאַשקעטעל, וואָס איך האָב געטראָגען אויף דער שיף, האָב איך געטראָגען אַן אַלט, אָפּגעריבען אַמעריקאַנער קאַפּעליושעל.

די ערשטע וואָס האָט מיך באַלד דערקענט, איז געווען — אסתר. איהרע שווארצע אויגען האָבען אויפגעבליצט, און א פּאטש־טוענדיג מיט די הענט, האָט זי פרעהליך אויסגעשריען: „אוי, מאמע! ס'איז דאָך אלי־בער!“ — און זי איז רויט געווארען איי־בער די אויערען...

מען האָט מיך אויפגענומען פאר א גרויסען גאסט. מיר האָבען זיך אויסדערצעהלט איינע די אנדערע אונזערע איבערלעבונגען אין דער נייער וועלט, דערנאָך האָט מען מיך איינגעלאַדען צו עסען וועטשערע, אוןביים טיש בין איך געזעסען לעבען אסתר'קען און געווען אזוי גליקליך — ווי קיינמאָל אין מיין לעבען!

איך האָב געפיהלט, עפּעס אזוי ווי אָט די מענשען וואָלטען מיך פון א פינסטערער תפיסה אויף דער ליכטיגער וועלט ארויס־געבראכט...

א לאַנג פארצאַמטער קוואל האָט זיך אן עפען געטאָן, און פון מיין הארצען האָט זיך א גאַס געטאָן א ים מיט ווערטער און גע־דאנקען, וואָס איך וויים גאָר ניט פון וואנען זיי זיינען געקומען צו מיר...

ווען איך בין שפּעט אין אָוונט געגאַנגען אהיים פון די גאָ־טעספעלדס, בין איך מעהר ניט געווען דערזעלבער אלי־בער. אלע מיינע אברים אין מיר האָבען געטאַנצט און געזונגען און זיך גע־פרעהט, און פאר מיינע אויגען האָט כסדר געשיינט דאָס ליכטיג פּנימ'ל פון אסתר'קען — אָט דאָס רונדע, שטראַלענדיגע פּנימ'ל האָט אָנגעפילט מיין גאנצען וועזען מיט אזא גליקזעליגקייט, וואָס איך האָב דאָס גאָר פריהער קיינמאָל ניט געפיהלט...

די גאָטעספעלדס האָבען מיר פאָרגעשלאָגען אויסצולערנען זיך ארבייטען אויף דער מאשין ביי די קנעפּ־לעכלעך, און איך וועל טאקע קאָנען ארבייטען ביי זיי (און זיין מיט אסתר'קען אין איין שטוב...) און פאַרדינען ביז 6 דאלאר א וואָך! — אזוי האָבען זיי מיר פאַרזיכערט.

מיר איז געווען אזוי גוט, אזוי גוט! אז עס האָט זיך מיר גאָר ניט געגלוסט אריינצוגעהן אין שטוב...

מיין ניי־געפונענער חבר עזריאל, וועלכער האָט מיך ארויס־באַגלייט אהיים, האָט עפּעס גערעדט צו מיר אויפ'ן וועג, אבער

איך האָב ניט געהערט א וואָרט... איך בין געוועזן איבערוועלטיגט פון א סימפּאָניע פון טענער, וואָס האָבען ארויסגעזונגען פון הארצען און פון אלע אברים...

* * *

אז איך בין אריין אין שטוב, איז שוין געווען פינסטער, די גאַז פארלאָשען. איך האָב זיך שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער, דורכגעגנב'עט דורך חיים דעם בלינדענ'ס שלאָפצימער, וואו די גאַנצע משפחה איז געשלאָפען אויף די בעטלעך און אויפ'ן דיל, און האָב זיך שטילערהייט אויסגעטאָן און זיך געלייגט לעבען טאַטע'ן אין בעט.

אויפ'ן צווייטען טאָג בין איך שוין געזעסען ביי די גאָטעספעלדס, און מיין ליבער חבר עזריאל האָט מיך געלערנט די מלאכה, ווי צו מאַכען לעבלעך, אָדער „באָטאָנהאָלס“, און איך האָב געלערנט די מלאכה מיט גרויס התמדה, און בעת מעשה האָט זיך פון ערגעץ אינווייניג ביי מיר געריסען עפּעס א ניגונ'דעל, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט אומעט און בענקשאַפט...

דער טאַטע מיינער איז גאָר ניט געווען צופרידען מיט מיין נייער מלאכה — אבער טאקע גאָר ניט!

ער האָט גע'טענה'ט מיט איינגעהאלטענעם כעס: וואָס איז דאָס פאר א תכלית פאר א יונגען בחור זיך אוועקצוזעצען ביי א מאַשין און מאַכען לעבלעך?... איבערהויפּט נאָך, אז איך האָב שוין אפּגעארבייט עטליכע יאָהר ביי סטאָלעריי?

ער, דער טאַטע, האָט גאָר געפּלאָנעוועט צו קויפען אביסעל געצייג פאר מיר און מיך נעהמען מיט איהם אין דער מעבעלפאַבריק. נאָר אזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין הארץ צו צעשטערען מיר מיין שמחה, וועלכע ער האָט קלאָר און דייטליך געזעהן אראָפּשטראַלען פון מיין פּנים... האָט ער באַשלאָסען מיך דערוויל לאָזען צו רוה. אגב האָט ער אויך באמערקט, ווי די גאטעספעלדס זיינען מיך מקרב — און מיין געזונט פארבעסערט זיך וואָס א טאָג אלץ מעהר — האָט ער מיך געלאָזט טאָן וואָס איך וויל, דערוויל...

ביי די גאטעספעלדס בין איך גאָר גיך געוואָרען א היימישער מענש. די „מלאכה“ האָב איך זיך שנעל אויסגעלערנט, אבער

מעהר ווי דריי דאָלער א וואָך האָב איך זעלטען ווען פאַרדינט. מיך האָט עס דוקא ווענינ געאַרט; מיר איז געווען גוט ווי די וועלט. די אַלטע פרוי גאָטעספעלד האָט מיך אַלץ מעהר ליב געקראָגען. זי האָט געפאָדערט פון מיר איך זאָל דאַוונען, אָפּהיטען אידישקייט און ניט געהן אָן א היטעל, אפילו זיצענדיג ביי דער מאַשין.

איך האָב נאָכגעגעבען אַלע איהרע קאַפּריזען; און האָב גע־דאַווענט מיט מעהר התלהבות און פייער ווי איהרע אייגענע זיהן. זי האָט אָנגעקוואָלען פון מיר — און מיך געלאָזט ריידען און פאַר־ברענגען מיט אסתר'קען וויפיל מיין האַרץ גלוסט.

מיין העכסטע שטופע פון גליק איז געקומען גאָר אומגעריכט. איין מאָל, געהענדיג אויף די געדרעהטע טרעפּלעך מיט א באנדעל הויזקעס ארויף, האָב איך זיך באַגעגענט מיט אסתר'קען, געהענדיג מיט א באַנדעל הויזקעס אראָפּ. מיר זיינען ביידע געבליבען שטעהן און זיך א סעקונדע אָנגעקוקט. און — ניט וויסענדיג ווי אזוי דאס איז געשעהן, האָבען מיר ביידע א וואָרף געטאָן די באָנדלעך — זיך ארומגענומען און — זיך צעקושט... פאַר גרוים איילעניש האָ־בען מיר זיך פאַרביטען מיט די באָנדעלס... און געלאָפען—זי ארויף, און איך—אראָפּ...

מיין ערשטער בריף צו דער מאַמען

פון דער מאַמען פֿלעגען אָנקומען בריף כמעט אַלע וואָך (ר' קלמן מלמד פֿלעגט זיי שרייבען פאַר איהר), אין וועלכע זי פלעגט בעטען רחמים מען זאָל שיקען שיפסקאַרטען נאָך איהר מיט די קינדער, און צום סוף פון יעדען בריף פֿלעגט ר' קלמן מלמד אליין צושרייבען עטליכע ווערטער און בעטען דעם פאָטער, ער זאָל קריי־גען אימעצען וואָס זאָל פאַר איהם שרייבען די בריף צו דער מאַ־מען, ווייל זיין האַנטשריפט קאָן אפילו דער רב פון שטעדטעל ניט לייענען...

דעם טאַטען איז דאָס בריף־שרייבען אָנגעקומען זעהר שווער— געווען פשוט אַן אָפּקומעניש.

שבת צו־נאַכט איז געווען די צייט ווען דער טאַטע פלעגט זיך זעצען שרייבען, און עס האָט איהם גענומען אַ שטיק צייט ביז ער האָט די פען איינגעלאַדעוועט צווישען די פינגער.

איינמאָל רוף איך זיך אָפּ צו איהם: „טאַטע, אז דו וועסט מיר דיקטירען, וועל איך שרייבען צו דער מאַמען."

דער טאַטע האָט נאָר וואָס געהאַט אָנגעשטעלט די פען אין האַנט, גרייט געווען אָנצופאַנגען, הויבט ער אויף דעם קאָפּ פון פאַפּיר און קוקט מיך אָן שטרענג און שאַרף: „דו וועסט שריי־בען?..."

— יאָ, טאַטע — זאָג איך — אז דו ווילסט, פאַרוואָס ניט?

— דו קאָנסט דען שרייבען?

— יאָ, איך קאָן — זאָג איך.

קוקט ער מיך אָן, נאָר ניט אזוי שטרענג. ער ווייסט, אז פון מרדכי מלמד האָב איך זיך אויסגעלערענט דעם „אלף־בית", ניט מעהר; טאָ פון וואַנען קומט צו מיר קאָנען שרייבען?

איך אליין, דעם אמת געזאָגט, בין אויך ניט געווען אזוי זיכער ביי זיך, אז איך וועל קאָנען אָנשרייבען א ליטישען בריף; ווארים איך האָב עס קיינמאָל ניט פּרובירט. אָבער לייענען האָב איך יאָ געקאָנט. איך בין געווען דער איינציגער, וואָס האָט געקאָנט לייענען דעם טאַטענ'ס האַנטשריפט, וואָס אפילו דער זשמערינקער רב האָט ניט געקאָנט.

ביי חיים דעם בלינדען אין הויז זיינען שטענדיג געלעגען אויפ'ן טיש די „אידישע גאַזעטען", פלעג איך לייענען אינדערהויך פאר איהם און זיין לאַנגער חנה'ן, אין די אָווענטען, איידער די קינדער זיינען זיך אָנגעלאָפען פון דער גאַס מיט זייערע קאָשיקלעך סחורה און ס'איז געוואָרען א טומעל. דערנאָך פלעג איך לייענען פאר זיך, פּונקט ווי איך האָב געלייענט שמ"ר'ס ראָמאַנען... דערצו האָב איך געהאַט א טבע, אז ווען איך בין געגאַנגען אויף דער גאַס האָב איך געהאַלטען פאררייסען דעם קאָפּ און געלייענט די שילדען איבער די קראָמען, און נאָך מעהר האָב איך די לעצטע צייט „געגנאַשט" פון מיין חבר עזריאל, וועלכער איז געווען דער אָפּיציעלער בריף־שרייבער פאר זיינע עלטערען. איך פלעג זיצען לעבען איהם, בעת ער פלעגט שרייבען, און אין מיין זכרון האָט זיך אָפּגעפאָטאָגראַפירט יעדעס וואָרט.

דער טאַטע מיינער איז א לאַנגע צייט געזעסען מיט דער פען אין האַנט און געקוקט אויף מיר, און די שוועסטער עלקע אויך. זי, די שוועסטער, האָט א לאַך געטאָן און געזאָגט: „זעה נאָר, קוק איהם נאָר אָן, ער שיינט דאָך גאָר! זינט ער איז אריין צו די „גאַליציאַנער" איז ער גאָר געוואָרען א גאַנצער פּראַנט! זעה נאָר, גיב נאָר אַכטונג, דאָס קליינע „וויזעלע" זאָל זיך ניט פארליבען אין דיר (אסתר'קע איז געווען זעהר א קליינינקע)...

איך בין געזעסען אַנטקעגען טאַטען און דער שוועסטער א פּרעהליכער, מיט א צעשיינטען פּנים. דעם גאַנצען שבת נאָכמיטאָג האָב איך פארבראַכט מיט עזריאל'ען און אסתר'ן אין פּערמאַונט פּאַרק און מיר איז געווען זייער פּרעהליך אויפ'ן האַרצען. מיר האָט זיך געוואָלט זינגען, כסדר זינגען — וואו איך בין געגאַנגען און וואו איך בין געשטאַנען האָב איך געזונגען.

מילא בקיצור, דער טאַטע האָט לאַנגזאַם ארויסגענומען די פּען פון צווישען זיינע גרויסע, גראָבע פינגער און זי מיר דערלאַנגט, זאָגענדיג: „אַנו, לאָמיך זעהן ווי דו שרייבסט!“

איך האָב פרעהליך א נעהם געטאָן די פּען, זיך אוועקגעזעצט און גענומען שרייבען.

די ערשטע פּאָר מינוט איז די פּען אין מיין האַנט געגאַנגען אביסעל שווערליך, אָבער באַלד איז זי אוועק ווי א מזמור!

די שוועסטער איז אַלעמאָל צוגעגאַנגען צו מיר, א קוק געטאָן און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט דאַ גע־זעהן אַן אומנאַטירליכען וואונדער... בעת דער טאַטע איז געזעסען מיט א צופרידענעם שמייכעל, — א זאַך וואָס איך האָב זעלטען געזעהן אויף זיין פּנים, — און דיקטירט וואָס איך זאָל שרייבען.

פון דעמאָלט האָט שוין דער טאַטע מעהר די פּען אין האַנט ניט גענומען... און אויף מיר האָט ער אָנגעהויבען קוקען גאָר מיט אַנדערע אויגען...

איך פֿאַרליר מיין דריטען „דזשאָב“

ביי די גאָטעספעלדס — ביי די „באָטאָן־האָלס“ — האָב איך אָפּגעאַרבייט א פּאָר חדשים, און ווען איך האָב שוין פאַרדינט גאַנצע פינף דאָלער א וואָך, האָב זיך שוין אַביסעל אויסגעקליידט (דער טאַטע האָט מיר געקויפט א צוגעטראָגענעם אָנצוג) און עזריאל האָט מיר דערצעהלט בסוד, אז זיין מאַמע האָט געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט ניט געווען א פּראָסטען סטאָלער׳ס א זוהן וואָלט זי זיך אפשר מיט מיר משדך געווען... אָט גראָד דעמאָלט איז פּלוצלינג געוואָרען „סלעק“, די אַרבייט האָט זיך אויסגעלאָזט און — אויס אַרבייט!

עס איז אַוועק א וואָך. איך בין טאָג און נאַכט ביי די גאָטעספעלדס, איך בין דאָרט די רעכטע האַנט. צי מען דאַרף ערגעץ געהן א גאַנג, צי מען דאַרף עפּעס טאָן, איז — איך! און די גאַנצע וועלט ארום מיר, די סאַמע לופט, די ערד, דער הימעל—אלץ דריקט זיך אויס אין איין וואָרט — אסתר! איך זעה זי און פיהל זי איבעראל, און בין גליקליך, וואָס צו מיר איז גאָר קיין גלייכען ניטאָ.

און די אלטע, די מוטער אסתר׳ס, רעדט ארויס דאָס וואָרט „אלי־בער“ מיט אזאַ ליבשאַפט, מיט אזאַ צערטליכקייט, אַז איך האָב עס אפילו פון מיין אייגענער מאַמע׳ן ניט געהערט...

אין דער היים האָט קיינער ניט געוואוסט, אַז איך אַרבייט ניט... איך פלעג קומען נאָר שלאָפען. און קומען פלעג איך, ווען אלע זיינען שוין געשמאַק געשלאָפען.

איך האָב גערעכענט: גאָט וועט העלפען, ס׳וועט אריינקומען אַרבייט, וועט אלץ ווידער גוט זיין...

אָבער קיין אַרבייט איז ניט אריינגעקומען. עס איז אוועק נאָך א וואָך, אָבער די צווייטע וואָך איז שוין פאַר מיר גאָר ניט געווען קיין פרעהליכע.

מיט מיין אסתר׳קען האט פאסירט אן אומגליק, א גרויסער אומגליק! וואס איז? זי האט געקראגען א צאהנווערטאג...

איהר לאכט, הא? אודאי, אייך איז גרינג צו לאכען! איצטער לאך איך אויך... אבער דעמאלט, גאט מיינער, וואס פאר יסורים איך האב זיך דאס דאן אנגעליטען, ווען איך האב געזעהן מיין אסתר׳קעס פארשוואלענע באק, געהערט איהרע קרעכצען, און איך — איך האב גארנישט ניט געקאנט העלפען! איך האב ביי איהר דעם וועהטאג ניט געקאנט צונעהמען! איך וואלט דאך אזוי גערען איהרע וועהטאגען געטראגען, און אפילו קיין פיפס ניט געטאן!... אוי, ווי אומגליקליך איך בין דאס געווען!

און דערנאך, ווען איך בין מיט איהר צוריק פון דענטיסט געגאנגען, מיט׳ן שלעכטען צאהן ביי מיר אין קעשענע... ווי צערטליך און פארזיכטיג האב איך דאס איהר ביי דער קליינינקער טאליע אונטערגעהאלטען און אהיים געפיהרט... ווי א הינטעל בין איך דעם גאנצען טאג און א האלבע נאכט ביי דער טיר פון איהר צימער געלעגען און געוואַרט — אין צימער אריינגעהן האט די מאמע ניט געלאזט — אפשר דארף זי עפעס? אפשר וויל זי עפעס...

דערפאר אבער האב איך שוין געקראגען מיין עהרליך אויסקומעניש פון טאטען, ווען איך בין שפעט ביינאכט געקומען אהיים און געדענקט, אז דער טאטע שלאפט שוין פון לאנג. דער טאטע מיינער איז געזעסען אן אנגעצונדענער, א צעקאכטער, און געווארט אויף מיר מיט גרייטע קולאקעס... געווען איז דאס טאקע ווידער א שבת־צו־נאכט.

און טענות האט ער געהאט כמעט גערעכטע:

ערשטענס, האב איך גאר געדארפט שרייבען א בריף צו דער מאמען (נאר גע האב אין זינען בריף־שרייבען, אז מיין אסתר׳קען טוט אזוי שרעקליך וועה די צייהן...). און צווייטענס האט זיך מיין טאטע דערוואוסט, אז איך ארבייט ניט שוין צוויי וואכען...

דער סוף איז געווען, אז שלאגען מיך האט דער טאטע מיינער געוואלט, שטארק געוואלט; אבער דורך עפעס אן אורזאך—ניט געקענט. אפשר איז דאס געווען דערפאר, ווייל איך בין געשטאנען מיט די הענט אין די קעשענעס און איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אריין...

אָבער געזידעלט האָט ער מיך, וויפיעל ס'איז אין מיר אריין: „די מאַמע מיט די קינדער ליגען דאָרט אין זשמערינקע און הונגע־רען, און ער וועט זיך דאָ ארומגעהן פוסט־און־פּאַס, פּראַנטעווען און זיך לאָזען וואוילגעהן!"

ער וועט מיר רוק און לענד צעברעכען, אויב מיין פּוס וועט נאָכאמאָל אריבערטרעטען די שוועל פון די פאַרשאָלטענע „גאַליצ־קעס"! און מאָנטאָג, בלי נדר, געה איך מיט איהם אין דער מעבעל־פאַבריק ארבייטען און א סוף זאָל עס נעהמען!

נו, מאָלט אייך, אז איך האָב שוין די נאכט מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט. געלעגען לעבען טאַטען און געציטערט מיט'ן גאַנ־צען קערפּער, ווי אין א פיבער, און זיך געבראָכען דעם קאָפּ און געפלאַנעוועט די ווילדסטע פּלענער. אָבער טיף אין מיין נשמה האָב איך געפיהלט, אז דער טאַטע איז דאָך פּאָרט גערעכט... וואָס, טאַקע, וועט זיין פון מיר דער תכלית, ווען אפילו עס זאָל שוין זיין ארבייט ביי די צרה'דיגע באַטענהאָלס, אז מעהר ווי פיער־פינף דאָלער א וואָך קאָן איך ניט אויסארבייטען?

און דאָך — דער געדאַנק צו געהן מיט'ן טאַטען ארבייטען אין א מעבעל־פאַבריק איז געווען פאַר מיר ערגער ווי שטאַרבען.

אויפמאָרגען בין איך אויפגעשטאַנען מיט צעבראָכענע אברים און מיט א שרעקליכען קאָפּוועהטאָג...

דאָס טעפּעל קאַלעמוטנע וואסער, וואָס חנה די לאַנגע האָט אָנגערופען „קאַווע", האָב איך אפילו ניט אָנגעריהרט. דער טאַטע איז אוועק ערגעץ לייהען ביי באַקאַנטע סטאָלארעס אביסעל געצייג פאַר מיר, איך זאָל האָבען מיט וואָס זיך צו שטעלען ארבייטען מיט איהם אין דער מעבעל־פאַבריק, און איך — איך בין ארויס אויף דער גאַס, זיך ארומגעדרעהט ווי א שאָטען א פּאָר שטונדען, און צום סוף האָבען מיך די פיס פאַרטראָגען צו די גאַטעספעלדס...

אז איך בין אריין צו די גאַטעספעלדס אין הויז, זיינען אלע געזעסען ביים רונדען טיש און גענעסען מיטאָג.

— וואָס איז געשעהן אלי־בער?—האָט אסתר'קע אויסגעשריען, ווען זי האָט א קוק געטאָן אויף מיר.

— טאַקע, וואָס האָט פּאַסירט? — האָט די מאַמע איהרע גע־שנורעוועט ס'פּיסקעל — עפּעס זעהסטו אויס ווי א מת?

איך האָב זיך צוגעשפּאַרט אויף א דיוואַן, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און פאַרשטעלענדיג מיט ביידע הענט דאָס פּנים האָב איך שטיל געשלונגען די טרערען...

מײַן חבר עזריאל איז צוגעקומען צו מיר און מיך ארומגענו־מען ווי א ברודער, געגלעט און געצערטעלט, און מיך געבעטען דער־צעהלען וואָס עס האָט פּאַסירט.

ווען איך האָב צוגענומען די הענט פון פּנים און א קוק געטאָן אויף אסתר'ן, זײַנען איהר געשטאַנען טרערען אין די אויגען און זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ ליבשאַפט, מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי זי וואָלט געזאָגט: „נאַרעלע, וואָס וויינסטו? כ'האָב דיך דאָך אזוי ליב..."

אין קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער, מורא האָבענדיג איך זאָל זיך ווידער ניט צעוויינען, האָב איך דערצעהלט, אז מײַן טאַטע וויל מיך מאָרגען נעהמען ארבייטען אין דער מעבעל־פאַבריק.

אלע זײַנען געבליבען זיצען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, און אסתר איז ארויסגעלאָפען פון שטוב און האָט זיך ערגעץ באַהאַל־טען.

פרוי גאָטעספעלד האָט צעעפענט איהר געשנירעוועט מײַלכעל און גענומען שילטען מײַן טאַטען. ער איז אליין א גוי, און וויל מיך אויך מאַכען פאַר א גוי. עס פאַרדריסט איהר יעצט, למאי זי האָט מיך גאָר ארײַנגעלאָזט אין שטוב אריין. און געענדיגט האָט זי מיט א וואָרנונג, שאָקלענדיג צו מיר מיט א סטראַשענדיגען פינגער, אז אויב איך וועל געהן ארבייטען שבת — זאָל איך זיך גאָר ניט דערוועגען ווײַזען פאַר איהרע אויגען און מײַן פוס זאָל איהר שוועל ניט אריבערטרעטען. מיט רוגזא האָט זי זיך אוועק־געדרעהט פון מיר און ניט געקוקט מעהר אין מײַן זײַט.

איהרע ווערטער זײַנען געפאַלען אויף מײַן הארצען ווי שווערע שטיינער. איך האָב געפיהלט אזוי ווי די אלטע מכשפה וואָלט מיך צום טויט פאַראורטיילט, און איך בין געבליבען זיצען ווי א פאַר־שטיינערטער.

עזריאל איז אלץ געזעסען לעבען מיר, מיך געגלעט איבער דער טויטער, קאַלטער האַנט; עפּעס גערעדט צו מיר, אבער איך האָב

גאָרנישט ניט געהערט. אין די אויערן האָט מיר געקלונגען דער אַלטער'ס קוויטשיגער קול, און איך האָב געפיהלט, אַז איך וועל מעהר ניט קאָנען זעהן אסתר'ן. ניט זעהן אסתר'ן — דאָס איז טויזענט מאָל ערגער ווי געשטאָרבען.

איך וויים ניט ווי לאַנג איך בין דאָרט געזעסען, ווי אַזוי איך בין אַהיים געקומען; איך וויים נאָר, אַז מאָנטאג פאַרטאָג בין איך ווי אַן אויטאָמאַט אויפגעשטאַנען צוגלייך מיט'ן טאַטען, זיך אָנגע־טאָן, גענומען אויפ'ן אַקסעל אַ קעסטעל געצייג און אַוועק מיט איהם אויף דער מעבעל־פאַבריק.

צו דעם טעפּעל מוטנער וואַסער, וואָס חנה די לאַנגע האָט אַוועקגעשטעלט פאַר מיר, מיט דעם שטיקעל דאַרען ברויט, האָב איך זיך ווידער ניט צוגעריהרט.

דער טאַטע האָט אפילו אַ מורמעל געטאָן: „פאַרוואָס עסטו ניט?“ — אָבער איך בין געבליבען שטום...

אין דער מעבעל־פאבריק

ארײנקומענדיג מיט מײן טאטען אין דער פאבריק, האט א װילדער גערויש פון די מאשינען מיך פארטויבט און איך האב זיך באװעגט װי אן אויטאמאט, װי א מאשין, איך האב גארנישט ניט געטראכט און גארנישט ניט געפיהלט.

צװײ טעג האב איך גארנישט ניט געהאט אין מויל — און קײן הונגער ניט געשפירט. אלץ אין מיר איז געװען טויט, אפגעשטארבען. און אויב איך האב יע עפּעס געפיהלט, איז דאס געװען, אז עפּעס װעט מיט מיר פּאסירען, עפּעס מוז מיט מיר פּאסירען, און איך האב אויף אט דער פּאסירונג געװארט, ארויסגעקוקט.

װאס עס זאל ניט זײן, זאל עס קומען װאס שנעלער! די ארבײט, װאס דער טאטע האט מיר געגעבען צו טאן, האב איך געטאן שנעל, האסטיג, װי א װילדער.

אין דעם גרויסען שאפּ ארום מיר זײנען געשטאנען א סך ארבעטער, אנגעטאן אין פּארטוכער, און געארבײט. דורך דעם גערויש פון די מאשינען האבען זיך צומאל דורכגעריסען זײערע רײד, זײער געלעכטער, אבער איך האב קײן זאך ניט געזעהן און ניט געהערט.

פאר מײנע אויגען איז געשטאנען — אסתר, װי זי איז ארויסגעלאפען פון צימער, מיט טרערען אין די אויגען, בעת זי האט געהערט פון מײן מויל, אז איך געה ארבײטען אויף דער מעבעל־פאבריק.

* * *

אן ארבײטער געהט צו צו מײן טאטען און פרעגט איהם, צי בין איך א שטומער?...

דער טאטע ענטפערט איהם ניט, קוקט אויף מיר מיט זײנע שטרענגע, ביסטרע אויגען, װי איך ארבײט מיט א װילדען אימפּעט, גיט א קװעטש מיט די פּלײצעס און זאגט: „װײסט איהם דער טײפעל, װאס מיט איהם איז, דעם אידיאט!" דער דײטש צעלאכט זיך און געהט אװעק.

עס דערהערט זיך א גרילצענדער פייף און די מאַשינען בלייבען שטעהן שטיל. עס איז מיטאָג־צייט.

די ארבייטער זעצען זיך פאַנאַנדער אויף די ווארשטאַטען און נעהמען זיך עסען זייער מיטאָג.

דער טאַטע צעשניידט מיט א מעסערל אן אַלטגעבאַקענע חלה, וואָס ער פלעגט יעדען טאָג קויפען פאר צוויי סענט, שטעלט אוועק צוויי קווערטלעך מיט וואסער — איינע פאר זיך און די צווייטע פאר מיר — און זאָגט: „נו, פארוואָס געהסטו ניט עסען?"

איך שטעה ביים ווארשטאַט און רייב מיט'ן זאמד־פאַפיר די פיסלעך פון די בעטען, רייב מיט אַלע כחות.

מיט אמאָל דערהער איך א געשריי: „העי, דהער, מאָנקי, וואַט דאָנ'ט יו סטאָפ?" — דאָס האָט אימעצער פון די ארבייטער אויסגעשריען צו מיר, איך זאָל אויפהערען.

איך לייג אוועק דאָס קלעצעל מיט'ן זאמד־פאַפיר, געה אוועק צום אנדער'ן ברעג פון שאָפ, וואו קיינער איז ניטאָ, און שטעל זיך אוועק אנטקעגען א גרויסען, פארשטויבטען פענסטער און קוק ארויס אין דרויסען.

אין די אויערען קלינגען מיר נאָך די מאַשינען, און איך שטעה און טראכט: ווען וועט קומען די פאַסירונג, וואָס דארף מיט מיר פאַסירען, ווען?

און איך האָב לאנג ניט געדאַרפט ווארטען.

ווען די האַלבע שטונדע מיטאָג איז געווען אריבער און עס האָט זיך ווידער דערהערט דער גרילצענדער פייף, בין איך אוועק פון פענסטער, אָנגעטאָן צוריק דעם נייעם פארטוך, וואָס מיין שוועסטער עלקע האָט אויפגענייהט פאר מיר, און זיך צוריק גע־שטעלט ארבייטען.

אָבער באַלד קומט צו צו מיר דער „פאָרמאַן", אן איטאַליענער מיט א טונקעלען פנים און גרויסע וואָנצעס, און גיט א וואונק צו מיר, איך זאָל איהם נאָכגעהן.

ער פיהרט מיך צו צו א זעג־מאַשין און ווייזט מיר ווי אזוי צו שניידען קליינע דריי־ווינקעלדיגע שטיקלעך האָלץ, וואָס מען גע־ברויכט צום קלייען די שופלאָדען פון די קאָמאָדען וואָס שטעהן אין די שלאָפצימערען.

איך נעהם זיך טאן די ארבייט. דער פארמאן שטעהט לעבען מיר א פאר מינוט און געהט אוועק.

דער טאטע מייגער קומט צו און זאגט: „היט זיך פאר דער זעג, האלט דיינע אויגען אפען און זעה וואס דו טוסט!“ — און געהט אויך אוועק.

אפשר א האלבע שטונדע בין איך געשטאנען ביי דער זעג, גע־שניטען די שטיקלעך האלץ, וואס זיינען געפאלען אין א פאס אריין פון יענער זייט טיש.

פלוצים דערפיהל איך א שארפען קיצעל אין מיין גראבען פינגער פון דער רעכטער האנט...

איך גיב זיך א כאפ און זעה ווי א האלבער פינגער הענגט נאך אויף א שטיקעל הויט, און א פאנטאן מיט בלוט זעצט פון פינגער ארויס און באדעקט דעם טיש מיט רויט... און עס האט מיר גע־נומען שווינדלען פאר די אויגען, אין די אויערען האט מיר גענומען רוישען צום פארטויבט ווערען — און איך דערפיהל ווי א פאר שטארקע הענט כאפען מיך אונטער... און איך דערהער מיין טא־טען'ס קול, וואס קומט פון ערגעץ ווייט־ווייט:

„גולם! אידיאט! כ'האב דיר געזאגט זאלסט זיך היטען!“

* * *

אויפ'ן דריטען טאג בין איך געזעסען אויף א בענקעל אין דרויסען לעבען חיים דעם בלינדען'ס שטוב. די רעכטע האנט איז געלעגען באנדאזשירט אין א ווייסען טוך, וואס איז געווען ארומ־געבונדען ארום מיין האלז. א שאחפער גערוך פון יאד האט זיך געשפרייט ארום מיר, און איך האב זיך איינגעהערט צו דעם שאר־פען וועהטאג, וואס האט געצופט און געריסען די גאנצע רעכטע האנט.

אבער ניט קוקענדיג אויף די וועהטאגען אין האנט, איז מיר אויפ'ן הארצען געווען גרינג, פריי. דער מח איז געווען לויטער און אויף מיינע ליפען האט געשפילט א לייכטער שמייכעל.

אין דעם שמאלען, שמוציגען געסעל, וואו איך בין געזעסען, האב איך פון ווייטען דערזעהן אנקומען אסתר'ן און מיין חבר עזריאל'ן. און אזוי שנעל ווי איך האב זיי דערזעהן אנקומען בליצט אויף אין מיין מוח א געדאנק: איך וועל ערגעץ אוועקפאהרען.

עזריאל קומט צו דער ערשטער; נעהמט מיך ארום און טוט מיר א קוש אין מויל.

דערנאָך קומט צו אסתר, בלייבט שטעהן לעבען מיר מיט אן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ, א שווייגענדיגע.

— ווי אזוי האָט עס פּאסירט? — פרעגט עזריאל.

איך דערצעהל ווי אזוי עס האָט פּאסירט. איך רייד קורץ, טרוקען און ניט גערן, ניט קוקענדיג אפילו אויף זיי.

— די מאַמע זאָגט, אז דאָס האָט דיר גאָט געשטראָפט, ווייל דו ביזט געגאַנגען ארבייטען שבת — זאָגט צו מיר אסתר.

איך שטעל אויס א פּאָר אויגען און קוק אויף איהר, אבער איך דערקען זי ניט.

ווער רעדט דאָס, אסתר? אָט דאָס זיינען איהרע ערשטע ווערטער צו מיר?... אָה, מיין גאָט!

און איך טו א לאַך און זאָג: „אסתר גאָטעספעלד, אייער מאַמע איז א „קלוגעטשקע" מאַמע!"

עזריאל זוכט צו פארקירעווען דאָס געשפּרעך און נעהמט מיר דערצעהלען, אז זיי וועלען באלד האָבען אסך ארבייט, און אזוי שנעל ווי מיין פינגער וועט זיך פארהיילען זאָל איך צוריק קומען ארבייטען מיט זיי, און עס וועט ווידער זיין פרעהליך. איך וועל זינגען ביי דער ארבייט ווי פריהער, און עס וועט זיין ליהודים.

איך ענטפער גאָרנישט, אָבער אין הארצען פיהל איך א שאַר־פען וועהטאָג און ווינש זיך, זיי זאָלען אוועקגעהן און מיך לאָזען אליין...

און קענטיג אז זיי האָבען דאָס טאקע דערפיהלט; ווייל זיי זיינען טאקע באלד אוועק, און אזוי ווי פון יוצא־וועגען מיר נאָך צוגעשריען: „אז דו וועסט פיהלען בעסער, קום צו געהן צו אונז" — דאָס האָט געזאָגט אסתר.

און איך ענטפער אָפּ צוריק: „דיין מאַמע וועט ניט אריינ־לאָזען אין שטוב אריין קיין שבת־גוי!"

אָבער ס'האָט מיר באלד באַנג געטאָן, הלמאי האָב איך ניט געשוויגען...

אין שיקאַגאָ

1.

אין דעם צווייטען הויז לעבען חיים דעם בלינדען האָט געוואוינט א פאמיליע מיט'ן נאָמען אויגענבליק.

די פאמיליע איז באשטאנען פון אן אלט פאָר־פאָלק מיט צוויי דערוואקסענע זיהן. דער עלטערער האָט געהייסען מאיר און דער אינגערער בערל.

מאיר איז געווען זעהר א וואוילער און ליבער בחור. ער איז געווען א קלאָוקמאכער און דער ברויטגעבער פאר דער גאנצער משפחה, ווייל דער פאָטער, דער אלטער אויגענבליק, איז שוין געווען אין די אכציגער יאָהרען און צו אלט צו טאָן עפּעס אן ארבייט. דער אינגערער ברודער, בערל, איז געווען א קראנקער, א געריהרטער פון זינען, און פלעגט כסדר ליגען אויפ'ן דיוואן און שמייכלען... דאָס איז געווען א שמייכעל, פון וועלכען עס געהט אריבער א סקרוך איבער'ן לייב, ווען מען זעהט אָט דעם שמייכעל...

מאיר'ן האָב איך ליב באקומען באלד ווי איך האָב זיך מיט איהם באקענט; און נאָך עזריאל גאָטעספעלד'ן איז מאיר געווען מיין צווייטער חבר.

מאיר האָט געהאט א שעהנע טענאָר־שטים און האָט געזונגען דוד עדעלשטאט'ס ארבייטער־לידער מיט אזא פייער און ברען, וואָס האָט מיך באלד אָנגעשטעקט און אָנגעצונדען.

מיין אייגענע שטים, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט צו עפּעס צווישען א באס און א באריטאָן, האָט געקלונגען גאָר ניט שלעכט. אין א גאנץ קורצער צייט האָב איך זיך אויסגעלערענט זינגען כמעט אלע עדעלשטאט'ס לידער אויסוועניג, אזוי אז מיין פריינד מאיר פלעגט מיך מקנא זיין. ספּעציעל איז ער געווען באגייסטערט פאר מיין „טאלאנט" צוצופּאסען מאלאָרוסישע מעלאָדיען צו מאנכע פון עדעלשטאט'ס לידער.

מאיר פלעגט אָפט געהן צו אַנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונגען, און ער פלעגט מיך בעטען מיטגעהן מיט איהם; אָבער איך האָב זיך נעשעמט מיט מיין הילוך און בין ניט געגאַנגען. דערפאַר אָבער פלעגט ער מיר דערצעהלען פון אַלץ וואָס דאָרט, ביי די אַנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונגען פלעגט פאָרקומען, און איך פלעג שלינגען זיין יעדען וואָרט.

אָט פאַר דעם חבר מיינעם האָב איך אויסגערעדט מיין ביטער האַרץ, און ער האָט מיך גע'עצה'ט אוועקצופאָהרען אין שיקאַגאָ.

וואָס עפּעס גראָד שיקאַגאָ?

ווייל אין שיקאַגאָ וואוינט מאיר'ס עלטסטער ברודער, דזשייק אויגענבליק, וועלכער איז א זעהר גוטער מענש, און ער וועט מיך ניט לאָזען פאַלען. אגב האָט טאַקע מאיר אליין אויך זיך געקליבען צו פאָהרען מיט די אַלטע עלטערען קיין שיקאַגאָ, אזוי גיך ווי עס וועט זיך איהם איינגעבען ערגעץ צו באַשטאַטען דעם אָרעמען, קראַנקען בערל'ען, וועלען מיר זיך ווידער טרעפען אין שיקאַגאָ.

אָן דער האָזיגער עצה האָב איך זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט. מאיר האָט מיר געליהען דאָס נויטיגע געלט אויף הוצאות; און ניט נאָר דאָס, נאָר ער איז אוועק מיט מיר און האָט פאַר מיר געקויפט א צוגעטראָגענעם אַנצוג און אויך אוועקגעגעבען זיינעם אַן אַלטען אויבער־ראָק. אין עטליכע טעג אַרום בין איך שוין געווען פאַרטיג פאַר דער רייזע.

אָבער ווי אזוי פאָהרט מען אוועק זיך ניט געזעגענענדיג מיט אסתר'ן?...

דער איינציגער, וואָס קען מיך צוזאַמענברייינגען מיט מיין געליבטער, איז איהר ברודער, מיין חבר עזריאל.

האָב איך איהם דערצעהלט פון מיין פּלאַן, און ער האָט מיר צוגעזאָגט צו קומען מיט אסתר'ן אויף א געוויסען פּלאַץ, אין א באַשטימטער שטונדע.

אָבער זיי זיינען ניט געקומען...

איך בין אָפּגעשטאַנען עטליכע שעה און געוואַרט אויף זיי אומזיסט.

בין איך געגאַנגען און זיך אוועקגעשטעלט אַנטקעגען די גאָטעספּעלדס' הויז, געקוקט אין די בלינדע פענסטער ביז האַלבע

נאַכט, — געהאַפּט צו קאָנען כאַפּען כאָטש איין בליק אויף דער גע־ליבטער מיינער, — און בין מיט א צעבראָכען הארץ אוועק אהיים.
אויפמאָרגען בין איך שוין געווען אויף'ן וועג קיין שיקאַגאָ.

2.

די שעהנע שטאָדט שיקאַגאָ האָט זיך לכבוד מיין אָנקומען אויסגעפּוצט אין א ווייסען, פריש־געפאַלענעם שניי, און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איך בין א נייער מענש און געפין זיך ערגעץ אין א נייער, אויסטערלישער שטאָדט, וואָס געפינט זיך ניט אויף דער ערד, נאָר ערגעץ אויף אַן אנדער פּלאַנעט...

אין א שטונדע אַרום בין איך צוגעקומען צו א קליין, אָרים, אַלט שטיבעל. דאָרט האָט געוואוינט דזשייק אויגענבליק.

געווען איז דאָס אין א פריהמאָרגען, אַרום 10 אזייגער אינ־דערפריה, אין דער וואָך וואָס פאַר קריסטמעס, אין דעם יאָהר 1888.

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, וועלכע האָט זיך באַלד האַסטיג אַן עפען געטאָן, און פאַר מיר איז געשטאַנען א הויכער, פעסט־געבויטער, מיטעליאָהריגער מאַן, מיט א קאָפּ פעך־שווארצע, געקרויזטע האָר; גרויסע, שווארצע, לאַכענדיגע אויגען און א טונ־קעלען, סימפּאַטישען פּנים, באַצירט מיט דיקע וואָנצעס. ער איז גי־כער געווען עהנליך צו א גריך אָדער אַן איטאַליענער, ווי צו א אידען. פאַר מיין חבר מאיר'ס א ברודער וואָלט איך איהם פאַר קיין פאַל ניט אָנגענומען; ווייל מאיר איז געווען א בלאָנדער, מיט גרויע אויגען און א קליין, שוואך מענשעל.

— וואוינט דאָ מיסטער אויגענבליק? — פרעג איך איהם אביסעל שטאַמלענדיג.

— דאָס בין איך אליין; קומט אריין — און ער שטרעקט מיר אויס א ווייכע, ווארימע האַנט, וועלכע גיט א כאַפּ מיינער און דערלאַנגט זי א דריק, פון וועלכען איך האָב אזש א געשריי געטאָן. ווארים דאָס איז געווען דיזעלבע האַנט, פון וועלכער איך האָב ערשט ניט לאַנג צוריק אָפּגעשניטען א האַלבען פינגער...

— איז מיט וועמען האָב איך דעם כבוד צו רעדען? — פרעגט

ער מיר נאָכדעם ווי מיר זיינען אריין אין הויז און געבליבען שטעהן אין דעם וואַרימען, זויבערען צימער, אין וועלכען עס האָט געשמעקט דער ריח פון פריש־געקאָכטער קאַפע און געפּרעגעלטע שווייגען־פלייש... דער רונדער טיש, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען צימער, איז געווען געגרייט פאַרטיג פאַר פרישטיק.

— מיין נאָמען — זאָג איך — איז גרינפעלד, און איך האָב אייך געבראַכט א גערוס פון אייער משפחה אין פילאַדעלפיע.

זיינע גרויסע, שווארצע אויגען האָבען א בליץ געטאָן און ער האָט א געשריי געטאָן פון פרייד: „באַסע, דו הערסט? באַסע, קום נאָר אהער! מיר האָבען א גאַסט פון פילאַדעלפיע!"

פון דער קיך איז ארויסגעקומען, אדער בעסער געזאָגט: האָט זיך ארויסגעקאַטשעט, א מעוברת ווייבעל, מיט א ברייט, פאַרשוואַלען פנים, פון וועלכען ס׳האָט זיך קוים ארויסגעזעהן א קליין, פאַריסען נעזעל, ווי א פאַסאָליע די גרויס. זי האָט מיר פריינדליך געדריקט די האַנט און געבעטען זיצען.

דזשייק אוינגענבליק האָט מיר געהאָלפען אויסטאָן דעם אויבערראָק, איהם ערגעץ אוועקגעלייגט, און איינגעלאַדען מיך צו פרישטיק.

איך האָב גראָד נאָר־וואָס געהאַט געגעסען אין א רעסטאָראַן, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען קיין טענות, איך האָב געמוזט זיך זעצען עסען מיט איהם.

ביים טיש האָב איך דערצעהלט אלץ וואָס איך האָב געוואוסט פון זיין משפחה, בעת ער איז געזעסען און מיך דורכגעדרונגען מיט זיינע שווארצע, ברענענדיגע, לאַבענדיגע אויגען. און מיט אמאָל גיט ער מיך א פרעג: „און וואָס הערט זיך עפּעס אין דער ארבייטער־באוועגונג אין פילאַדעלפיע?"

בין איך אָבער נאָך געווען זעהר רויה אין דעם דאָזיגען ענין. איך בין נאָך אויף קיין איינציגער פאַרזאַמלונג ניט געווען; איך האָב נאָר געוואוסט די נעמען פון עטליכע רעדנער, פון וועלכע זיין ברודער מאיר האָט מיר דערצעהלט. האָב איך עפּעס גענומען שטאַמלען וועגען זאַמעטקין, ר. לואיס, עדעלשטאַט א. ז. וו.

דזשייק האָט אבער באַלד איינגעזעהן מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, האָט ער פאַרקירעוועט דעם געשפּרעך אויף מיין קומען קיין שיקאַגאָ, און געפרעגט וואָס איך האָב בדעה צו טאָן.

האָב איך איהם דערצעהלט מיין בינטעל צרות.

דזשייק איז געזעסען, געריבערט איין סיגארעטעל נאָכ'ן צווייטען און זיך איינגעהערט צו מיין קורצער, טרויעריגער לעבענס־געשיכטע. אין דער טיפעניש פון מיין נשמה האָט זיך געעפענט א קוואל, און איך ווייס אליין ניט פון וואנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אזא כח־הדיבור. איך האָב איהם אלץ דערצעהלט, אזוי ווי מיר וואָלטען שוין געווען די בעסטע פריינד פון לאנגע יאָהרען...

אז איך האָב געענדיגט רעדען, האָט זיך דזשייק אויפגעהויבען, איז אריין אין קיך אויף א פּאָר מינוט, וואו באַסע איז געשטאַנען וואַשענדיג די געשיר און מיט איין אויער זיך איינגעהערענדיג צו מיינע רייד.

דזשייק איז באַלד צוריקגעקומען, און מיט א ברייטען, האַר־ציגען שמייכעל פון אונטער די דיקע שוואַרצע וואָנצעס האָט ער א זאָג געטאָן צו מיר:

— הער זיך איין, יונגערמאַן: קיין באָרדערס האַלטען מיר ניט; איך בין א גוטער קלאָוקמאַכער און מאַך א פיין לעבען פאַר מיין ווייב און דריי קינדער, זיי זיינען איצט אין סקול, אָבער דו וועסט זיי באַלד זעהן. אבער, אויב דיר איז אָנגענעהם צו בלייבען וואוי־נען דאָ מיט אונז, ביזטו ווילקאַמען. מיר פון אונזער זייט וועלען טאָן אונזער בעסטעס, אז דו זאָלסט זיך פיהלען ווי אין דער היים. איך בין זיכער, אז נאָך קריסטמעס וועסטו קריגען א דזשאָב און עס וועט דאָ פון דיר ווערען א שטיקעל מענש. קום, וועל איך דיר וויזען דיין צימער. לייג אוועק דיין טשאַמעדאַן און מאַך זיך באַ־קוועם. טאָמער דאַרפסטו עפּעס געלט, שעם זיך ניט, איכ'ל דיר אויסהעלפען וויפיעל דו וועסט דאַרפען. וועסט אַרבייטען, וועסטו באַצאָהלען! אָט דאָ אויפ'ן פּאָלעצקע שטעהט א פול קעסטעל איי־גען געמאַכטע סיגאַרעטלעך, רויכער פיעל דיין הארץ גלוסט, און — ניט געזאָרגט! וועסט נאָך לעבען א טאָג אין אמעריקע. מיר'ן דיך אריינגעהמען אין דער אַנאַרכיסטישער גרופּע, וועסט זיך מיט דער צייט אויסמענשלען און ווערען א טעטיגער באַוועגונגס־מענש. נו, געה אריין אין דיין צימער, רוה זיך אויס, און איכ'ל געהן ברענ־גען מיינע בייבעלעך פון סקול...

דזשייק איז ארויסגעלאָפען פון הויז און איך בין געבליבען

זיצען, אזוי ווי איך וואָלט געווען אין א הינערפּלעט. איך האָב גע־פּיהלט, אז איך געפין זיך באמת אין אן אנדער וועלט, צווישען גאָר אנדערע מענשען, און מיין הארץ איז געווען איבערפילט ביז ארי־בערגיסען זיך...

באַלד האָט זיך דערהערט דאָס פרעהליכע געלעכטער פון קינ־דערלעך. די טיר האָט זיך אָן עפען געטאָן און עס זיינען אריינ־געפלויגען צוויי מיידעלעך — 10 און 8 יאָהר אַלט — און א אינגעלע פון א יאָהר זעקס. אלע דריי מיט פארפלאַמטע פנימ'לעך און נאסע רויטע הענטלעך פון שניי־פילקעס.

דזשייק האָט זיי אלעמען פאָרגעשטעלט פאר מיר און זיי גע־זאָגט, אז איך בין אָנקעל „דזשי", וואָס איז געקומען פון פילאדעל־פיע צו בלייבען וואוינען מיט זיי.

חברה האָט מיך באטראכט, ווי געוועהנליך קינדער, אביסעל שעמעוודיג, צעשראָקען, זיך רוקענדיג הינטערוויילעכס אויף צוריק, מיט א פינגער אין מויל, ביז מען האָט זיך אריינגערוקט אין קיך און זיך צעלאַכט אויף א קול, שטורכענדיג איינער דעם צווייטען אין די זייטען...

אין אווענט זיינען אריינגעקומען צוויי יונגע לייט: איינער א הויכער, א שעהנער, מיט קלוגע שווארצע אויגען; און דער צוויי־טער א קליינינקער, א דארער, מיט א בלאס פנים, און די קליינע אויגעלעך זיינען געווען פארשטעלט מיט גרויסע, קורציכטיגע אוי־גענגלעזער. דער הויכער האָט געטראָגען א רוסישע הארמאָניקע אונטער'ן אָרעם.

דזשייק איז זיי אנטקעגענגעלאָפען מיט א ברייטען, הארציגען „העלאו, גענאָסען!" און זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אז ער האָט געקראָגען א „גרויסען" גאסט פון פילאדעלפיע, און האָט זיי פאָר־געשטעלט פאר מיר: דער הויכער, מיט דער הארמאָניקע, איז גע־נאָסע בראָדסקי; און דער קליינער, איז זיין שוואגער, דער ווייב'ס ברודער, גענאָסע לעוויצקי.

מיר האָבען זיך באגריסט, געדריקט די הענט, און זיך אויס־געזעצט ארום דעם רונדען טיש. באסע, מיט א פארפלאַמטען פנים, האָט דערלאנגט טיי מיט ווארעניע און צובייסען.

לעוויצקי, באסע'ס ברודער, איז געווען איינער פון די אנגע־

זעהענסטע פיהרער אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין שיקאַגאָ. זעהר אַן ערנסטער מענש, שוין אַביסעל צו־ערנסט, און גערעדט האָט ער שטיל און מיט געקליבענע הויך־ליטעראַרישע ווערטער. אַ לעבען מאַכען פלעגט ער פון ציגאַר־מאַכעריי, וואָס איז געווען זעהר שעדליך פאַר זיין שוואַכען געזונט.

לעוויצקי האָט פאַר אונז געשילדערט די היימאַרקעט טראַגעדיע פון די פינף געהאַנגענע אַנאַרכיסטען און האָט זיך ספּעציעל אָפּגע־שטעלט אויף דעם אויסערגעוועהנליכען ריזען־גייסט וואָס איז פאַר־לאָרען געגאַנגען אין דער פּערזאָן פון לואיס לינג. איך בין געזעסען און מיט מויל און אויערען געשלונגען זיין יעדען וואָרט.

ווען לעוויצקי האָט געענדיגט רעדען, האָט דזשייק אַ וואונק געטאָן צו בראָדסקי׳ן: „נו, גענאָסע, לאָמיר הערען עפּעס אַ גוט וואָרט! אָט איז די האַרמאָניקע".

בראָדסקי האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, גענומען די האַר־מאָניקע, אַ פליה געטאָן מיט די לאַנגע פינגער איבער די ביינדלעך, און מיט אַ שטאַרקער אָבער רויהער באַריטאָן־שטים גענומען זינגען עדעלשטאַט׳ס „מיר ווערען געהאַסט און געטריבען", באַגלייטענדיג זיך אליין אויף דער האַרמאָניקע.

דאָ האָב איך זיך דערפיהלט ווי אַ פיש אין וואַסער... מיין שטים איז געווען שעהנער און רייכער פון בראָדסקי׳ס, און צום צווייטען סטראָף האָב איך אונטערגעכאַפּט די מעלאָדיע, וועלכע איך האָב געזונגען אַביסעל אַנדערש און מיט מעהר פייער.

דער עולם איז געבליבען זיצען עלעקטריזירט פון מיין זינגען. דזשייק איז צוגעלאָפען צו מיר און מיך גענומען קושען און דריקען צום האַרצען און געשריען: „בראַוואָ, בראַוואָ! מיר האָבען אַ נייעם טאַלאַנט פאַר אונזערע פאַרזאַמלונגען און קאָנצערטען."

אויך לעוויצקי און בראָדסקי האָבען מיר געדריקט די האַנט און זיך געפרעהט מיט מיין אריינקומען אין זייער קרוזשאָק.

מיר זיינען געזעסען און געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער ביז שפּעט אין אָוונט. און איידער די צוויי יונגעליייט זיינען אַוועק האָט מיר לעוויצקי געגעבען עטליכע בראָשורען צום לייענען.

דאָס איז געווען מיין ערשטער אריינטריט אין דער וועלט פון אידעאַליזם און רעוואָלוציע.

4.

באַלד נאָך ניי־יאָהר האָב איך געקראָגען ארבייט אין א וואַגאָן־פאַבריק און פאַרדינט 13 דאָלער א וואָך, פון וועלכע איך פלעג יעדע וואָך אַוועקשיקען צום טאַטע'ן 5 דאָלער צושטייער אויף שיפסקאַרטען פאר דער מאַמען מיט די קינדער.

אין עטליכע וואָכען ארום בין איך שוין געווען א גאַנצער „ספּאָרט", מיט א נייעם אָנצוג און אויבער־ראָק, און שוין געהאַט גענומען מיין ערשטען „שייוו" אין א באַרבער־שאָפּ. די אויגענ־בליקם האָב איך געצאָהלט גאנצע דריי דאָלער א וואָך פאר „רום און באָרד".

איין שבת אווענט געה איך מיט דזשייק'ן צום ערשטען מאָל צו אן אנאַרכיסטישער פאַרזאַמלונג.

געגאַנגען בין איך מיט א קלאַפּענדיגען הארצען און עפּעס א מאָדנער רעליגיעזער שטימונג, אזוי ווי איך וואָלט געגאַנגען יום־כפור אין שוהל אריין. אין מיין הארצען איז געזעסען א גאַנצער אָרקעסטער און געזונגען און געשפּילט; אלע אברים אין מיר האָבען געזונגען און געטאַנצט. אין דער דאָזיגער שטימונג בין איך מיט דזשייק'ן אריין אין זאַל, וואו עס זיינען געווען עטליכע הונדערט מענשען.

דזשייק איז געווען מיט לייב און נשמה איבערגעגעבען דער באַוועגונג און האָט געטאָן די שווערסטע ארבייט, די רוטינע ארבייט, און זיך געלאָזט קאָסטען ביז'ן העמד. זיין פייער און התלהבות האָט געקאָנט אָנצינדען א טויטען.

אריינקומענדיג אין זאַל, וואו די פאַרזאַמלונג האָט שטאַטגע־פונען, האָט מיר אויגענבליק אָנגעוויזען א פּלאַץ, וואו זיך צו זע־צען, און אליין האָט ער אוועקגעשמייסט, אומגעלאָפען, געווען פאַר־טאָן מיט אלערליי ארבייט.

מיינע אויגען האָבען געשלונגען אלץ וואָס עס איז פאָרגעקו־מען אויף דער הויכער העל־באַלויכטענער פּלאַטפאָרם. רעדנער האָבען גערעדט אין עטליכע שפּראַכען: רוסיש, דייטש, אידיש און ענגליש. מיט אמאָל הער איך אימעצער רופט אויס, אז „ב. גרינ־פעלד וועט זינגען עדעלשטאַט'ס א ליד!"

עס דערלאַנגט מיר א זעץ אין הארצען. עס הויבט מיר אָן זשומען אין די אויערען. וואָס? האָט זיך מיר דאס אויסגעדוכט, אַז איך הער מיין נאָמען אויסרופען?

אָבער באַלד שטעהט דזשייק לעבען מיר, נעהמט מיך אָן פאר א האַנט און זאָגט: „גולם, וואָס זיצסטו? האָסט דאָך געהערט ווי מען האָט דיך גערופען!“

— אָבער דזשייק — כאַפּ איך קוים דעם אָטעם — וואָס רעדט איהר? כ'האָב קיינמאָל ניט געזונגען פון א פּלאַטפאָרם; און נאָך פאר אזויפיעל מענשען! וואָס זייט איהר, משוגע געוואָרען?

אָבער דזשייק שלעפּט מיך צו דער פּלאַטפאָרם מיט גוואַלט. ער שלעפּט מיך ארויף, לאָזט מיך דאָרט שטעהן איינעם אליין... און אַנטלויפט מורמלענדיג: „בראָדסקי מיט דער הארמאָניקע וועט דיר העלפען“.

מיינע קני, פיהל איך, שאָקלען זיך אונטער מיר, אבער — איך הויב אָן זינגען. מיין שטים קומט ארויס אביסעל א צעטראָגענע, א טויבע... אין גיכען קריג איך אָבער מעהר צוטרויען צו זיך, און מיט יעדען סטראָף, ווער איך שטאַרקער און זיכערער. און דער סוף איז געווען, מען האָט מיך דריי מאָל ארויסגערופען זינגען.

פון דאן אָן בין איך געוואָרען דער געשוואָרענער זינגער ביי אַלע פאַרזאַמלונגען, מיט דער מיטהילף פון בראָדסקי'ן מיט זיין הארמאָניקע.

אין די פרייע אווענטען פלעג איך לייענען בראָשורען, שרייבען בריף צו דער מאַמע'ן און אויך — ליבעס־בריף צו אסתר'ן. אויף וועלכע איך פלעג קיין ענטפער ניט באַקומען. די „ליבע מאַמע“ איהרע פלעגט די בריף איבערנעמען און זיי פארברענען. זי האָט אפילו עזריאל'ן ניט געלאָזט שרייבען צו מיר עטליכע ווערטער. בלויז איין מאָל האָט זי איהם יאָ ערלויבט מיר שרייבען: אַז אסתר איז מיט מזל א כלה געוואָרען פאר איהרען א קאָזין מיט'ן נאָמען זיסקע, עפּעס א צעקראָכענער בחור, וואָס פלעגט כסדר שמאָרען מיט דער נאָז...

א שטיקעל צייט האָב איך זיך ארומגעטראָגען מיט זעלבסטמאָרד־געדאַנקען... אָבער דזשייק, וועלכער האָט געוואוסט מיין „שווער הארץ“, האָט מיך מיט זיין געלעכטער אויסגעקורירט...

דערצו נאָך בין איך געווען באַשעפטיגט מיט אַן אַנדער שווערען פּראָבלעם, טאַקע מיט דזשייק אויגענבליק'ן...

הערט אַ געשיכטע: זיין ווייבעל באַסע, וועלכע האָט זיך געריכט היינט־מאָרגען אין קימפּעט, האָט געהאַלטען אין איין וויי־נען טאָג אַזוי נאַכט, ווייל דזשייק האָט געסטראַשעט, אַז אויב זי וועט האָבען אַ אינגעל וועט ער איהם ניט מל זיין.

באַסע איז געווען אַן איינפאַכע אידישע טאָכטער, וואָס האָט געגאָסען אַ פרום אידישע ערציהונג, און זי האָט ניט געקאָנט נאָכ־לויפען דזשייק'ן אין זיין גאַלאָפּ צו אַן עקסטרעם פרייען לעבען. זי האָט נעבעך געגוג געליטען, ווען ער האָט איהר געצוואונגען אויפהערען בענשען ליכט און אָנהויבען עסען חמץ אום פּסח א. אז. וו.; אָבער ניט מל זיין זיין אַ קינד? דאָס איז שוין געווען איבער איהרע כחות.

און באַסע האָט מיר געקושט די הענט און זיך געבעטען, אַז איך זאָל זי ראַטעווען. פריהער איך און דערנאָך גאָט קאָן דאָ העלפען. זי ווייסט אַז דזשייק האָט מיך ליב, און ער וועט מיר ניט אָפּזאָגען די טובה, ער זאָל ניט זיין קיין עקשן און לאָזען מל זיין דאָס קינד, אויב עס וועט זיין אַ אינגעל... (בעת דאָס ערשטע איינ־געל איז געבוירען געוואָרען מיט 6 יאָר צוריק איז דזשייק נאָך גע־ווען אַ שטיקעל איד...)

איך אַליין האָב, אין מיין גרויס אומוויסענקייט, ניט געקאָנט פאַרשטעהן — וואָס האָט מילה צו טאָן מיט אַנאַרכיזם?... און ווי קאָן דאָס אַ אידעאַליסט, וואָס איז גרייט זיך צו אָפּפערן פאַר דער מענשהייט, צוזעהן די בלוטיגע טרערען פון זיין אייגען ווייב, די מאַמע פון זיינע קינדער, און עס זאָל איהם ניט נאָר ניט אַרען, נאָר זיך רייצען מיט איהר און צאַפּען איהר דאָס בלוט און שרייען, אַז זי איז אַ „פינסטערלינג" און אַן אומוויסענדע בהמה?! ווי אַזוי האָב איך געזאָלט פאַרשטעהן אַזאַ שרעקליכען ווידערשפּרוך אין דער נשמה פון אַזאַ גוטען מענשען ווי דזשייק אויגענבליק?

און אומוויסענד ווי איך בין דאַן געווען, האָב איך געפיהלט, אַז קעמפען געגען פאַנאַטיזם מיט פאַנאַטיזם איז ניט דער ריכטי־גער וועג. עפּעס האָט זיך מיר ניט געגלויבט, אַז די אויפקלערונג דאַרף זיך אָנהויבען פון — דער מילה...

איך האָב איבער דזשייק'ן אזוי לאַנג געאַרבייט, ביז ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט ערלויבען מל צו זיין דאָס קינד (עס איז טאַקע געווען א אינגעל), נאָר ער וועט דערביי ניט זיין. און ער האָט געהאַלטען וואָרט...

מילא בקיצור, איך האָב א גאַנץ יאָהר געוואוינט ביי די אוי־גענבליקס, געוואָרען א גאַנצער מענש, שוין דורכגעלייענט היבשע עטליכע בראָשורען און ביכלעך, אחוץ די „געהיימנישען פון רוסי־שען קייזערליכען הויף", זיך באקענט מיט באקונינ'ען און זיינע אבענטייערס א. אז. וו.

מיט אמאָל קומט מיר אָן א טעלעגראַם פון טאַטען, אז די מאַמע מיט די קינדער זיינען בשלום געקומען קיין פילאַדעלפיע, און אז איך זאָל למען השם באַלד קומען אהיים — און איך האָב באַשלאָ־סען באַלד צו פאָהרען.

באַסע אויגענבליק האָט געוויינט, דזשייק האָט מיך געזעג־דעלט — ס'טייטש, ווי טוט דאָס א מענש אַזאַ זאַך? האָסט א גוטע היים, אַ גוטען דזשאָב, לעוויצקי קלייבט זיך דיר געבען פריי־וואַט לעסאָנס אין ענגליש און אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע און אנ־דערע סאַבדזשעקטס — געהט א מענש, וואַרפט אַלץ אוועק און פאָהרט! וואָס איז? די מאַמע איז געקומען! דאָס פּיצעלע האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער מאַמען! פע, אזוי טוט ניט קיין מענש, אזוי טוט א טרעמפּ! און ער איז ברוגז געוואָרען און ניט געוואָלט רעדען צו מיר...

פונדעסטוועגען זיינען זיי געגאַנגען מיך באַגלייטען צום וואָק־זאַל און זיך גאַנץ פיין צעקושט און זיך צעשיידט מיט טרערען אין די אויגען, און איך האָב זיי צוגעזאָגט, אז איך וועל צוריק קומען...

אָבער איך בין ניט געקומען צוריק, האָב דזשייק אויגענבליק'ען ניט געזעהן 18 יאָהר.

אין 18 יאָהר ארום, ווען איך בין אָנגעקומען אלס פּאַציענט אין דענווער סאַניטאַריום, האָב איך דאָרט געפונען דזשייק'ן...

מיין ווייב׳ס חבר׳טע

איינגעוויקעלט אין ווייסן, זיידענעם, מיט איהרע אייגענע הענט געשטריקטען שאַל, איבער איהר העל־רויטען לאַנגען סוועטער (אויך אליין געמאַכט), די בלאָנדע זיידענע האָר געקרייזעלט און פּריש פון פּריזירער׳ס האַנט, איז אסתר — שוין א מיידעל אין די יאָהרען, מיין ווייב׳ס חבר׳טע — אריינגעקומען צו אונז אין הויז פּונקט אין דער צייט ווען איך האָב אין איילעניש געפּאַקט מיין טשעמאָדאַן אויף צו „קעטשען" דעם „סענטשורי לימיטעד" קיין שיקאַגאָ.

מיר האָבען זיך שטיל, אָהן צערעמאָניעס, באַגריסט און זי האָט זיך גענומען דרעהען ארום מיר, פּלאָנטערען זיך אונטער מיינע פיס. איך זעה אז זי וויל מיר עפּעס זאָגען און האָט ניט דעם מוט, אָדער שעמט זיך (זי איז א שעמעוודיגע פון דער נאַטור), אפשר טאָקע דערפאַר האָט זי נאָך ביז איצט ניט חתונה געהאַט.

— ווילסט מיר עפּעס זאָגען, אסתר׳קע? זאָג, שעם זיך ניט! וואָס קוועטשט דאָרטען דאָס הערצל דיינס?

איך קוק אויף איהר שעהנעם, אביסעל אָפּגעבליאַקעוועטען פּנים, אויף די גרויסע, בלויען אויגען, און זעה אז זי קווייטשקעלט זיך, ווערט רויט און מיידט אויס מיין בליק.

אסתר איז א וואוילע, שטילע מיידעל; ארבייט שווער און האָט שוין א פּעט באַנק־ביכעל. נאָר קיין חתן קאָן זי זיך ניט צוקלייבען. געוועזן צייטען, ווען צו אסתר׳ן האָבען זיך גע׳שדכנ׳ט גאָר פיינע יונגעלייט, אָבער זי האָט זיי אַלע צוריקגעוויזען, ווייל זי האָט ניט געקאָנט פּאַרטראָגען דעם מינדסטען אויסדרוק פון וואולגאַריטעט. די קלענסטע אָנצוהערעניש וועגען געשלעכטס־אָנגעלעגענהייטען האָט זי ניט געקענט פאַרליידען, און קיין יונגערמאַן איז ניט געווען

שעהן גענוג פאר איהר. זי האט באזעסען אן אויסערגעוועהנליך עסטעטישען געשמאק, א שארפען חוש פאר שעהנקייט, און דער מאן וואס זאל זי באזיצען האט געדארפט זיין שעהן, אויסערגעוועהנליך שעהן. ביז איצט האט אסתר אזעלכען ניט געפונען.

איך האב איינגעפאקט מיין טשעמאדאן און מיר געהען אלע אריין אין קיך, וואו עס איז ווארימער. מיין ווייב דערלאנגט טיי מיט צובייסען און איך פרעג ווידער אסתר'ן, וואס אייגענטליך קאן איך טאן פאר איהר אין שיקאגא.

אסתר לאזט אראפ די אויגען, פארוויטעלט זיך אביסעל און זאגט: „וואס איהר קענט טאן פאר מיר? הערט זיך איין: איך האב זיך לאנג געשלאגען מיט דער דעה, צי זאל איך אייך באלעסטיגען מיט מיינע נארישקייטען; נאר אזוי ווי איהר זייט מיין בעסטער פריינד און איך שעץ זעהר פיעל אייער מיינונג און אייער מענשען־קענטעניש, וויל איך אייך בעטען, אז ווען איהר וועט זיין אין שיקאגא זאלט איהר באזוכען א יונגענמאן, וועלכער וואוינט ניט ווייט פון שיקאגא. דער דאזיגער יונגערמאן איז מיינער א יוגענט־חבר. מיר האבען זיך געלערענט, געשפילט אלס קינדער און דערנאך זיך געשיידט. מיט דריי יאהר צוריק איז ער געקומען אין אמעריקא און פארבליבען אין שיקאגא. איך ווייס ניט פון וואנען ער האט געקראגען מיין אדרעס, אבער ס'איז שוין דריי יאהר, אז מיר קארעספאנדירען. ער איז, זאגט ער, אין מיר פארליבט געוועזען נאך אלס קינד, און ער שרייבט אזעלכע בריף, אז זיי קאנען צעשמעלצען א שטיין. ער וויל קומען אהער צו מיר, אויב איכ'ל איהם נאר ערלויבען דאס צו טאן. נו, איז ווייס איך ניט; הייסען איהם קומען האב איך עפעס קיין חשק ניט; רעכען איך, אז אזוי ווי איהר וועט זיין דאבט, טא געהט אריבער, באקענט זיך מיט איהם, און אז איהר וועט צוריקקומען וויל איך איהר זאלט מיר געבען אייער מיינונג, וואס איז דאס פאר א פויגעל. און אזוי ווי איהר ווייסט און קענט מיך, און ווייסט אז איך קאן ניט פארטראגען קיין מיאוס'ע, וואולגארע מענער, וועל איך זיך צוהערען צו אייער מיינונג, צי זאל איך ווייטער אנהאלטען די קארעספאנדענץ, אדער איהם איינגאנצען איגנארירען און איהם אפשלאגען די פליגלען."

איך האב אסתר'ן געגעבען מיין ווארט, אז איך וועל איהר

בקשה דערפילען און בין אוועקגעפאָרען. מיט צווי וואָכען שפּע־טער, ווען איך בין צוריק אהיים געקומען, האָב איך געפונען אסתר׳ן אין הויז ווארטענדיג אויף מיר. איהרע גרויסע, בלויען אויגען האָט זי ניט אראָפּגענומען פון מיר, און פּונקט ווי מיט אן „עקס־רעי״־מאַשין האָט זי מיך דורכגעדרונגען און געזוכט ארויסצובאַקומען מיין מיינונג, נאָך איידער איך זאָג איהר אַ וואָרט, און מיר שיינט, אז דאָס איז איהר געלונגען...

דער שאַרפער אינסטינקט, די טיפע אינטואיציע פון דער פרוי האָט דערפיהלט, אז מיין מיינונג איז ניט קיין גינסטיגע, און זי האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען, געבליבען זיצען מיט פאַרשלאָסענע ליפּען און געדולדיג געוואַרט ביז איך האָב זיך אָנגעטעשעט מיט דער ווייב און די קינדערלעך — דערנאָך האָב איך זיך געווענדט צו אסתר׳ן מיט אַ געמאַכטער פרעהליכקייט.

— איך האָב מיין מיסיע, זאָג איך, דערפילט אזוי גוט ווי איך האָב געקאָנט. איך האָב זיך מיט איהם געזעהן דריי מאָל, אָבער הער זיך איין, מיין ליבע אסתר, די אונטערשטע שורה איז: ער איז ניט פאַר דיר!

— דאָס האַרץ האָט מיר אזוי געזאָגט, ווען איך האָב נאָר אויף אייך אַ קוק געטאָן.

— האָסט, זאָג איך, אסתר׳קע, זעהר אַ קלוג האַרץ.

— אז ער איז ניט זייער קיין שיינער, זאָגט אסתר, דאָס קאָן איך זעהן פון זיין פּיקטשור וואָס ער האָט מיר דאָ ניט לאַנג צוגע־שיקט, אָבער איך האָב געמיינט, אז ער איז אַ קלוגער, אינטעליגענ־טער מענש, אורטיילענדיג פון זיינע בריף.

— אורטיילענדיג פון זיינע בריף — קרים איך נאָך אסתר׳ן מיט אביסעל אויפרעגונג אין מיין שטים — ווייסטו, זאָג איך, אז דער שורקע איז אַן איגנאָראַמוס און אַ שווינדלער? ווייסטו, אז די שעהנע ליבעס־בריף, וואָס ער האָט דיר געשריבען, האָט ניט ער געשריבען, נאָר אַ פּראָפעסיאָנעלער בריף־שרייבער?

— וואָס רעדט איהר? — שטאַמעלט אסתר ארויס מיט אַ פלאַמענדען פּנים פון בושה.

— דאָס וואָס דו הערסט! — זאָג איך — היינט זיין אויסזעהן, זיין פיגור, זיין שפּראַך, זיין לשון! פּונקט — זאָג איך — צוגע־

פאַסט צו דיין עסטעטישען געשמאַק; עס זאָל פעהלען א האָר — זאָג איך, ארויסשיסענדיג א געלעכטער — היינט זיין פרנסה!

— טאַקע — כאַפּט אונטער אסתר — וואָס איז טאַקע זיין פרנסה?

— אָה! זעהסטו — זאָג איך — זיין פרנסה איז שוין גאָר א פיינע, א „זיסע פרנסה“, זאָג איך, האָט ער. אויב, זאָג איך, ער וועט קריגען עפּעס א בלינדע פרוי, וואָס וועט מיט אזא אבעזיאַנע חתונה האָבען, וועט זי ביי איהם האָבען, זאָג איך, א זיס לעבען.

— וואָסי, — לאַכט שוין אסתר — ער האַנדעלט מיט צוקער?

— ניין, זאָג איך, נאָך בעסער. ער האַנדעלט מיט האָניג; ער האָדעוועט ביהנען און פארקויפט האָניג. געפעלט דיר, זאָג איך, אָט דער געשעפט? און לויט דעם הילוך זיינעם, מאכט ער גאָל־דענע געשעפטען. ער האָט מיר געזאָגט, אז ער „האָפט“ מיט דער צייט זיך ארויפצוארבייטען און האָבען א גרינגע פרנסה. ער „האָפט“ אויך, אז דו וועסט געפעלען וועדען זיינע ביהנען, אָט פונקט ווי דו ביזט איהם געפעלען; אז ניט, דאָס הייסט, טאָמער וועסטו ח״ו ניט געפעלען זיינע ביהנען, וועלען זיי דיר אויפעסען א לעבעדיגע... געפעלט דיר אזא שידוך?

אסתר האָט א לאַך געטאָן, און רופט זיך אָפּ: דערציילט מיר בעסער ווי זעהט ער אויס, איז ער א הויכער, א געזונטער?

— ער איז — זאָג איך — פונקט ווי טשארלי טשאפּלין, ווען ער דרעהט אויס זיינע פיס... די צייהן זיינען ביי איהם שוואַרצ־לעך־געל און עס פעהלען איהם דריי פאָדערשטע צייהן פון אויבען און צוויי פון אונטען. און אז ער לאַכט, זעהסטו פאַר זיך דעם ארייננגאַנג צו דער סאָבוויי. נאָכמעהר, מיר האָט זיך אויסגעוויזען, בעת ער האָט א לאַך געטאָן, אז אָט וועלען די ביהנען ארויספליהען פון זיין מויל...

אסתר איז שיער ניט געוואָרען היסטעריש פון לאַכען; אזש טרערען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

— און — שילדער איך ווייטער — מיר דאַכט, אז ער איז צו די אַלע מעלות נאָך א שטאַמלער אויך; הינקט־אונטער אביסעל ווען ער דאַרף געהן שנעל, און די לינקע האַנט ציטערט איהם אבי־סעל... און ער האַלט זי כסדר אונטער דער רעכטער פּאַכווע.

— נו — פרעגט ווייטער מיין ווייב׳ס חבר׳טע — און וואָס איז זיין וועלט־ און לעבענס־אַנשויאונג?

— זיין וועלט און לעבענס־אַנשויאונג — זאָג איך — איז ביהנען! וויפיעל איך האָב ניט פרובירט איהם אריינציהען אין אַ געשפּרעך וועגען פּאָליטיק, באָלשעוויזם, קלאָוקס, איינשטיין׳ס טעאָריע, א. א. וו., פלעגט ער זיך קונציג ארויסדרעהען און זיך אוועקלאָזען אין אַ גאַלאָפּ וועגען ביהנען.

— זיי, די ביהנען, זאָגט ער, האָבען אַ קעניגין, אַ גרויסע, אַ פעטע, נאָך וועלכער זיי ווערען די כפרה און יאָגען זיך ארויס די נשמה איידער ס׳געלינגט איינעם פון זיי זי צו קריגען; און ערשט דערנאָך, אז ער קריגט זי שוין, באַצאָלט ער ערשט מיט זיין לעבען!

— אָבער, שעהנער פון אלץ איז, וואָס ער האָט אלץ געוואָלט וויסען צי דו ביזט פעט. איהם אַרט ניט צי דו ביזט שעהן צי מיאוס, קלוג צי נאַריש, נאָר ווי פעט דו ביזט. אז די ביהנען האָבען ליב אַ פעטע קעניגין, מסתמא וויסען זיי וואָס גוט איז. ער האַלט, אַז די ביהנען זיינען די קליגסטע באַשעפענישען און אַז מענשען דאַרפען זיך לערנען ווי צו לעבען ביי די ביהנען.

מיין פריינדין איז געבליבען זיצען דעם קאָפּ אַנגעשפּאַרט אויףביידע הענט, און מיר דאַכט, אַז זי האָט שטיל געוויינט. איך האָב מעהר מיט איהר וועגען דעם ניט גערעדט. איך האָב געדראַפט לייגען די קינדער שלאָפען, און מיין ווייב זאָל לעבען, האָט זיך אַ נעהם געטאָן צו מיר, מיך אויספרעגען וועגען איהרע קרובים אין שיקאַגאָ, קאַזינס און קוזינעס, אַזוי אַז ווען אסתר האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט אַ גוטע־נאַכט האָב איך אפילו ניט באַמערקט, אַז איך האָב זי אַ לאַנגע צייט געלאָזט זיצען אליין און זי האָט זיך אפשר געפונען באַליידיגט, וואָרים זי איז שטיל ארויס פון הויז.

און דער אמת איז, אַז פון זינט יענעם אָוועט, האָבען מיר שוין מעהר אסתר׳ן ביי אונז אין הויז ניט געזעהן; נאָר אין אַ וואָך ארום איז מיר אָנגעקומען אַ בריף פון אסתר׳ן פון שיקאַגאָ, אין וועלכען זי לאָזט אונז וויסען, אַז מיין שילדערונג פון איהר לאַנדסמאַן און פאַרעהרער האָט ארויסגערופען ביי איהר אין הארצען אַזאַ רחמנות, אַז זי האָט באַשלאָסען מיט איהם חתונה צו האָבען, און זי איז זעהר גליקליך מיט איהם און מיט זיינע ביהנען...

אַלטע באַקאַנטע

דער צופאַל האָט מיך געבראַכט אין דער שטאָדט פּ., וואו איך ביז מיט 30 יאָהר צוריק אָנגעקומען אַלס גרינער, און נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעאַרבייט א שטיק צייט קאַטאָרזשנע אַרבייט אין א שמוציגער לעדער־פאַבריק, בין איך מיט א קללה אויף די ליפּען פון דער שטאָדט אַנטלאָפען.

איצט, מיט זיבען־און־צוואַנציג יאָהר שפּעטער, געפין איך זיך ווידער אין דער מיר פאַרהאַסטער שטאָדט. איך שפּאַציר אַרום איבער די שמוציגע גאַסען פון דעם אידישען קוואַרטאַל, וועלכער איז צעהנפאַך פאַרגרעסערט געוואָרען. די שמאָלע גאַסען זיינען אָנגעפּאַקט מיט מענשען. עס איז א זעהר הייסער טאָג און די אָרימע מענשען, מענער, פרויען און קינדער, געהען אום מיט צע־כראַסטעטע העמדער און פאַרשוואַרצטע פּנים׳ער. איך בין אַנט־שלאָסען אויפצוזוכען אַלטע באַקאַנטע. מיר ווילט זיך זעהן, וואָס איז פון זיי געוואָרען? ווער פון מיינע אַמאָליגע באַקאַנטע איז געוואָרען א דאָקטאָר און ווער א לענדלאָרד, ווער סתם אַן אָלרייט־ניק און — ווער איז געשטאָרבען? צו ערשט מוז איך אָפּזוכען בעלאַ פיינמאַן, דאַן סעם ראַבקין, און דאַן פיליפּ פּרוסניק, און א טוץ אַנדערע ווענינער וויכטיגע באַקאַנטע.

ביי די פיינמאַנס בין איך געשטאַנען אין לאָזשי, און זייער איינציגע טאָכטער בעלאַ איז געווען א זעהר געראָטענע, קלוגע מיידעל, וועלכע האָט מיר געגעבען די ערשטע עטליכע לעסאָנס אין ענגליש, און האָט אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק.

בעלאַ וואָלט אפשר געקאָנט באַטראַכט ווערען אַלס שעהן מיידעל, ווען ניט איהר עטוואָס צו דיקער קערפּער, ווייל דער רונדער ברונעטער פּנים איהרע, מיט די גרויסע, סאַמעט־ווייכע, שוואַרצע

אויגען, זיינען געווען אמת שעהן. נאָר שעהנער און זיסער פון אלץ איז געווען איהר שמייכעל — וועלכען די 27 יאָהר האָבען נאָך פון מיין זכרון ניט אָפּגעווישט.

גייסטיגע מעלות האָט בעלאַ פאַרמאָגט נאָך מעהר ווי קער־פערליכע. זי איז געווען גוט באַלעזען, וויציג, און האָט פאַרשטאַ־נען אויסגעצייכענט ווי צו אונטערהאַלטען א געזעלשאַפט. זי האָט געשפּילט ניט שלעכט פּיאַנאָ און האָט אויך אביסעל געזונגען. מיט איין וואָרט, אזעלכע בעלאַס וואַלגערען זיך ניט אין די גאַסען.

און איהר פאַרשטעהט מסתמא, פאַרוואָס איך בין אזוי נייגע־ריג געווען זי צו זעהן צוערשט.

סעם ראַבקין איז ביי מיר געווען דער צווייטער אויף דער ליסט, און דאָס איז אויך ניט אומזיסט; ווייל בעת איך האָב פאַר־לאָזען די שטאָדט זיינען בעלאַ און סעם געווען חתן־כלה. זיי זיינען פון קינדוויז אָן ערצויגען געוואָרען צוזאַמען אין א אידישער קאָ־לאָניע אין ניו דזשוירסי און איך האָב זיי באַטראַכט פאַר אן אי־דעאַלער פּאָרעל, כאָטש איך, אלס אייגענער מענש, האָב געקאָנט באַמערקען, אז די ליבע פון איהר זייט איז פיעל שטאַרקער ווי פון זיין זייט. מיך פלעגט דאָס פאַרדריסען, ווייל איך האָב געוואוסט, אז סעם איז אין פיעל הינזיכטען נידעריגער פון בעלא׳ן; קיין שעהנער איז ער אויך ניט געווען. ער איז געווען א נידעריגער, א שווארצער, מיט א גרויסער, ברייטער נאָז, אָבער א קלוגער איז ער געווען, און האָט שעהן געזונגען.

איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אז בעלאַ מוז איצט זיין איינע פון די אידישע „פיער הונדערט“ אין פ., און ווער ווייסט צי זי וועט מיך גאָר געדענקען אָדער דערקענען?

א גאַנצען טאָג האָב איך פאַרשווענדט ביז מיר איז געלונגען אויסצוגעפינען וואו בעלאַ געפינט זיך, און לויט די אויסקונפטען, וואָס איך האָב וועגען איהר באַקומען פון אַלטע באַקאַנטע, וואָס איך האָב דורכ׳ן טאָג צופעליג אָפּגעזוכט, בין איך געבליבען זעהר און זעהר ענטוישט און א היבשער טייל פון מיין חשק זי צו זעהן איז פאַרשוואונדען. אָבער איהר זיסער, האַלב־מעלאַנכאָלישער שמייכעל איז געשטאַנען פאַר מיינע אויגען און מיך געמאַניעט און געצויגען. נאָר אזוי ווי בעלאַ האָט געוואוינט אין א קליין שטעד־

טעל, 30 מייל פון פּ., האָב איך באַשלאָסען, אויפמאַרגען גאַנץ פריה צוצופאָהרען צו איהר. עס איז שוין צו שפּעט, און איך בין מיעד פון ארומלויפען דעם גאַנצען טאָג.

די געשיכטעו, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט פון באקאנטע וועגען בעלא'ן, האָבען מיך ניט געלאָזען איינשלאָפען. מיר איז געווען שווער זיך צוצוגעוועהנען צום געדאַנק, אז בעלאַ איז איצט ווייט ניט דאָס וואָס איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, און אַז זי שפּילט ניט די ראָלע אין לעבען, צו וועלכער זי איז געווען בארעכטיגט. איך בין געלעגען און געטראַכט פון אנדערע באַקאַנטע, וואָס איך האָב דורכ'ן טאָג אָנגעטראָפען — ווי כמעט קיינער פון זיי איז ניט געוואַקסען, ניט גייסטיג און ניט מאַטעריעל. בלאַסע, דערשלאָ־גענע, בלוטלאָזע אָרימעלייט זיינען זיי געווען. דער איז אונטער דער צייט טויב געוואָרען, יענער איז געוואָרען בלינד, אלע האָבען קינדער, אָבער זעלטען ביי וועמען א קינד איז געראָטען, און זייער לעבען איז איין לאַנגער, פאַרבענקלאָזער, גרויער טאָג. אלט געוואָרען פאר דער צייט. זיי דרעהען זיך ארום קערפּערליכע און גייסטיגע מתים. זייערע נשמות זיינען פאַרהאַרטעוועט געוואָרען, און זיי זיינען מעהר ניט אימשטאַנד צו פיהלען ניט קיין גרויסען פריידען און אויך ניט קיין גרויסע ליידען.

בעלאַ, האָט מען מיר דערצעהלט, האָט מיט סעמ'ן ניט חתונה געהאַט. סעמ'ס פאָטער האָט איהם פון איהר אָפּגעריסען. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער, וועלכע האָט איהם געגעבען טוי־זענד דאָלער נדן.

בעלאַ האָט דעם קלאַפּ קוים איבערגעלעבט. זי איז א יאָהר צייט געווען באַהערשט פון א טיפער מעלאַנכאָליע; און ווען זי איז צו זיך געקומען, איז זי שוין מעהר ניט געווען דיזעלבע פרעהליכע, אימער זינגענדיגע, אימער לאַכענדיגע בעלאַ.

מען האָט איהר גערעדט א שידוך מיט אַן אַלטען בחור, אפילו א קלוגער, געלערענטער מענש, נאָר זעהר א טרוקענער; און זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט. ער האָט בעלאַ'ן איינגעשפּאַנט אין זיין שניידער־שאַפּקע, וואו ער האָט „געמאַנופעקטשורט“ בארבער־רעקע־לעך, וואו זיי האָבען געאַרבייט 15 שטונדען א טאָג און געשפּאָרט געלט. געלט איז געווען זיין גאָט! און געלט איז אויך שנעל איהר

גאָט געוואָרען. קיין טעאַטערס, קיין געזעלשאַפט, קיין ביכער (אויסער דאס באַנק ביכעל). רייך ווערען איז געווען זייער אַמביציע, און דערצו האָט מען געשטרעבט מיט יעדען מוסקול, מיט יעדען נערוו! אָפּארבייטענדיג אזוי צעהן יאָהר, איז ער פּלוצלינג געשטאָרבען — דריקענדיג פעסט מיטביידע ציטערענדיגע הענט די בייטעל מיט גאָלדענע מטבעות.

און אָט אזוי איז אונזער בעלאַ געבליבען א רייכע אַלמנה, ירש'ענענדיג דאָס געלט זיינס צוזאַמען מיט זיין ליבע צו געלט.

אין א קורצער צייט ארום האָט א שדכן בעלאַ'ן צוזאַמענגעפיהרט מיט אַן אַלטען, אַן אַמעריקאַניזירטען, צוויי הונדערט פונטיגען יונגאַטש. נדן האָט ער איהר געגעבען פיער קינדער, און בעלאַ האָט מיט מזל חתונה געהאַט צום צווייטען מאָל.

זי איהם — האָט אוועקגעגעבען איהר ירושה פון ערשטען מאַן, און ער האָט פאַרגרעסערט זיינע ביזנעס (א שוך סטאָר), אין וועלכער זי האָט גענומען אַנטייל.

און וועהרענד איהר ערשטער מאַן האָט זיין אמביציע צו רייכטהום געזוכט צו דערגרייכען שטופּענווייז, האָט דער צווייטער שוין קיין געדולד ניט געהאַט. ער האָט געוואָלט רייך ווערען מיט איין שפּרונג! האָט ער א שפּרונג געטאָן, זיך אויסגעגליטשט, און זיך אריינגעכאַפּט אויף צוויי יאָהר אין געפענגניש — פאַרפּאַטשקענדיג זיין נאָמען און איהר נאָמען. זיינען זיי ביידע מיט א ביסעל געלט אַוועק אין א קליין שטעדטעלע, וואו מען האָט זיי ניט געקענט, און געעפענט א קליינע שוה-סטאָרקע. און — אָט פאָהר איך זעהן בעלאַ'ן דאָרט אין דעם שטעדטעל.

אריינקומענדיג אין דער סטאָרקע האָב איך דערזעהן דעם פּראָפיל פון א זעהר דיקער פרוי, וועלכע איז געזעסען אויף א קליין בענקעלע, און אין איהר שויס האָט זי געהאַלטען א פוס פון א גרויסען, פאַרשמירטען נעגער...

איך קוק זיך איין אין דעם טונקעלען פּראָפיל, וועלכער האָט חנ'עוודיג געשמייכעלט צו דעם נעגער, בעת זי האָט פאַרבונדען א נייעם שוך אויף זיין פוס, און איך דערקען זי. יאָ, דאָס איז בעלאַ. אָבער — גאָט! וואָס פאַר אַן ענדערונג! און אָט דאָס איז פון איהר געוואָרען? דערצו האָט זי זיך דערשלאָגען? האַלטען דעם

שמוציגען פוס פון אַ נעגער אין איהר שוים? איז דאָס די בעלאַ, פון וועמעס ליפּען עס זיינען קיינמאָל ניט אַראָפּ דאָסטאָיעווסקי און טורגעניעוו, שעקספּיער און דיקענס, שילער און היינע, וואַגנער און בעטהאָווען? אַך, וואָס פאַר אַן איראָניע פון בייזען מזל!

פון הינטער אַ ווענטעל קומט אַרויס אַ מאַן אַ ריז, וואָס איך ווייס ניט פאַרוואָס די מואַווינג־פּיקטשור קאָמפּאַניעס כאַפּען איהם ניט אויס, און לאָזט זיך צו מיר: „וואַט דו יאו וויש, סער?“

— איך ווינש, — זאָג איך — צו ווערען באַדינט פון דער פרוי.

און איך זעץ זיך אַוועק אויף דער לאַנגער באַנק, וואָס שטעהט אין מיטען דער סטאָרקע.

זיינע גרויסע, קאַלטע, שוואַרצע אויגען, גיבען אַ בייזען גלאַנץ און ער פאַרשווינדט צוריק הינטער'ן הילצערנעם ווענטעל. און זי, הערענדיג מיין וואונש, דרעהט אויס צו מיר דעם קאָפּ און מיט חניפה זאָגט זי: „דזשאַסט איי מיניט, סער.“

איך קוק זיך איין אין איהר פּעטען פּנים, וועלכען איך קאָן קוים דערקענען; באַקאַנט זיינען מיר נאָר די אויגען, פון וועלכע עס קוקט אַרויס אַ טיפע מעלאַנכאָליע. איהר שמייכעל פאַרמאָגט ניט מעהר דעם אַמאָליגען צויבער; אפשר דערפאַר, ווייל די ווייסע, קליינע צייהנדלעך, זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין גאָלדענע.

באַלד קומט זי צו צו מיר, זעצט זיך שווער אַוועק אויף איהר קליין בענקעלע, און שלעפּענדיג מיין רעכטען פוס קוקט זי אויף מיר מיט אַ געמאַכט זיס שמייכעלע, ווישענדיג מיט דער לינקער האַנט דעם שוויים פון פּנים.

— וואָס פאַר אַ שיך ווילט איהר? — איהר שטימע איז אַלט און הייזעריגלעך.

—אי־אי־איך וויל געלע שיך — שטאַמעל איך אַרויס, רויט ווערענדיג.

זי קוקט מיך פאַרדעכטיגט אָן און הויבט זיך מיט מיה אויף און קאַטשעט זיך אַוועק צו דער פּאָליצע זוכען שיך פאַר מיר.

„זי דערקענט מיך ניט“ — טראַכט איך — „מיך, מיט וועמען זי האָט גאַנצע דריי יאָהר געלעבט אין איין שטוב, און וועמען זי האָט יעדען אָווענט געלערנט ענגליש, פאַרבראַכט מיט מיר טעג און נעכט, געזונגען און געלאַכט צוזאַמען.“

זי קומט צוריק מיט א פּאָר שיך און נעהמט זיך זיי מיר אָנ־פּאַסען, געבענדיג נאָכאַמאָל א שנעלען, שאַרפען בליק אויף מיר.

— אנטשולדיגט — זאָג איך אויף פּראָסט אידיש — איז אייער נאָמען ניט בעלאַ?

זי לאָזט באַלד אָפּ מיין פוס, און ניט ריהרענדיג מיט קיין גליד זאָגט זי שנעל, דוקא אין ענגליש: „יעס, מיין נאָמען איז בעלאַ, איהר קענט מיך?... נ־ניין — „וועיט איי מיניט — יו" — זייט איהר — מר. ג...?"

— יאָ — זאָג איך — איך קען אייך, דערקענט איהר מיך ניט?

— יאָ, דאָס בין איך.

זי ווערט בלאַס, קוקט זיך אַרום ווי צעמישט, הויבט זיך אויף פון בענקעל און דערלאַנגט מיר ביידע פעטע הענט, אויף וועלכע כמעט אַלע פינגער זיינען געווען מיט גאָלדענע רינגען באַזעצט. זי האָט זיך זעהר הארציג דערפרעהט מיט מיר. דער מאַן איהרער איז אַרויסגעקומען פון הינטער דעם הילצערנעם ווענטעל, און ווען זי האָט מיך פאָרגעשטעלט אַלס איהר יוגענט־פריינד, האָט ער מיר א דריק געטאָן די האַנט, פון וואָס מיר איז אַרוים טרערען פון די אויגען. און באַלד בין איך מיט איהר געזעסען אין דעם טונקעלען צימער הינטער׳ן הילצערנעם ווענטעל, און טרינקענדיג טיי מיט וואַרעניע האָבען מיר א לאַנגע צייט גערעדט פון אַמאָליגע יאָהרען.

די געשיכטע, וואָס זי האָט מיר דערצעהלט, איז ניט געווען אַנדערש פון דער וואָס איך האָב געהערט פון באַקאַנטע. נאַטיר־ליך, זי האָט אביסעל צוגעפּאַרבט מאַנכע פּאַסירונגען; אָבער זי האָט זיך ניט באַקלאָגט, כאָטש זי האָט צוגעגעבען, אַז ווען זי זאָל געווען חתונה האָבען מיט סעם ראַבקינ׳ען וואָלט אפשר איהר לע־בען געווען גענומען אַן אַנדער ווענדונג. די איינציגע זאַך, וואָס טוט איהר באַנג איז, וואָס זי איז ניט זוכה געווען צו ווערען א מוטער. און אין דעם איז אויך, זאָגט זי, סעם שולדיג. דערפאַר אָבער אין מיין ברכה, זאָגט זי, געוואָרען זיין קללה. ער האָט עלף קינדער און איינס ניט קיין רעכטס! און ער שטאַרבט דריי מאָל א טאָג פון הונגער מיט ווייב און קינדער. זי פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און — שווייגט.

— זעהט איהר איהם אַמאָל?

— יאָ, פאַרוואָס ניט? אַז ער דאַרף אַ פינפערל אויף רענט, אָדער אַ פּאָר שיך פאַר די קינדער, קומט ער!

— איז, אַט אַזוי — זאָג איך — ווערען צערונען די גאָלדענע חלומות פון דער יוגענט.

— אַך, מיין ליעבער אַלטער פריינד, די קלעפּ וואָס מיר קריגען פון לעבען, פון בייזען שיקזאַל, קאָן איך פאַרגלייכען צו די קלעפּ וואָס די רוסישע רעקרוטען קריגען די ערשטע צייט אין דער „סלוזש־בע“; די קלעפּ און די אוממענשלאַכע דיסציפּלין מאַכט פון זיי ווילענלאָזע, געפיהללאָזע אַוטאָמאַטען. דאָס זעלבע פּאַסירט מיט מאַנכע פון אונז, אָדער אפשר וועט זיין ריכטיגער צו זאָגען — מיט די מייסטע פון אונז, פּראָסטע, שטערבליכע מענשען. אין דער יוגענט טראָגען מיר זיך אַרום מיט אידעאַלען, מיט שעהנע חלומות, פונקט אַזוי ווי קליינע קינדער, וואָס בויען זיך קליינע שטיבעלעך פון פּיערעקיגע קלעצלעך וועלכע פאַלען זיך פאַנאַנדער ביים מינדס־טען ריהר. אַזוי ווערען אונזערע חלומות, אונזערע האָפנונגען צע־רונען ביי דעם ערשטען צוזאַמענשטויס מיט׳ן ווירקליכען, גרויזאַ־מען לעבען.

זי בלייבט שטיל אַ ווייל, קלאַפּענדיג מיט די פינגער אָן טיש. דאַן צעלאַכט זי זיך און זאָגט:

— האָט איהר געזעהן ווי איך האָב געהאַלטען דעם שמוציגען פּוס פון אַ נעגער אין מיין שוים? נו, איך פרעג אייך, ווען אימי־צער זאָל אייך אַמאָל געוועזן זאָגען, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען איך, בעלאַ — די בעלאַ, וואָס איהר האָט געקענט — וועט דאָס דאַרפען טאָן, וואָלט איהר יענעם ניט אָנגעשפּיגען אַ פולען פּנים? און דאָס איז נאָך גאָרנישט! איכ׳ל אייך אָנצייגען אויף אונזערע אַמאָליגע באַקאַנטע, וואָס טוען נאָך טויענט מאָל ערגערע זאַכען ווי דאָס! געדענקט איהר — זאָגט זי — פיליפּ פּרוסניק׳ן?...

— איך האָב אייך טאַקע געוואָלט פרעגען וועגען פיליפּ׳ן. וואו איז ער, און וואָס איז פון איהם געוואָרען? — פרעג איך נייגיריג.

זי צולאַכט זיך נאָכאַמאָל, און שרייט אויס:

— וואָס פון איהם איז געוואָרען? פיליפּ איז אַ גרויסער גביר, רייך ווי קורח. געדענקט איהר וואָס פאַר אַ פאַרברענטער אנאַר־כיסט ער איז געוועזן? ווי ער פלעגט ניט אויספּעהלען איין אנאַר־

כיסטישען מיטינג. געדענקט איהר איהם? א קליינינקער, א דאַרינקער, וואָס פלעגט אומלויפען ווי א פאַר'סמ'טע מויז צעטיילען הענד־בילס, פראָקלאַמאַציעס א. ז. וו.? א נו, קוקט איהם איצט אָן! ווי גראָב און פעט ער איז געוואָרען, ווי ער זיצט זיך צעלעגט אין זיין גלענצענדען פעקארד אויטאָמאָביל, מיט'ן גראָבען ציגאַר אין מויל און א שווארצען שאָופער ביים רעדעל!

— ווער, פיליפ פרוסניק?

— יעס, פיליפ פרוסניק!

— ווי אזוי, וואָס, ווען? — גלויב איך ניט מיינע אויערען.

— אָט וועט איהר הערען: פיליפ איז א קורצע צייט נאָך אייער אוועקפאָהרען קראַנק געוואָרען אויף טיפוס און מען האָט דערוואַרט זיין טוידט. אָבער, ער איז ניט געשטאָרבען. און ווען ער איז אַרוים פון האָספיטאַל איז דאָס ניט מעהר געווען דער זעלבער פיליפ. ער האָט פאַרלוירען זיין באַרעדעוודיגקייט, איז געוואָרען שטיל און פאַרטראַכט. צוריק זיך זעצען נייהען אויף דער מאַשין העמדלעך, האָט ער ניט געקאָנט. וואָס־זשע טוט גאָט? שיקט ער איהם צו א מלאך אין דער געשטאַלט פון א וואוילטעטיגער פרוי, וועלכע, באַזוכענדיג דעם האָספיטאַל, האָט זיך דאָרט מיט איהם באַקענט, און זי האָט אויף איהם רחמנות געקראָגען. און ווען ער האָט זיך אביסעל ערהוילט, האָט דער פרוי'ס מאַן, א סאַלון־קיפער, איהם אַריינגענומען אין די ביזנעס. דערנאָך האָבען זיי איהם חתונה געמאַכט מיט זייער טאָכטער, אַן אַלטע, הינקעדיגע, מיאוס'ע מויד, און ביסלעכווייז איז פיליפ געוואָרען א וואָרד־פאָליטישען!

— פיליפ, א וואָרד פאָליטישען? — שריי איך אויס.

בעלא קוקט מיך אָן א ווייל און זאָגט:

— איהר מיינט, אז דערביי איז ער געבליבען? וואָרט נאָר אויס, וועט איהר הערען ווייטער: מיט א יאָהר צעהן צוריק איז פיליפ פאַרשוואונדען פון זיין פרוי... מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו וויסען וואו איז ער אהינגעקומען. דער אמת איז, אז פיליפ האָט מיין מאַן פיעל טובות געטאָן דורך דער צייט, ווען מיין מאַן איז געווען אין טראָבעל. א דאַנק זיין דרעהען זיך ארום די פאָליטישענס, האָט מיין מאַן געקראָגען בלויז צוויי יאָהר דזשייל;

ווען ניט פיליפּ, וואָלט ער געדאַרפט זיצען זעקס יאָהר! הקיצור, איך קום איינמאָל אין אַ שעהנעם טאָג באַזוכען מיין מאַן אין דזשייל, וואָס געפינט זיך אין דעם שטעדטעל ט... זיצען מיר אַזוי, איך און מיין מאַן, און רעדען פון אונזערע צרות. פּלוצלינג רופט זיך אָפּ מיין מאַן צו מיר: בעלאַ, דו ווייסט ווער עס וואוינט דאָ אין דעם שטעדטעל? פיליפּ פּרוסניק.

— אַזוי? — זאָג איך — פיליפּ וואוינט גאָר דאָ? וואָס טהוט ער דאָ?

— ער מאַכט שוין דאָ גאָר פיינע געשעפטען. ער איז אַ פּריזאָן־קאָנטראַקטאָר. ווייסטו וואָס דאָס מיינט?

— ניין — זאָג איך — איך ווייס ניט.

— דאָס מיינט פּראָסט און פּשוט: די פּריזאָנערס נייהען העמדלעך פאַר פיליפּ'ן, און פיליפּ צאָהלט זיי דערפאַר גאַנצע 50 סענט אַ טאָג! נאַטירליך קריגען די פּריזאָנערס ניט דאָס געלט פון פיליפּ'ן; דאָס געלט ווערט פאַר זיי געהאַלטען פון דער שטאַדט רעגירונג, וועלכע צאָהלט דאָס געלט אויס צו די פאַמיליעס פון די פּריזאָנערס, און די וועלכע האָבען ניט קיין פאַמיליעס, קריגען דאָס געלט ווען זייער טערמין אין דזשייל ענדיגט זיך און זיי געהען ארויס פריי.

— נו, און דו — פרעג איך מיין מאַן — אַרבייטעסט אויך פאַר פיליפּ'ן?

— נעקסטע וואָך וועט מען מיך אויך לערנען די מלאכה, און איך וועל דאַרפען אַרבייטען 6 וואָכען אומזיסט! דערנאָך וועל איך אויך קריגען 50 סענט אַ טאָג, פאַר 10 שטונדען אַרבייט.

— הקיצור, פיליפּ פּרוסניק איז געוואָרען שטיין רייך פון די פּריזאָנערס' האָרעוואַניע. ער איז געקניפּט און געבונדען מיט אַלע גרויסע פּאָליטישענס, און איז אַ גאַנצער בן־בית ביים גאָווערנאָר אַליין! איצט ווייסט איהר שוין, ווי אַזוי מענשען ענדערען זיך אונטער דעם דרוק פון אומשטענדען?

אַ ווייַלע זיינען מיר געזעסען שטיל.

— יאָ — זאָג איך — מענשען ענדערען זיך אונטער דעם דרוק פון אומשטענדען; אָבער שולדיג אין דעם איז די אַלגעמיינע יאָגעניש נאָך רייכטום, נאָך לוקסוס, נאָך גאָלד! און כדי עס זאָל זיין

גרינגער צו לויפען, ווארפט מען פון זיך אראָפּ דעם געוויסען, די פּרינציפּען, אַלץ וואָס איז מענשליך און אידעאַל, און מען ווערט א ווילדע חיה.

— נו, מילא — רופט זיך בעלא אָפּ, אויפשטעהענדיג פון שטוהל — מיר וועלען שוין די וועלט בעסער ניט מאַכען.

— איהר בלייבט ביי אונז אויף דינער?

— ניין, א דאַנק. איך מוז נאָך היינט פאָהרען אהיים.

אַרויסגעהענדיג פון בעלא׳ן האָט מיר שטאַרק באַנק געטאָן, וואָס איך האָב זיך געלאָזט אָפּזוכען אַלטע באַקאַנטע — און האָב דורכדעם צעשמעטערט די אַנגענעהמע עראינערונגען פון אַמאָליגע יאָהרען...

סאָניע שפּיגעל

מיר דאַכט, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, זינט די אידישע גאַס אין דענווער עקזיסטירט, אַז אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער זאָל אָנמאַכען אַזאַ טומעל, זאָל אַזוי אויפרודערען די אידישע קאַלאָניע, אַז פאַר אַ לאַנגער צייט זאָל זיך די אידישע גאַס קאָכען און רוישען און זיך ניט קאָנען באַרוהיגען:

געווען איז דאָס נאָהנט צום סוף זומער, אין אַ שעהנעם פאַרנאַכט. די זון האָט זיך נאָך געהאַלטען אויף די בערג און אילומינירט דעם האָריזאָנט מיט איהר פייער־רויטען פּנים. די טראָטואַרען אויף קאָלפעקס עוועניו, אויפ'ן באַרג, זיינען געווען פול מיט שפּאַצירענדע אידען, אידענעס מיט בייבי־קערעדזשעס, און אַ גאַנצע מחנה קינדער האָבען זיך געשפּילט און זייערע געשרייען האָבען פאַרהילכט די לופט. אויף די וועראַנדעס פון די שעהנע, רויטע, געמויערטע הייזער פון ביידע זייטען גאַס זיינען געזעסען מענער און פרויען און זיך געוויגט אויף די „ראָקינג־טשערס" און געכאַפּט פרישע לופט, ווען — עס האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שיסעריי.

צוערשט איז אָפּגעפייערט געוואָרען איין שאָס, דאַן אַ צווייטער און אַ דריטער, און עס איז שטיל געוואָרען.

דער עולם אויף דער גאַס האָט זיך גענומען ארומקוקען אין אַלע זייטען. מען איז אַראָבגעלאָפען פון די וועראַנדעס און איינער דעם אַנדערען געפרעגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שיסעריי?"

אָבער באַלד האָט מען דערזעהן אַ מחנה יונגוואַרג לויפען אין אַ זייטיג געסעל, און פון דעם געסעל אַרויס אויפ'ן פרייען פעלד. דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן לויפען נאָך דער מחנה קינדער.

אויפ'ן פעלד ניט ווייט פון קאָלפעקס עוועניו זיינען געשטאַנען די יונגע חברה אויסגעשטעלט אין אַ רעדעל און געשריען צו דעם לויפענדען עולם, מאַכענדיג מיט די הענט: „האָ־רי־אָפּ, האָ־

רי־אַפּ! העי, פּאָליסמען! אַן אַמבולאַנס!" ווען דער עולם איז צוגעלאָפען צום פּלאַץ און זיך דורכגעשטופּט דורך די חברה יונג־ וואַרג האָט מען דערזעהן דריי מענשען, צוויי מענער און אַ פרוי אין גראָז ניט ווייט איינער פון צווייטען.

איינעם האָבען די ארום־שטעהענדע ווייבער גלייך דערקענט; דאָס איז געווען ליבערמאַן דער פּרוכט־פּעדלער, וועלכער איז גע־ לעגען מיט׳ן פּנים אַרויף, פון אַ לאָך אין קאָפּ האָט גערונען בלוט און אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטען אַ גרויסען, שוואַר־ צען רעוואָלווער, פון וועלכען עס האָט זיך ארויסגעקרייזעלט אַ דינער שנירעל רויך.

דער צווייטער מאַן און די פרוי זיינען געלעגען מיט די פּנים׳ער אַראָפּ, ניט ריהרענדיג מיט קיין גליד, אָבער קיין סימן פון בלוט איז אויף זיי ניט געווען צו זעהן.

אַ פּאָליסמאַן האָט זיך געיאָוועט און גלייך צוגעלאָפען צו דער פרוי און זי פאָרזיכטיג אויפגעהויבען פון דער ערד, פרעגענדיג זי אויב זי איז פאַרוואונדעט. ווען דער עולם האָט דערזעהן דעם פּנים פון דער פרוי, וועלכער איז געווען בלאַס ווי דער טויט, האָבען מאַנכע זי דערקענט און ארויסגעמורמעלט — סאָניע שפּיגעל.

אַ סך אַרום־שטעהענדע ווייבער האָבען אויסגעשריען: „אוי, אַ קלאָג צו איהר! דאָס איז דאָך די שעהנע ווייבעלע!

פאַרוואונדעט איז די פרוי ניט געווען, אָבער שטעהן אויף די פיס האָט זי ניט געקאָנט. דער פּאָליסמאַן האָט איהר פאָרזיכטיג אוועקגעלייגט צוריק אויף׳ן גראָז און איז צוגעגאַנגען צו ליבער־ מאַנ׳ען, וועלכער האָט שטאַרק געקרעכצט און געכאַרכעלט מיט׳ן האַלז. ער האָט פּרובירט ביי איהם פרעגען זיין נאָמען און ווער עס האָט איהם געשאָסען, אָבער ליבערמאַן האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסברענגען.

דער אַנדער יונגערמאַן, וועלכער איז געלעגען מיט׳ן פּנים אַראָפּ נעבען סאָניע׳ן, איז דערוויילע צו זיך געקומען, איז אַליין אויפגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צום פּאָליסמאַן און אין אַ שלעכ־ טען ענגליש דערצעהלט, אַז ער מיט סאָניע׳ן האָבען דאָ אין פעלד שפּאַצירט, ווען פּלוצלונג איז ליבערמאַן צוגעלאָפען און אויסגע־ שאָסען אויף זיי און דאַן האָט ער זיך אַליין דערשאָסען.

באַלד איז אָנגעקומען אן אמבולאַנס און מען האָט אַלע דרייען גענומען אין האָספּיטאַל. די גאַנצע אידישע קאָלאָניע איז געווען אויפ׳ן פּלאַץ, און ווען דער אַמבולאַנס איז אַוועקגעפאָרען האָט זיך אויפגעהויבען א געשריי צווישען די ווייבער און א דעבאַטע צווישען די מענער. מען האָט זיך געקאָכט און געשריען און געשאָלטען מיט טויטע קללות דאָס „שעהנע ווייבעלע", סאָניע שפּיגעל, גע־שאָלטען דעם „ליובאַוונויק" איהרען, דעם „שעהנעם מאַטראָז", צו־ליב וועמען דער „משוגענער" ליבערמאַן האָט זיך געשאָסען. און אַלע האָבען שטאַרק באַדויערט, וואָס ער, ליבערמאַן, האָט ניט גוט געצילט אויף זיי און די קוילען פון זיין רעוואָלווער האָט זיי ניט געטראָפען, בעת ער, וועלכער איז געווען „פּאַרקאָכט" אין דער „שעהנער ווייבעלע" (אַזוי האָבען זי אַלע גערופען) איז פון דער קויל אין קאָפּ געשטאָרבען, נאָך איידער ער איז צוגענומען געוואָרען אין האָספּיטאַל.

* * *

איצט לאָמיר אייך דערצעהלען ווער סאָניע שפּיגעל, אָדער „די שעהנע ווייבעלע" איז געווען.

דער אמת איז, אַז ווער זי איז געווען דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט גענוי, עס איז נאָר געווען באַוואוסט, אַז זי איז געקומען מיט א יאָהר צוריק אין דענווער זיך קורירען. געקומען איז זי ניט אליין, נאָר מיט צוויי קינדער, מיידעלעך: די עלטערע פון א יאָהר צעהן, די אינגערע א יאָהר אַלט.

פון וואַנען זי קומט, האָט קיינער באַשטימט ניט געוואוסט. אייניגע האָבען געזאָגט, אַז זי קומט פון שיקאַגאָ, אַנדערע ווידער האָבען באַהויפּטעט, אַז זי קומט פון ניו יאָרק. דער פּאַקט איז, אַז „דאָס שעהנע ווייבעלע", וועלכע האָט געלעבט גאַנץ ברייטלעך אין א שעהן מעבלירטען הויז, געטראָגען עלעגאַנטע קליידער און גע־רויכערט סיגאַרעטען, האָט זיך אויפגעפיהרט פּאַרדעכטיג, צוליב וואָס זי איז כמעט קיינמאָל ניט ארויס פון די ווייבערשע מיילער.

שעהן איז טאַקע „סאָניע" געווען, זעהר שעהן, אָבער די ווייבער האָבען זי געקרוינט מיט דעם נאָמען „דאָס שעהנע ווייבעלע" ניט דערפאַר, וואָס זי איז טאַקע געווען שעהן, נאָר זיי האָבען מיט דעם נאָמען אויסגעדריקט זייער צווייפעל אין איהר צניעות.

סאָניע איז געווען א בלאָנדינקע, פון עטוואָס נידעריגען וואוקס, מיט א רונד סאמעט־גלאַטען פּנים'ל און גרויסע אויס־דרוקספולע ברוינע אויגען. אַלט איז זי געווען א יאָהר 30. סאָניע האָט זיך די ערשטע צייט אויפגעפיהרט דוקא גאנץ פיין. צו איהר אין הויז פלעגען זיך צוזאמענקומען פיינע, אינטעליגענטע מענשען, וואו זיי פלעגען פארברענגען א פּאָר שטונדען רעדענדיג וועגען טאָג־פראַגען און אַלגעמיינע פאַסירונגען.

סאָניע איז ניט געווען קיין נאַר און ניט קיין אומוויסענדע. זי האָט גערעדט אויסגעצייכענט גוט רוסיש, אידיש און ענגליש. זי האָט געקאָנט שעהן און אינטערעסאַנט רעדען, און דאָך איז עפּעס געווען דער מעהר מיט איהר.

אזוי, אויפ'ן קוק איז ניט געווען צו באמערקען אז סאָניע זאָל זיין שטאַרק קראַנק. אמת, איהר זיסער פּנים איז שטענדיג געווען עטוואָס בלייך, אָבער זי האָט ניט געהוסט. איהר קליינער קערפּער איז געווען רונד, פול און ריהרעוודיג. און אויב זי האָט זיך אויף עפּעס באַקלאָגט, איז דאָס געווען אויפ'ן הארצען. איהר הארץ איז געווען שוואך און זי פלעגט אָפט זיך אוועקלייגען אין בעט אויף א פּאָר טעג קראַנק, ליידענדיג פון איהר שוואך הארץ. פון וואנען־זשע האָט סאָניע גענומען צום לעבען? ווי געזאָגט, האָט דאָס קיינער ניט געוואוסט. עס האָבען זיך אומגעטראָגען „קלאַנגען", אז דער פאָטער פון איהרע צוויי קינדער שיקט איהר גרויסע סומען געלט. זי אליין האָט גערעדט פון אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט פון זיך אליין אָדער פון איהר פארגאנגענהייט. סאָניע האָט די קינדער איהרע ניט פיינט געהאט, אָבער ליבער פון אַלץ האָט זי געהאט — זיך. זי האָט זיך געהאַלטען אין איין „דאָקטערען" און זיך זעהר געזאָרגט פאר איהר אויסזעהן. און וואָס מעהר זי האָט זיך „געדאָקטערט", אַלץ קראַנקער איז זי געוואָרען. און וואָס קראַנ־קער זי איז געוואָרען, אַלץ מעהר האָט זי פארלאָרען דעם קאָפּ און זיך גענומען איילען „געניסען" פון לעבען — אָהן א חשבון.

דער ערשטער, מיט וועמען סאָניע איז געקומען אין אינטימע פארהעלטנישען, איז געווען ליבערמאַן דער פּרובט־פּעדלער.

וואָס זי האָט דערזעהן אין ליבערמאַנ'ען איז שווער צו פאַר־שטעהן. א גרויסער, אומגעלומפּערטער קערפּער, א מיאוס'ער,

ברייטער פּנים און אַ שטאַרק קראַנקער מענש דערצו. אמת איז, אַז זי האָט ליבערמאַנ'ען טאַקע ניט ליב געהאַט; ווייל ווען זי זאָל איהם געווען ליב האָבען, וואָלט זי איהם אזוי לייכט ניט געווען אויסגעביטען אויף דעם „מאַטראָז".

דערפאַר איז ער, ליבערמאַן, געווען איינפאַך משוגע פאַר איהר!

ער איז כסדר, ווי אַ הונט ביי איהרע פיס געלעגען און איהר אין די אויגען געקוקט. און איז זי קראַנק צו בעט געלעגען, איז ער טאָג און נאַכט ביי איהר בעט געווען, אויף א מינוט ניט אָפּגע־טראָטען. ער איז גליקליך געווען מיט דעם, וואָס איהם האָט אָבגע־גליקט אויסצובעטלען עטליכע לאַסקעס פון דער שעהנער פרוי.

אָבער אזוי שנעל ווי דער „מאַטראָז" האָט זיך באַוויזען און באַגעגענט מיט סאָניע'ן, איז געווען אַז אָך און וועה צו ליבער־מאַנ'ען.

דער „מאַטראָז" איז געווען א זעהר שעהנער, געזונטער רוסי־שער יונגערמאַן, וועלכער האָט פּרעטענדירט צו זיין איינער פון די רעוואָלוציאָנערען פון דער בארימטער רוסישער קריגס־שיף „פּאָ־טיאָמקין", וואָס האָט געמאַכט אַ רושם איבער דער וועלט אין 1905.

און פּונקט ווי ליבערמאַן איז געווען פאַרקאָכט אין סאָניע'ן, אזוי איז זי פאַרברענט געוואָרען נאָכ'ן „מאַטראָז".

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז מיט איהר אויפפיהרונג האָט זי אַרויסגערופען פאַראַכטונג ביי יעדען וואָס איז געקומען מיט איהר אין קאָנטאַקט. אַלע האָבען איהר פאַרלאָזען.

אָבער זי האָט זיך ניט געקימערט אום קיין זאַך. זי איז געווען שיכור און האָט זיך אוועקגעלאָזט אין א ווילדען חיה־טאַנץ, פון וועלכען זי איז שנעל פאַרברענט געוואָרען. ליבערמאַן האָט אָנגע־ווענדעט אַלץ וואָס מעגליך און אוממעגליך כדי איהר אָפּצורייסען פון דעם שעהנעם מאַטראָז, אָבער אומזיסט. ער האָט מסירה־בריף געשריבען צו דעם „קוואַל", פון וועלכען זי פלעגט קריגען געלט (איהם האָט זי אין „אַ שוואַכער מינוט" דעם סוד אויסגעזאָגט), און סאָניע האָט מעהר קיין געלט ניט געקראָגען — אָבער דעם „מאַטראָז" האָט זי ניט אָפּגעלאָזט. פאַרקערט, וואָס איינזאמער זי איז געבליבען און וואָס ערגער איהר לאַגע איז געוואָרען, אַלץ פעסטער האָט זי זיך אָן דעם מאַטראָז געהאַלטען. און ווען זי האָט

מעהר קיין געלט ניט געהאַט צום לעבען, האָט זי אויסגעקויפט איהרע עלעגאַנטע מעבעל, די רייכע שאַפע ביכער, זילבער א. ז. וו. אויסגעקויפט אָהן שכל, אָהן זינען, ווי א שכור'טע אוועקגעגעבען אלץ פאַר אומזיסט צו אַן אָוקשאַניר — און איז אוועק מיט איהר געליבטען פון דער אידישער גאַס.

און די „טראַגעדיע" האָט פּאַסירט אין יענעם טאָג א פּאָר שטונדען נאָכדעם ווי דער אָוקשיאָניר האָט די זאַכען פון הויז פאַר־נומען, און סאָניע מיט'ן מאַטראַז האָבען איבער'ן פעלד שפּאַצירט צום לעצטען מאָל איידער זיי פאַרלאָזען די אידישע קאָלאָניע.

ליבערמאַן האָט נאָכגעפאָלגט זייער יעדען שריט, ער פלעגט גאַנצע נעכט ארום סאָניע'ס פענסטער ווי א שאָטען ארומשוועבען.

ער איז געוואָרען שוואַרץ ווי די ערד און האָט זיך ארומגע־טראָגען מיט משוגע'נע געדאַנקען. כל זמן זי איז געזעסען אויף אָן אָרט, האָט ער נאָך געהאָפט; נאָר אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי האָט אויסגעקויפט די זאַכען און זי קלייבט זיך ארויס, איז ער געוואָרען פאַרצווייפעלט און באַשלאָסען זיי און זיך צו טויטען. אבער געלונגען איז איהם נאָר צו טויטען זיך; זי האָט ער ניט געטראָפען. זיי זיינען נאָר פון שרעק מיט די פּנים'ער צו דער ערד געפאַלען, אָדער אפשר האָט דאָס דער דורכגעטריבענער מאַטראַז אבזיכטליך געטאָן, אום ער, ליבערמאַן, זאָל מיינען אַז ער האָט זיי דער'הרג'עט און דאַרף מעהר ניט שיסען אויף זיי... אָבער, ווי די געשיכטע זאָל ניט זיין, דאָס איז געווען ליבערמאַנ'ס סוף, און אויך סאָניע'ס.

סאָניע איז באַלד דערנאָך שטאַרק קראַנק געוואָרען. די אידישע קאָלאָניע האָט זיך ניט געקאָנט באַרוהיגען און געוואָלט דורך דעם נעריכט פון איהר די קינדער צונעהמען, אויפ'ן גרונט פון אומאָנ־שטענדיגער אויפפיהרונג, און זי האָט די קינדער באַלד צו זייער פאָטער אוועקגעשיקט.

דער מאַטראַז האָט זיך א פּאָר וואָכען געהאַלטען לעבען איהר קראַנקען בעט און איז פאַרשוואונדען אָהן א זייז־געזונט.

א פּאָר באַקאַנטע האָבען אויס רחמנות איהר ארויסגעהאָלפען, און ווען זי האָט זיך אביסעל ערהוילט איז זי פאַרשוואונדען פון דענוועד פונקט אַזוי געהיימניספול ווי זי איז דאָרט געקומען.

די אַלטע

זי איז געזעסען אין געריכט אויפ׳ן עדות־שטוהל און געקוקט דעם אַלטען ריכטער גלייך אין די אויגען אריין. געווען איז זי א גרויסע, א גראָבע, מיט אַ גרויסען אַרויסשטאַרטשענדען בויך. און דער ברייטער פּנים איז געווען רויט און פאַרשוויצט, זי האָט שווער און שנעל געאָטעמט.

אַנטקעגען איהר, אויף אַ באַנק, זיינען געזעסען די דריי אָנגעקלאָגטע, איהרע דריי זיהן. בלאַסע, פאַרשעמטע זיינען זיי געזעסען, מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ.

אויסגעזעהן האָבען זיי צו זיין גאַנץ אָנשטענדיגע מענשען. דער עלטסטער זוהן האָט שוין געהאַט זילבערנע פעדעם אין זיין שעהנער, ברייט־צעקעמטער באָרד; און די צוויי אינגערע ברידער זיינען געווען מיט גלאַט ראַזירטע פּנימ׳ער. נאָר אלע דריי האָבען געהאַט גרויסע, גראָבע, רויטע הענט (פון האלטען זיי כסדר אין וואַסער, וואַשענדיג בראָנפען־פלעשער).

אין די הינטערשטע רייהען צווישען פּובליקום זיינען געזעסען דריי היבשע, הויך־ברוסטיגע פרויען, וועלכע האָבען זיך אַלע ווײַלע געהויבען פון די בענקלעך, ווייל די קעפּ פון די פאָדערשטע רייהען האָבען זיי פאַרשטעלט די אָנגעקלאָגטע.

דאָס זיינען געווען דער „אַלטער׳ס“ דריי שניר, וועלכע זיינען געווען איהרע בלוטיגע שונאים און צוליב וועמען זי האָט ארעס־טירט איהרע דריי זיהן און זיי געלאָזט פיהרען מיט׳ן פּאַטרול־וואָגען, אום צו נעהמען נקמה פון די שניר.

די עלטערע צוויי פרויען זיינען געווען אייראָפּעאישע; די יונגע איז שוין געווען אַן אַמעריקאנערין און זי איז געווען די רעדעל־פיהרערקע אין קאַמף געגען דער „אַלטער“.

דער ריכטער האָט אריבער די שטאָלענע ברילען באַטראַכט דער אַלטער, דערנאָך די דריי זיהן, און זיך ווענדענדיג צום עלטסטען, מיט דער באָרד, האָט ער מיט אַן אייזערנער, האַרטער שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך געפיהלט איינגעהאַלטענער כעס, געפרעגט:

— איז דאָס אייער מוטער?

— יעס, סער.

— וואָרום גיט איהר זי ניט צום לעבען?

— זי קריגט זיך אַרום מיט מיין ווייב.

— פאַרוואָס זאָגסטו ניט, אַז די „אַלטע" האָט חתונה געהאַט? — האָט אויסגעשריען די עלטערע פון די דריי ווייבער און זיך באַהאַלטען צווישען דעם עולם.

א פּאָליסמאַן איז געגאַנגען זעהן ווער עס שטערט די אָרדנונג פון קאָורט, און דער זוהן מיט דער שעהנער באָרד איז רויט געוואָרען איבער די אויערען. די אַלטע האָט א ציטער געטאָן און בייז צוזאַמענגעדריקט די גראָבע ליפּען.

— איך פרעג, פאַרוואָס גיט איהר ניט אייער מוטער צום לעבען? — האָט דער ריכטער נאָך שטרענגער געפרעגט.

— יור האָנאָר, מיר זיינען אַלע צופרידען זי צו האַלטען ביי זיך, אָבער זי וויל ניט זיין ביי אונז. זי רייסט זיך אַרום מיט די שניר און מיר גיבען איהר צו דאָלאַר א וואָך, אָבער זי וויל מעהר, און מעהר קאָנען מיר זי ניט געבען. מיר זיינען אַלע שווערע פּראָסטע ארבייטער און האָבען גרויסע פאַמיליעס צו סופּאָרטען.

דער ריכטער ווענדט זיך צו דער אַלטער:

— וואָרום ווילט איהר ניט זיין ביי די זיהן?

— מי נאָ ענדעסטען, — איז געוועזען דער ענטפער פון דער אַלטער מיט א גראָבער קאָנטראַלטאָ שטימע.

דער ריכטער האָט צוגערופען אַן איבערזעצער, און ווען יענער האָט דער אַלטער איבערגעגעבען אין אידיש דעם ריכטער'ס פראַגע, האָט זיך איהר פּנים פאַרקרימט צום וויינען און זי האָט אויסגעשריען:

— ס'א ליגען, ס'א ליגען! זיי לאָזען מיר ניט אַרויף אויף דער שוועל. אז זיי זעהן דורכ'ן פענסטער מיך קומען, כאַפּען זיי און פאַרשליסען די טיר. איך קאָן אָבזיצען אויף די טרעפּ צוויי שטונ־

דען און מען עפענט ניט די טיר. איך קאָן אפילו ניט זעהן מיינס אַן אייניקעל. טאָמער זעהן זיי, אַז איך רייד מיט אַ קינד אין גאַס, שרייען שוין די מאַמעס זייערע, אַז שרייען זאָלען זיי אויף די ציין: „דזשייקי, אין שטוב אריין גּעה, דזשייקי!" און אַז איך קום שוין אריין אין שטוב אמאָל אין אַ יובל, לאָזט מען מיך זיצען אין קיטשען און זיי אַלע פאַרקלייבען זיך אין פראָנט־רום. גּעה איך אין פראָנט־רום — אַנטלויפט מען אין קיטשען.

— פאַרוואָס דערצעהלט זי ניט, אַז זי האָט ערשט מיט צוויי וואָכען צוריק חתונה געהאַט? — איז אויפגעשפּרונגען די אינגסטע שנור און אויסגעשריען אין אַ שלעכטען ענגליש.

דער ריכטער האָט באַפוילען זי זאָל צוגעהן צו איהם. זי האָט זיך כוואַטסקע אַ הויב געטאָן און איז דרייסט צוגעגאַנגען צום ריכ־טער.

— ווער זייט איהר?

— איך בין דער „אַלטער'ס" אינגסטע שנור.

— איהר זאָגט, אַז זי האָט חתונה געהאַט?

— פרעגט איהר, יור האָנאָר! — האָט זי אַ דרעה געטאָן שטאָלץ מיט'ן קאָפּ, אין דער אַלטער'ס זייט, וועהרענד אויף איהרע ליפּען האָט געקרייזעלט אַ בייזער, סאַרקאַסטישער שמייכעל.

דער ריכטער ווענדט זיך צו דער אַלטער:

— איז דאָס אמת, וואָס דיין שנור זאָגט?

דער אַלטער'ס אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען, און איהר גאַנ־צער גרויסער קערפּער האָט זיך געטרייסעלט ווי אין אַ פיבער. זי האָט גענומען שיטען מיט קללות ווי פון אַ זאַק אויף דער שנור'ס קאָפּ.

— זאָגט מיר, צי עס איז אמת, אַז איהר האָט חתונה געהאַט? — האָט דער ריכטער געשריען.

— זאָל זי אַזוי וועלען לעבען, ווי איך האָב געוואָלט חתונה האָבען. זאָל זי אַזוי דאַרפען איהרע הענט און פיס, ווי איך דאַרף אַ מאַן!

— הערט אויף שילטען! — האָט דער ריכטער געדונערט — ענטפערט אויף וואָס איך פרעג אייך: יאָ, צי ניין!

—יאָ. דער רוח האָט מיך געטראָגען זיך צו פאַרטשעפען מיט

א שלים־מזל, א קאַליקע, אַ קרומער אויף א פוס, האָט ער ביי מיר צוגענומען עטליכע דאָלאר מיט א גאָלדען זייגערעל און איז פאַר־שוואונדען.

צווישען עולם האָט זיך צעטראָגען אַ שטילער געלעכטער. די יונגע שנור איז געשטאַנען ביים נידעריגען ווענטעל, וואָס טיילט אָפּ דעם ריכטער'ס טיש, און טריאומפירענדיג געקוקט אויף דעם ריכטער, וועהרענד די דריי זיהן זיינע געזעסען ווי באַגראָבענע און זייער קאָליר האָט זיך אָלע ווײַלע געביטען פון ווייס צו רויט און פון רויט צו ווייס.

דער ריכטער האָט דער אַלטער געשאָנקען אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג און זיך געווענדט צו דער יונגער ווייבעל.

— דערצעהלט מיר, וואָס געהט פאָר צווישען אייך און דער שוויגער; אָבער שווערט פריהער, אַז איהר וועט דערצעהלען דעם אמת.

דאָס יונגע ווייבעל האָט אויפגעהויבען די רעכטע האַנט און געשוואָרען.

— יור האָנאָר, — האָט דאָס ווייבעל גענומען ריידען שנעל אין א צעבראָכענעם ענגליש, איהר שפּיציג פאַרריסען נעזעל איז נאָך שפּיציגער געוואָרען — די אַלטע איז דער גרעסטער שלאַק, וואָס איהר האָט ווען ס'איז געזעהן אין אייער לעבען; זי דערגעהט אַלעמען די יאָהרען און פאַר'סמ'ט אונז דעם לעבען. זי איז אין דער היים, אין רוסלאַנד, געווען א מארק־אידענע, א פיש־פּאַרקוי־פערקע איז זי געווען. די אנדערע צוויי שניר האָט זי מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד, נאָר איך האָב מיט איהר אינגסטען זוהן חתונה גע־האַט דאָ, ערשט צוריק מיט דריי יאָהר. איך זאָל אייך אָנהויבען דערצעהלען וואָס איך האָב זיך פון איהר אָנגעליטען, וועט היינ־טיגער טאָג ניט סטייען דערויף. איך וויל אייך נאָר זאָגען, אז נאָך דער חתונה האָט זי געוואוינט מיט אונז און איך האָב געטרייט מיין בעסט אויסצוקומען מיט איהר, אָבער עס איז געווען אוממעגליך. זי האָט נאָר געוואָלט, אז מיין מאַן זאָל איהר אָבגעבען די „פּיידע". איהר האָט אויף אייער לעבען געהערט אזא חוצפה? נאַטירליך האָב איך דאָס ניט געוואָלט ליידען, איז זי אוועק וואוינען צום צווייטען זוהן. נאָר וואָס פלעגט זי טאָן? זי פלעגט אָפּוואַרטען

יעדען שבת אווענט אויף א קאַרנער, וואו זי האָט געוואוסט אַז מיין מאַן געהט פאַרביי פון דער ארבייט, און זי פלעגט אזוי לאַנג וויינען איבער איהם, ביז זי פלעגט אַרויסוויינען ביי איהם די גרעסטע טייל פון דער „פיידע“. און אַמאָל האָט זי זיך ניט גע־שעמט אריינצושטעקען איהר האַנט אין זיין פּאַקעט און אַרויס־שלעפּען די „פיידע“.

— ס'אַ ליגען! — איז די אַלטע אויפגעשפּרונגען מיט פייענע אין מויל. — ס'אַ ליגען!

— איין מאָל האָט זי דאָס יאָ געטאָן! — האָט זיך דערהערט אַ דינער קול. — זי האָט דאָס געטאָן איין מאָל! — דאָס האָט גע־רעדט דער אינגערער זוהן איהרער, דער ווייבעל'ס מאַן.

דער ריכטער איז געזעסען און זיך געריבען די שלייפען מיט ביידע הענט. דאַן האָט ער זיך געווענדט צו די דריי זיהן:

— איך באַפעהל אייך, איהר זאָלט יעדע וואָך ברענגען אין קאָורט צו צוויי דאָלאַר יעדער פאַר דעם סופּאָרט פון אייער מו־טער.

און זיך ווענדענדיג צו דער אַלטער האָט ער געזאָגט:

— איהר וועט דורך דעם קאָורט קריגען אייער סופּאָרט פון די קינדער, נאָר איך ראָט אייך, איהר זאָלט ניט געהן צו זיי, סיידען זיי וועלען קומען צו אייך און אייך בעטען איהר זאָלט קומען.

אַלע דריי שניר האָבען זיך הויך צעלאַכט און פרעהליכע האָ־בען זיי פאַרלאָזט דאָס געריכט, וועהרענד די „אַלטע“, די אומ־גליקליכע אַלטע, האָט זיך לאַנגזאַם געקאַטשעט מיט איהר קערפּער, דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזען און די אַלטע אויגען זיינען געשוואומען אין טרערען.

.. מיין פאמיליע־דאקטאר

מיין פאמיליע־דאקטאר איז א זעכציג־יאהריגער יענקי, הויך און שטארק׳ ווי א ריז, מיט א באסאווער שטימע און א געלעכטער וואס האט דעם כח פון כישוף.

אז דאקטאר טוירנער זעצט זיך אוועק ביים בעט, נעהמט דעם חולה׳ס האנט אריין אין זיינע צוויי ריזיגע הענט און גיט א לאך, און דערציילט א שפאס, א וויץ, אדער א מעשה׳לע, הויבט ער דערמיט דעם חולה פון בעט ארויס.

אין די אלטע גוטע צייטען פלעגט דאקטאר טוירנער נעהמען א דאלער פאר א וויזיט, ס׳האט ניט אויסגעמאכט צי ביי איהם אין אפיס צי ביי אייך׳ אין הויז. היינט נעהמט ער צוויי דאלער. ווען אפילו די גאנצע משפחה ליגט קראנק מיט דער פלו אדער די גריפ, מעהר ווי צוויי דאלער וועט ער ניט נעהמען, און אז ער נעהמט דאס געלט, איז מיט צוויי פינגער, פונקט ווי ער וואלט זיך גע׳מיאוס׳ט צו נעהמען עפעס׳ן אומריינע זאך אין די הענט אריין...

איז זיץ איך אנומעלט אין זיין אפיס אוןווארט אויף מיין נעקסט. באלד עפענט זיך די טיר פון זיין קאבינעט און אן עלטערער מענש קומט ארויס פון דארט מיט ניט זיכערע טריט, און מיר ווייזט זיך אויס, אז ער איז אביסעל שיכור׳לעך... נו, מילא, איך וויים, אז דאקטאר טוירנער איז זעהר ערפאלגרייך אין קורירען די פלו און די גריפ און אלערליי קאלדס מיט א געווויסען „פרעסקריפשאן", וועלכען ער אליין, דער דאקטאר, נעהמט אפט פאר זיין קאלד, וועלכער איז ביי איהם שוין א כראנישע זאך...

איך געה אריין אין זיין קאבינעט, זעץ זיך אוועק אויפ׳ן ברייטען ארם־שטול, און מיין דאקטאר זיצט פארטיפט אין זיין פרעסקריפשאן ביכעל.

— העלאָ דהער! — קלינגט אַרויס זיין טיף באַסאָווע שטימע.
— האָסט געזעהן דעם מאַן וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון מיין אָפּיס?

— יעס — זאָג איך — געזעהן; מיר דאַכט, ער איז געווען אַביסעל באַטרונקען.

דער דאָקטאָר הויבט זיך אויף, קוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע, ווייסע, האַלב־פאַרלאָשענע, גרויע אויגען, און נעהמט האַס־טיג דאָס טעלעפאָן־טריבעל אין האַנט. ער איז שטאַרק אויפגע־רעגט און זיינע הענט טרייסלען זיך. ער האָט אָבער באַלד תּרטה און הענגט צוריק אויף דאָס טרייבעל, כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַר'ן קאָפּ און מורמעלט: „גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ פאַרפלוכטע פּראָפעסיע דאָס דאָקטאָריי איז!" דאַן ווענדט ער זיך צו מיר:

— ווייסטו ווער דער מענש איז? ער האַלט שוין 20 יאָהר איינע פון די געפעהרליכסטע פּאָזיציעס וואָס מ'קאָן אַ מענשען געטרויען. אין זיינע הענט ליגט בוכשטעבליך דאָס לעבען פון צעהנדליגער טויזענטער מענשען יעדען טאָג! ער הענדעלט די סוויטשעס פון איינער פון די גרעסטע אייזענבאַהנען אין לאַנד. אָט דער מענש האָט קיינמאָל ניט געטרונקען איידער פּראָהיבישאָן, און איצט, גאָט מיינער! איך מוז איהם רעפּאָרטען צו דער אייזענ־באַהן קאָמפּאַני. איך מוז! ס'איז מיין הייליגע פליכט.

ער בלייבט שטעהן מיט פאַרמאַכטע אויגען און איך, וועלענדיג דעם דאָקטאָר אַביסעל צעשטרייען, רוף זיך אָפּ: „דאָקטאָר טויר־נער, דענקט איהר ניט, אַז עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך, אַז אָט דער סוביעקט זאָל הענדלען די סוויטשעס אין אַ שיכור'ען צושטאַנד בעת אַלע מיטגלידער פון דעם אַנטי־סאַלון קלאָב פאָהרען אויף דער באַהן צו אַ קאָנווענשאָן?"

דער דאָקטאָר גיט אַ שמייכעל און זעצט זיך אַ מידער אַריין אין זיין שטול און זאָגט:

— ליסטען! איך האָב איהם שוין עטליכע מאָל געסטראַשעט, אַז איכ'ל איהם רעפּאָרטען; אָבער מיר זיינען אַלטע גוטע פריינד און ער האָט אַ פאַמיליע צו דערנעהרען. די לעצטע צוויי וואָכען האָב איך איהם קיין „פּרעסקריפּשאָן" ניט געוואָלט געבען. נו, האָט ער ערגעץ אין אַ „ספּיק־איזי" געקראָגען „מונשיין" און איז געקומען

צו מיר אַ באַזויפענער. יאָ, איך מוז איהם רעפּאָרטען, אז ניט וועל איך פון זינען אראָפּ.

פלוצלינג הויבט ער אויף זיינע אויגען, באַטראַכט מיך א ווײַלע און זאָגט: „וועל, ווהאט דהי העל איז די מעטער וויט יו?“

— אָ — זאָג איך — נאָטהינג, דאָקטאָר, דזשאָסט איי קאָלד.

— נו, זאָגט ער, האָסטו שוין מעהר ניט קיין מעדיצין? כ׳האָב דאָך דיר ערשט לעצטע וואָך געגעבען!

— ניין, דאָקטאָר — זאָג איך — ביי אונז איז געווען א בוירטדעי פּאַרטי, האָט מען עס אויסגעטרונקען...

ער האָט מיר אויפגעשריבען א „פּרעסקריפּשאָן“. פון די צוויי דאָלער וואָס איך האָב איהם דערלאַנגט האָט ער צוגענומען נאָר איינעם און געעפענט די טיר פאַר מיר און מיט זיין קלינגענדיגען געלעכטער האָט ער מיר נאָכגעשריען:

— נעקסטען מאָל זוך אוים אַן אַנדער אַנטשולדיגונג; דו האָסט שוין געהאַט גענוג בוירט־דעי־פּאַרטים דעם יאָהר...

טאָלצע

„לייף איז סטריינדזשער דהען פיקשאָן“ — אָט דאָס ענגלישע ווערטעל לאָזט זיך ניט איבערזעצען אין אידיש, סיידען איך זאָל זאָגען: „דאָס לעבען איבערשטייגט די פאַנטאַזיע.“

געווען איז דאָס לעצטען זומער, בעת איך האָב געזוכט א וואוינונג אין ניו־יאָרק.

ווער קאָן מיטפּיהלען די ליידען פון איינעם וואָס זוכט א וואוינונג היינטיגע צייטען אין ניו יאָרק — איך מיין איינעם א קבצן! סיידען די פּאָליטישענס, וואָס זוכען א פרעזידענט קאַנדידאַט.

מיינע און מיין ווייב׳ס פיס זיינען שוין געווען געשוואָלען און איך האָב שוין געהאַט פעסט באַשלאָסען צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, ווען איך האָב פּלוצלינג דערזעהן דריי גרויסע נייע אפּאַראַטמענט־הייזער אין די בראָנקס, ניט ווייט פון א דזשעראָם עווענין סטיישאָן. ארום די הייזער איז נאָך געלעגען אָנגעוואָרפען ציגעל, קאַלך, האָלץ און אלערליי שאר־ירקות, אָבער דער הויפּט־אַריינגאַנג צו די הייזער איז שוין געווען איבערגעצויגען מיט א גרינער שמאַטע, אויף וועלכער ס׳איז געווען אָנגעשריבען מיט ווייסע בוכשטאַבען: „סילוויע קאָורט“. אויף א הילצערנער באַנק, הארט ביי דער וואַנט פון דער ערשטער געביידע איז געזעסען א פּאָר פאָלק און שטאַרק געשוויצט. עס איז געווען זעהר א הייסער טאָג. די זון איז שוין געווען פון יענער זייט האָדסאָן און איז געווען רויט און געשוואָלען, אזוי ווי מיינע פיס.

אנטקעגען דאָס פּאָר פאָלק איז געשטאַנען א טישעל אויף וועלכען עס זיינען געלעגען אָנגעוואָרפען „בליו פּרינטס“, שוין האַלב צעריסען און פאַרשמירט. דער מאַן, א האָרבאַטער, מיט א פּליך,

האָט פלייסיג שטודירט א „בליו פרינט״, ווערהענד די פרוי, א דריי הונדערט פונטיגע, מיט רויטע, געבאַבטע האָר, אין א לייכטער, בלויער, זיידענער קלייד, שטארק דעקאָלטירט, און איהר קלייענדיג לייב מיט די גרויסע בריסט האָבען געגלאַנצט פון שוויס, טראָגט איהר גרויסען פעכער, מיט וועלכען זי האָט שווער געארבייט.

זי האָט אונז, מיך און מיין פרוי, געזעהן קומען, און א ברייטער שמייכעל האָט זיך אויסגעשפרייט אויף איהר פנים, און דער דריי־גאָרענדיגער גוידער האָט זיך אראָפּגעלאָזט צו די הויכע בריסט.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאַץ, אוועקגעלייגט דעם פעכער אויפ׳ן טיש, מיט ביידע הענט האָט זי אָפּגעריסען דאָס צוגעקלעפּטע זיידענע קלייד פון איהר שרעקליכען הינטער־חלק, און שפּילענדיג זיך מיט׳ן שנירעל פערל אויף דעם דעמבענעם האַלז איהרען איז זי אונז אנטקעגען געקומען מיט א זיסען שמייכעל:

— יו וואָנט ען אַפּאַרטמענט?

— געוועדט צו איהר האָט מיין ווייב, און איך שטעה און באַטראַכט זי. איך קאָן שווערען, אז איך קען זי. ב׳האָב זי ערגעץ געזעהן. איך רוק זיך נעהנטער צו צו איהר, און זעה א בראָדעווקע אויף דער רעכטער זייט פון נאָז, און צווישען די גרויסע בריסט א געבורטס־צייכען אין דער פאָרם פון א מייזעלע, באוואַקסען מיט רויטע האָר, און איך גיב א געשריי עפּעס ווי ניט מיט קיין קול: טאַלצע!

די פרוי האָט זיך א צאַפּעל געטאָן, פּונקט ווי אימיצער וואָלט זי אונטערגעשאָסען, האָט אויסגעשטעלט אויף מיר א פּאָר גרויסע גרינע אויגען. דער ברייטער, פליישיגער, פאַרשוויצטער פנים איז געוואָרען וויים ווי קאַלך, און באַלד בלוט־רויט. און זי רופט זיך אָפּ מיט א מאָדנעם קוויטשיגען קול:

„וואָטשע סיי?״

אָבער איך שטעה ווי פּאַראַליזירט מיט פאַרמאַכטע אויגען. פאַר מיר ערשיינט מיין געבורטס־שטעדטעל, אונזער שטוב, טאַטע־מאַמע, אַלע קינדער און „טאַלצע די רויטע״, אונזער דינסט־מויד, אַט זעה איך זי קנעטען די דייזשע ברויט און אַט מעלקען די קוה, און אַט טראָגט זי אויף די פּלייצעס מיין קליין ברודערל אין חדר אריין ערב פּסח אין די גרויסע בלאָטעס, און אַט זעה איך איהר

שבת בייטאָג אין שטאָל אויפ'ן בוידעם באַגראָבען ערגעץ צווישען די היי...

ווען איך בין צו זיך געקומען, האָב איך זיך געפונען זיצען אויף א גרויסען שטיין, און מיין ווייב האָט מיך געמאַטערט מיט „פראַגעס": וואָס האָב איך פּלוצים א געשריי געטאָן? און וואָס האָט די „לענדליידי", זיך דערשראָקען? און פאַרוואָס האָט זי זיך באַלד נאָכדעם ערגעץ באַהאַלטען? און צו קען איך זי? און פון וואַנען? און וואָס מיינט „טאָלצע"?

הער זיך איין מיין ווייב, זאָג איך איהר, „לייף איז סטריינ־דזשער דהען פיקשען", דאָט'ס אָל! און פרעג ניט קיין פראַגעס. קום, לאָמיר געהן ווייטער זוכען אַן „אפּאַרטמענט".

וואָרט און קלאַנג

אימיצער האָט אויסגעטראַכט, אז גאָט׳ס ערשטע מתנה צום מענטשן איז געווען דאָס וואָרט.

מיר שיינט, אז דאָס איז ניט אמת.

מיר ווייזט זיך אויס, אז דער קלאַנג — דער מוזיקאַלישער, האַרמאָנישער קלאַנג — איז געווען גאָט׳ס מתנה צום מענטשן, מיט דער כוונה, אז הערשען איבער דעם מענטשן זאָל די נשמה.

איז געקומען דער שטן און האָט פאַרוואַנדעלט דעם קלאַנג אין דאָס וואָרט, כדי הערשען איבער דעם מענטשן זאָל דער גראָבער חומר, דער גוף, און דער מענטש איז פאַרטריבען געוואָרען פון גן עדן.

אויף דער נשמה שפּראַך, אויף דער מוזיק, האָט דער שטן א קנאַפּע שליטה. זיין כוח ליגט אין דעם וואָרט, אין דעם פיין געשליפענעם, פאַרפירערישען וואָרט...

און דאָס וואָרט האָט זיך צוגעקלעפּט צום מענטשן גיכער ווי דער מוזיקאַליש־האַרמאָנישער קלאַנג.

און דאָך —

פאַלשע טענער קאָן כמעט יעדער מענש דערקענען; פאַלשע ווערטער, פאַרזיכטיג און קינסטליך ארומגעפּיילט און פאַלירט, און צוזאַמענגעשטעלט, און אונטערגעטראָגען אויף א טעלערל, איינגעוויקעלט אין א פּאַטריאָטישען טלית׳ל — דערקענט קיינער ניט!

קיינער קאָן ניט דערקענען, אז אָט די ווערטער זיינען פאַלש, באַטריגעריש, און סם המות!

דעריבער האָב איך פיינט דאָס וואָרט און האָב ליב די מוזיק.

ניין, נאָכמער, מ׳האָט גענומען אמת קלינגענדע ווערטער און פון זיי געבויט א פּיראַמידע אויף א פונדאַמענט פון שקר...

מיט דעם כח פון שעהן־קלינגענדיגע, פאַרפירערישע ווערטער פירט מען מיליאָנען מענשען צו דער שחיטה און מ׳פאַרגיסט טייכען מענשליך בלוט.

מיליאָנען מענשען לעבען אין לוקסוס און אין ראַסקאָש מיט'ן כח פון דעם שעהן־געשליפענעם פאַלשען וואָרט!

אַנדערע מיליאָנען מענשען געהען אויס פון הונגער, צוליב א וואָרט, צוליב א וויסט, פינסטער, פארשאָלטען וואָרט, וואָס מ'האָט מיט פייער און בראַנד אויסגעברענט אין זייער מוח. און דאָס וואָרט איז „פריוואַט אייגענטום".

שטעהען זיי אָט די מיליאָנען הונגעריגע, פון דער מאַשין ארויס־געוואָרפענע אויף דער גאַס מענשען, שטעהען און האָבען מורא אָנ־צורירען די איבערגעפאַקטע מאַגאַזינען מיט כל טוב. טאַקע זייער אייגענע פראַצע, וואָס זייערע אייגענע הענט האָבען באַשאַפען, אָבער — ס'איז „פריוואַט אייגענטום". א פאַר'כשופ'טער וואָרט, וואָס איז בכח צו טרייבען מיליאָנען מענשען צו א הונגער־טויט!

שרעקלעך איז דער פינסטערער כח פון וואָרט, געבויט אויפ'ן פונדאַמענט פון שקר!

נאָך שרעקליכער איז דער פענאָמען וואָס דאָס פאַלשע וואָרט ווערט מיט שמחה אויפגעכאַפט פון פאָלק, ווערענד דאָס אמת'ע וואָרט ווערט פאַרשפּאָט, אויסגעלאַכט און ניט פאַרשטאַנען!

דאָס וואָרט האָט באַשאַפען דער שטן, צו דינען דעם צעלאָזע־נעם עקסצענטרישען גוף. און דעם האַרמאָנישען קלאַנג האָט באַשאַ־פען גאָט, צו דינען דער נשמה. אָבער די נשמה און דער געוויסען ליגען טויט און פאַראַליזירט. קיינעם אַרט ניט וואָס מיליאָנען מע־נער, פרויען און קינדער הונגערען בעת מ'וואַרפט וואַגאָנען מיט שפּייז אין ים אריין.

איך האָס דאָס וואָרט, וואָס האָט געמאַכט א ווילדע חיה פון איין מענשען און א הילפלאָזע בהמה פון א צווייטען.

דאָס וואָרט!

אָט שטעה איך און רייד צו הונדערט מענשען. דורך איינ־פאַכע ווערטער זוך איך זיי איבערצוגעבען א פשוט'ן געדאַנק.

צו מיין פאַרצווייפלונג געפין איך אויס, אַז מיין פשוט'ער געדאַנק איז מיספאַרשטאַנען געוואָרען פון הונדערטער מענשען אויף הונדערט פאַרשידענע אופנים...

און דאָס קינסטלערישע וואָרט? דאָס קינסטלערישע וואָרט ווערט נאָר אָפּגעשאַצט דערפאַר, האָט נאָר א דערהויבענדע ווירקונג

דערפאר, ווייל עס הערט אויף צו זיין א „וואָרט“ און עס ווערט פארוואנדעלט אין מוזיק!

דאָס וואָרט איז פארשאָלטען פון שטן! מיט דאָסזעלבע וואָרט, וואָס ווערט באנוצט אויפצובויען א טעאָריע, א געדאנק, א טעזיס — מיט אָט דעמזעלביגען וואָרט ווערט עס צעשטערט און באנוצט צו באווייזען דאָס געגענטייל.

און וואָס באקוועמער און צעלאָזענער דער מענש לעבט, אלץ מעהר שארפט ער דאָס וואָרט, מיט וועלכען ער זוכט צו פארדעקען זיין געמיינהייט און ברוטאליטעט צו זיינע מיטמענשען.

זעהר ווייניג מענשענקינדער איז געלונגען מיט ווערטער אויפצובויען אן אמת, וואָס זאָל אייביג לעבען — אן אמת צו וועלכען דער שטויב פון צייט זאָל קיין שליטה ניט האָבען.

דער אייביגער אמת ווערט אויסגעדריקט אין הארמאָנישע געטליכע טענער פון באך, בעטהאָווען און בראהמס — אָבער דער גרעסטער טייל פון דער מענשהייט הערט ניט און פיהלט ניט, און זוכט ניט צו פארשטעהן דעם אמת.

מיט ווערטער קאָן מען נאָר בויען א פיראמידע פון שקר, וואָס שיינט צו זיין אייביג און צו וועלכען דאָס פאָלק דינט אזוי געטריי און איבערגעגעבען.

דערפאר האָס איך דאָס וואָרט.

דערפאר האָב איך אזוי ליב די מוזיק.

אָט די גייסטיגע ריזען, וואָס האָבען זייערע הויכע, נאָבעלע אידעאלען איבערגעגעבען צו די מענשען אין דער שפראך פון הארמאָנישע קלאנגען — די נשמה־שפּראך — זיי וועלען זיין די אמת'ע פיהרער וואָס וועלען באלייכטען דעם פינסטערען וועג.

קיין שארלאטאן קאָן ניט קומען מיט הויכע, געשליפענע פראזען, מיט שעהן פאָלירטע ווערטער, און זאָגען אז וואגנער און טשאיקאָווסקי זיינען געווען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען, און פארדרעהען זייערע ווערטער און זיי ארייגלייגען ווערטער אין מויל אריין, וואָס זיי האָבען ניט געזאָגט.

אויב דער מענש וועט ווען עס איז ווערען געהייליגט און באפרייט, וועט עס ניט זיין דורך דעם שטנ'ס וואָרט, נאָר דורך גאָט'ס הארמאָנישען קלאנג — די שפּראך פון דער נשמה.

אין קאַרנעגיע האָל

איך בין זיך מודה, אז אין דער צייט פון „פּראָספּעריטי" האָב איך יאָ אמאָל געטרוימט פון א באזוך אין קארנעגיע האָל, אום צו הערען א סימפאָניע קאָנצערט, נאָך וועלכען איך האָב זעהר גע־גאַרט, ווייל אויסער די סטריט־מוזיק און דעם מאָנאָטאָנעם רעדער־געררויש פון די מאַשינען אין שאַפּ, האָב איך ניט געהאט די זכיה צו הערען אזוי לאַנג ווי איך לעב, ס'הייסט, אזוי לאַנג ווי ס'ווילט זיך לעבען.

נו, ווי איהר ווייסט, לעבען מיר אין א וועלט, וואו איינער בויט זיין גליק אויפ'ן צווייטענס אומגליק. און פונקט אזא מין גליק האָט אויך מיך געטראָפען.

עס זיינען געווען צייטען, ווען א געוויסער פריינדטעל מיינער האָט געמאַכט שטיקער געלד אין דער צייט פון ריעל־עסטייט בום. שפּעטער איז ער געוואָרען א בילדער, און ווידער געמאַכט געלד! און, מערקווירדיג, איך האָב ניט געפיהלט קיין ברעקעל קנאה צו איהם! איך האָב דאָס איהם פארגונען פון גאַנצען הארצען. ער, דער פריינדטעל מיינער, איז א מענש אָהן שונאים — מיט יעדען א גוטער ברודער. פאר יעדען האָט ער א שמייכעל, א חניפה, א גלייכ־ווערטעל. אבער אז איך האָב זיך דערוואוסט, אז ער געהט אין קארנעגיע האָל, אָדער אין דער אָפּערע, האָב איך איהם אמת מקנא געווען.

נון, איז אַט דער פריינדטעל מיינער איצט א קרבן פון קריזיס. ער האָט זיין גאַנצען לייכט־פאַרדינטען „אייגענס" פונקט אזוי לייכט פארלאָרען, און ער געפינט זיך יעצט, צו מיין באדויערען, אין גרויס נויט, אזוי אז עס פעהלט איהם פשוט די 20 סענט קאר־פעיר, וואָס דאַרף קאָסטען צו פאָהרען אין קארנעגיע האָל, און ער האָט מיר געשיקט זיין סעזאָן־טיקעט אלס מתנה...

ענדליך בין איך דאָך אין דעם גרויסען טעמפּעל פון מוזיק! איך זיץ אפילו גאנץ הויך אויף דער לעצטער גאַלעריע, אבער איך קען דאָך זעהן דעם גאנצען מאַיעסטעטישען האָל, וועלכער האָט ניט קיין באַפּוצונג, קיין שניצעריי, קיין פאַנטאַסטישע בילדער, נאָר איינפאַך גלאַטע ווענט, און א סילינג, אָבגעפאַרבט מיט א מאַט־ראָזיגען קאָליר, וואָס ווירקט אזוי ערפרישענד אויפ'ן אויג. דער סילינג בלישטשעט מיט הונדערטער עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס וואַרפען זייערע שטראַלען מעהר אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווי אויף די גאַלעריעס. די פּלאַטפאָרמע איז געדיכט באַזעצט מיט מוזיקאַנ־טען, וואָס סטראַיען אָן זייערע אינסטרומענטען. אלע זיינען זיי אָנגעטאָן אין שווארצע פראַקען, מיט ווייסע ברוסטען.

אך! גליקליכע מענשענקינדער! — טראַכט איך — ווי ליב און טייער מוז אייך זיין אייער לעבען צוזאַמען מיט אייער אר־בייט?! ווי וואָלט אייך געשמעקט צו שטעהן אין א קאַלטען פראַס־טיגען שאפּ 12 שטונדען א טאָג, צווישען ריזיגע מאַשינען, וואָס סטראַשען מיט'ן טויט; און איהר דאַרפט רק שטעהן און הובלען, הובלען און שניידען, איהר ווערט באַדעקט מיט שטויב, און איהר ווינשט זיך דעם טויט אלע טאָג!

גליקליכע מענשען, איך בין אייך מקנא!

העט הינטער די מוזיקאַנטען שטעהט א ריהרעוודיג מענשעל און וואַרפט זיך פלינק ארום דריי קעסעל־פּויקען, אין די הענד האַלט ער צוויי שטעקלעך, וועלכע זיינען ביי די שפּיצען ארומ־געוויקעלט מיט קנוילען קאַטען, און אז ער באַריהרט מיט זיי די פּויקען, הערט זיך ווי עס וואָלט ערגעץ ווייט, ווייט א דונער גע־טאָן. איך קוק זיך אָרום פון אלע זייטען, און זעה איבעראַל רייך געקליידעטע הערען און דאַמען, און טראַכט: הפּנים זייערע צאַרטע נערוועו קענען ניט פאַרנעהמען די שאַרפע קלעפּ פון דער פּויק...

ענדליך עפענט זיך פון הינטער דער פּלאַטפאָרמע א טירעל און עס קומט אַרויס א הויך־שעהנער מיטעליאָהריגער מאַן, מיט א וואָלד שווארצע, געקרויזעלטע האָר אויפ'ן קאָפּ און דער עולם האָט גענומען פּאַטשען מיט די הענד. און מיר האָט זיך געדאכט, אז דאָס פּאַטשען מיט די הענד איז עפּעס ווייבער, האַרמאָנישער אין קאַרנעגיע האָל, ווי אין דעם טהעאַטער אויף דער בויערי, אין וועל־

כעז מען האָט געשפּילט „כוזרי“, אַ בענעפיט פאַר מיין פאַראיין, וועלכער האָט מיך שטראָפירט מיט אַ דאָלאַרדיגען טיקעט.

דער קאָנדוקטאָר, מיט אַ קליין שטעקעלע אין האַנד, איז צו־געגאַנגען נאָהענט.

דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען רעדען. גערעדט האָט ער עפּעס וועגען אַ געוויסער סאָנאַטאַ — אויב דאָס איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי, האָט ער ניט געזאָגט. „היידען“, זאָגט ער, האָט די סאָנאַטאַ באַ־שאַפען, און מאָצארט האָט געמאַכט די סאָנאַטאַ זיסער, אָבער בעט־האָווען האָט די סאָנאַטאַ ערשעפּט (עקזאָסטעד) — נאַר, זאָל איך אַזוי ניט וויסען פון קיין סלעק, מיט אייך, ווי איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ באַשעפעניש די דאָזיגע סאָנאַטאַ איז...

דערנאָך האָט ער גערעדט עפּעס פון „סי“ מיידזשער און „די“ מיינער... אָנפאַנגס האָב איך געמיינט, אַז ער וועט אונז עפּעס דערצעהלען פון די מיינער אין גאָלדפיעלד, און ווי דער מיידזשער, דאָס הייסט דער קאָמאַנדאַנט פון די סאָלדאַטען, לאָזט די מיינער אַ קאָפּ ניט אויפהויבען, און — אַזעלכע רייד וואָלט איך גיכער פאַרשטאַנען, ווי די מעשה מיט דער צויבערין סאָנאַטאַ... אבער, צום גליק, האָט ער באַלד געענדיגט רעדען, האָט זיך ווידער פאַר־נייגט, דאַן, זיך אויסגעדרעהט מיט'ן הינטען צום פובליקום, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט'ן שטעקעלע און — עס האָט זיך דערהערט אַ שטילער מורמלען ווי פון אַ פליסענדען וואַסערל צווישען צוויי בערג. דאָס מורמלען איז שטופּענוויז געשטיגען אַלץ העכער און העכער, ביז עס האָט גענומען רוישען און שטורמען, אַזוי ווי אַ שרעקלי־כער שטורם וואָלט אָנקומען.

פון ווייטען הערט זיך אַ לייכטער דונער באַגלייט פון אַ שטאַרקען, רוישענדען ווינט. דער דונער קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער — פּלוצלינג האָט דערלאַנגט אַ קראַך! אַ שאַרפער בליץ האָט דורכגעשניטען די לופט, עס האָבען זיך גענומען הערען אַלער־ליי קולות: בייזע, רויהע און ליאַרמענדיגע; שטילע, צאַרטע און בעטענדע — אָבער עס ברויזט און עס שטורעמט! די נאַטור האָט זיך צעבייזערט, זי קאָן מעהר ניט דולדען דאָס נאַרישע, פּוסטע, צוועקלאָזע ארומקריכען פון די לעבעדיגע באַשעפענישען אויף איהר שויס, און זי געהט זיי פאַרניכטען און — קראַך! קראַך! אַ באַרג

איז צעשמעטערט געוואָרען! און עס הערט זיך פון ווייטען דאָס רוישען פון ריזיגע ים־כוואַליעס, וואָס פליסען מיט רעש און שטורם איבער דעם צעשמעטערטען בארג אויף די הייזער אין טאָל! פאַר־צווייפעלטע קולות ווערען פארשטיקט, פארשריען פון די ווילדע וועלען. מענער מיט צלמים איבער זייערע קעפּ, פרויען מיט קליינע קינדער אויף די אָרעמס לויפען ארויס פון די קליינע הילצערנע הייזלעך. זייערע ווילד־צעשראָקענע אויגען קוקען שטאַר צום שוואַר־צען הימעל, וועלכער ווערט דורכגעריסען אין אלע זייטען פון א שאַרפען בלענדענדען בליץ, און זיי פאַלען צו דער ערד מיט די פנים׳ער אין א שרעקליכען יאָמער! און פון צווישען די רוישענדע וועלען הערט זיך א שטיל, צאַרט, ווייך, רחמנות׳דיג קול׳כעל, וועלכעס בעט און קלאַנעט און וויינט און פארגעהט זיך. די בייזע עלעמענטען ווערען עפּעס ווייכער, שטילער, און ברומען נאָך אימער מיט ווילדקייט, אבער דאָס צאַרטע קול׳כעל ווערט דרייסטער און באַלד קומט איהם צו הילף נאָך איינס, מיט מעהר קוראַזש, און טענה׳ט, און בעט. עס שפּרינגט ארויס נאָך איינער מיט א פּעס־טער שטים און שרייט: וואָס זיינען מיר שולדיג? — שווייגט! גיבען א ברום די בעסער, און די קולות ווערען אָפּגעהאַקט. עס ווערט שטילער און שטילער. עס הערט זיך דאָס שטילע פּישטשען פון פייגעלעך, א שאַרפער רוישען פון ווינט, וואָס טרייבט שנעל די יאָגענדע שווערע וואָלקען, און פון ווייטען הערט זיך דאָס קרעכצען פון א גוסס — אַן אַלטער, אָבער פעסטער מאַן שטאַרבט! ער ראַנגעלט זיך מיט׳ן טויט, און איך הער זיינע לעצטע זיפצען, וואָס האַלטען אָן איינציגע סעקונדען. ענדליך האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם.

פּלוצלינג האָט זיך דער עולם א הויב געטאָן פון די פלעצער, און איך האָב זיך א כאַפּ געטאָן, אויסגעריבען די אויגען — איז דאָס אלץ געווען א חלום? איך קוק צו דער פּלאַטפאָרמע און זעה קליינע מענשעלעך לויפען ווי מייז אין פארשידענע לעכער.

די גרויסע מענשענמאַסע האָט מיך מיטגעטראָגען מיט זיך אויף דער גאַס. די שאַרפע קעלט האָט מיך דורכגענומען, איך האָב אויפגעשוידערט, האָב שטייף פארשפּיליעט מיין ראָק, און ווי אַן אויטאָמאָט בין איך געשטאַנען און געקוקט ווי איין קערידזש

נאכ'ן אנדערען פאהרען צו, נעהמען אריין די זאטע, די גליקליכע און ווערען שנעל פארשוואונדען.

איך האב גענומען לאנגזאם געהן צום סאבוועי.

די אויגען האב איך ניט ווילענדיג געמוזט האלטען אויף די ריזיגע עלעקטרישע סיינס, און אין הארצען האט גענומען נאגען א שארפער וועהטאג. ערגעץ טיף אין הארצען האט עפעס א צארטע שוואכע שטימע געקרעכצט: ביזט איבעריג אויף דער וועלט! ביזט פרעמד, עלענד — וואס ווייסטו פון לעבען? וואס האסטו פון דיין מיזעראבעלען עלענדען לעבען? — ארבייט, און טרוקען ברויט! סלעק, און ביטערע נויט! קראנקהייט און דלות — דאס איז אלץ וואס דו האסט פון לעבען.

ברררר — ווי קאלט מיר איז!

איך טרייב מיט געוואלט אוועק די פינסטערע מחשבות און זוך אין פאקעט אן עקסטרא ניקעל אויף א גלאז ביער — לאמיך כאטש פארטרינקען מיין ביטער געמיט אין א גלאז ביטערען ביער. אבער — געפונען האב איך א פעני, ניט מעהר! כ'האב געקויפט א דזשוירנאל און זיך געלאזט אהיים. אין קאר נעהם איך זיך צום עדיטאריעל און, מיר טוט באנג וואס איך האב בעסער ניט געקויפט פאר דער פעני א שטיקעל טשואינג־גאם...

דער פּיאַניסט

די אַלטע אָפּגעריבענע פּאַסאַזשיר־שיף, וואָס מאַכט איהר טעגליכע רייזע צווישען פילאַדעלפיא און באַלטימאָר, האָט זיך לאַנגזאַם גענומען אָפּרוקען פון ברעג. דער פריהמאָרגען איז געווען הייס, נעבעלדיג און שטיקענד. אויפ׳ן ברעג זיינען געשטאַנען עט־ליכע דאָק־ארבייטער. צווישען זיי איז געשטאַנען אַן אַלטע אידישע פרוי, איהר צעקנייטשטען פּנים פאַרדעקט מיט ביידע הענט, און זי האָט שטיל געוויינט: איהר זוהן איז אָפּגעפאָהרען מיט דער שיף, און זי וועט איהם מעהר ניט זעהן. די שיף פאַנגט אָן ציטערען, אפשר פאַר שרעק פון דער מוטער׳ס טרעהרען? אויף דער שיף געפינען זיך ניט פיעל פּאַסאַזשירען. עס איז שטיל, קיין מוזיק שפּילט ניט. עס לאַכען ניט קיין פרעהליכע פּאָרלעך. א סך זיצען שטיל, אַנ־דערע דרעהען זיך אַרום, אָבער כמעט אַלע מיט בלאַסע פאַרזאָרגטע פּנים׳ער.

די שיף גליטשט זיך לאַנגזאַם אויף דעם גלאַטען דעלעווער ריווער. פון ביידע זייטען זיינען אויסגעשפּרייט גרינע פעלדער. אָבער קיינער פון די פּאַסאַזשירען באַמערקט דאָס ניט. דאָס זיינען נידערגעשלאָגענע, עלענדע, פון גאָט מאָמאָן פאַרשטויסענע מענ־שען, די אָרימקייט ליגט טיף אויסגעקריצט אויף זייערע פּנים׳ער.

מיין אויפמערקזאַמקייט ווערט צוגעצויגען פון א יונג פּאָר פאָלק, וואָס זיצט שטיל אין א ווינקעל פון „פּאַרלאָר". די יונגע בלאַסע פרוי האַלט א פּיצעלע קינד אויף די הענט און פּרובירט עס איינשלעפערען, אָבער דאָס קינד פּישטשעט, ווי א שוואַך פוי־געלע. אויפ׳ן רויטען מיט סאַמעט באַדעקטע באַנק ליגט א ליידיגע באָטעל. די פרוי קוקט מיט שטאַרע אויגען אויפ׳ן באָטעל און טראַכט...

דער יונגערמאַן, אפשר אין גאַנצען 20 יאָהר אַלט, מיט שעהנע בלאָנדע האָר און אַ גלאַט ראַזירטען פּנים, זיצט איינגעבויגען און דרעהט נערוועז מיט זיינע דינע לאַנגע פינגער, און פון צייט צו צייט גיט זיין רעכטער האַלבער פּנים אַ קאָנוואַולסיווען ציטער. דאָס איז איהם, הפּנים, געקומען פון אַ קראַנקהייט, טראַכט איך.

איך מיט מיין זוהן האָבען זיך אַוועקגעזעצט פּונקט אַנטקעגען דאָס פּאַרעל, און געעפענט אונזערע לאַנטש-בעסקעטס, אום עפּעס איבערצוכאַפּען. דער יונגערמאַן האָט אונז באַמערקט. זיינע אויגען האָבען זיך איינגעגעסען אין אונזער בעסקעט. זיין ציטערענדער האַלבער פּנים האָט עטליכע מאָל אַ ציטער געטאָן. דאַן האָבען זיך אונזערע בליקען באַגעגענט — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע אויגען זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרערען. איך האָב לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטען זיין זשעדנעם שאַרפען בליק, פאַר מיר איז געוואָרען קלאָר, אַז דאָס פאַר פאַלק הונגערט.

דאָס שטיקעל באַנאַנאַ, וואָס איך האָב געהאַלטען אין מויל, האָב איך אויפגעהערט צו קייען. איך האָב דאָס שטיל, בגנבה ארונטערגעשלונגען. ענדליך הויבט ער זיך אויף און ער לאָזט זיך לאַנגזאַם געהן אין אונזער ריכטונג.

זיין בלויער סוט איז שטאַרק אָפּגעריבען און גלאַנצט. ער קומט צו נאָהענט צו אונז, און דרעהט זיך שאַרף אויס צוריק. און אַזוי שפּאַצירענדיג עטליכע מאָל, שטעלט ער זיך ענדליך אָפּ און באַטראַכט מיין זוהנ'ס פידעל, וואָס ליגט אויף דער באַנק.

— זיינט איהר אַ מיוזישען ? — פרעגט ער מיט אַ ציטערענדער שטימע.

אַ טרויעריגער שמייכעל האָט געשפּילט אַרום זיינע טרוקענע ליפּען, און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט ניט צו קוקען אויפ'ן בעסקעטעל.

— איך ניט — זאָג איך מיט אַ געמאַטערטער פרעהליכקייט — אָבער דער באָיטשיק מיינער וויל דאָס זיין.

— איך בין אַ פּיאַניסט — האָט ער מיר דערצעהלט — איך האָב געזוכט ארבייט אין פילאַדעלפיא און ניט געקענט קריגען, און יעצט פאָהר איך צוריק אהיים, קיין וואַשינגטאָן. און איהר וואוהין פאָהרט ?

איך מאַך פּלאַץ פאַר איהם אויף דער באַנק לעבען מיר און דערצעהל איהם, אַז איך פאָהר אין דער וועסט צוליב מיין געזונט.

זיין פרוי וואַרפט אויף מיר א טרויעריגען בליק און דרעהט אויס איהר קאָפּ צום אָפענעם פענסטער.

מיר זיצען ביידע און שווייגען. מיר פאַרשטעהן זיך. א זיפץ האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען, אָבער ער האָקט איהם אָפּ. און איך זיץ און טראַכט, ווי אַזוי מען לאַדעט איהם איין צו מיין בעסקעטעל, אַזוי, אַז איך זאָל איהם ניט באַליידיגען...

— ווארום עסטו ניט, פּאַפּאַ? — פרעגט מיך פּלוצלינג מיין זוהן, וועלכער האָט שטאַרק געטרייבערט דעם בעסקעטעל.

— איך בין עפּעס ניט הונגעריג, אפשר האָט איהר חשק צו פאַרזוכען עפּעס פון'ם בעסקעט? — זאָג איך צום יונגענמאַן, וועהרענד א שאַרפער פייפען פון דער שיף האָט פאַרהילכט די אויערען. און מיר דאַכט זיך, אַז טאַקע דאָס פייפען האָט מיך א שטופּ געטאָן דאָס צו זאָגען.

— דאָ איז אַלץ אַזוי טייער — מאַכט ער, רויט ווערענדיג, און זיין האַלבער פּנים האַלט אין איין צוקען — מיר זיינען קורץ אין געלט, און מיר האָבען קיין מילך ניט פאַר'ן קינד.

— איך דערלאַנג איהם דאָס בעסקעטעל, אנטשולדיג זיך און געה אַרויס פון פאַרלאַר. איך האָב געוואוסט, אַז די פרוי וועט ניט וועלען נעהמען אין מיין אָנוועזענקייט... אגב האָבען מיך טרערען גענומען שטיקען אין האַלז... דאָס איז ביי מיר געוואָרען אזא שוואַכקייט די לעצטע צייט...

איך בין אַרונטער אין רעסטאָראַן, געקויפט אביסעל מילך און אַרויפגעשיקט מיט'ן באָי.

דעם גאַנצען טאָג האָט דאָס פּאָר פאָלק צווישען זיך כמעט גאָר ניט גערעדט. די נויט האָט פאַרביטערט זייערע הערצער און פאַרשלאָסען די מיילער. מיך האָט דער יונגערמאַן אויסגעמידען. פאַרנאַכט האָב איך איהם באַגעגענט שפּאַצירענדיג מיט אן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ גאַנץ אַליין נעבען דעם גרויסען קוימען.

— ענטשולדיגט — מאַכט ער — קענט איהר אפשר „ספּערען" א דאָלאַר? עס פעהלט מיר אויס אויף א טיקעט נאָך וואַשינגטאָן.

איהר פאָהרט דאָך אויך איבער וואשינגטאָן, וועל איך דאָרט נעמען א דאָלאר ביי מיין מוטער און אייך צוריקגעבען.

זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געוואָרפען און ער האָט אזוי שנעל גערעדט, אז איך האָב קוים געקענט איהם נאָכפאָלגען. (ער איז געוועזן א יענקי.)

— מיין פריינד — זאָג איך און שטעק אריין די האַנט אין פּאַקעט און שלעפּ ארויס מיין גאַנצען פאַרמעגען: 60 סענט — אָט דאָס פאַרמאָג איך! דאָס וועט ניט מיך און ניט אייך ברענ־גען קיין וואשינגטאָן. אָבער איך האָב א פּלאַן, ווי אזוי צו שאַפען א פּאָר סענט.

— וואָס איז איט? — שמייכעלט דער יונגערמאַן.

— אין פּאַרלאָר — זאָג איך — שטעהט א שעהנע פּיאַנאָ. מיין זוהן האָט א פידעל, געהט ביידע, שפּילט א פּאָר סאָלאָס, און איהר וועט מאַכען אביסעל געלט.

— איך האָב — זאָגט ער אליין אויך געטראַכט דערפון. אבער די פּאַסאַזשירען זעהן אוים אזוי אָרים, ווי מיר. אויסער דעם, אליין וועלען זיי ניט געבען, סיידען ארומגעהן מיט א העט... — און ער צעלאַכט זיך, און איך אויך, אויף איהם קוקענדיג...

אייניגע מינוטען שווייגען מיר. דער געדאַנק ארומצוגעהן מיט א העט שניידט אונזערע הערצער. אָבער אונזער געלעכטער ווערט שוואַכער און שוואַכער. ענדליך זאָג איך:

— נו, וואָס דענקסטו?

— וועלל, דאָס איז דאָס אייניציגע מיטעל — זאָגט ער.

ער און מיין זוהן געהען אריין אין פּאַרלאָר און איך געה ארויף צום קעפּטען, דערצעהל איהם אין קורצען די געשיכטע, און בעט איהם, ער זאָל ערלויבען צו שפּילען.

— מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען — מאַכט דער קעפּטען.

מיינע צוויי ארטיסטען שטעלען זיך אָן די כלים און פאַנגען אָן שפּילען די אינטערמעצאָ פון קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ.

די פּאַסאַזשירען, דערהערענדיג פּלוצלינג שפּילען, האָבען עפּעס מאָדנע זיך גענומען ארומקוקען — וועלכער שוואַרץ יאָהר האָט זיך דאָס עפּעס צעשפּילט אין מיטען דערינען? פונדעסטוועגען זיינען פילע אריין אין פּאַרלאָר, נאָר ווייניגע זיינען געבליבען אויף די

דעקס. הפנים זיי האָבען געהאט אייגענע מוזיק אין הארצען...
אָדער אפשר האָבען די טרויעריגע טענער דערגרייכט זייערע אויע־
רען און זיי האָבען זיך ניט געקענט ריהרען פון זייערע פלעצער?

ווען זיי האָבען געענדיגט שפּילען, איז דער יונגערמאַן געבלי־
בען זיצען מיט ציטערענדע הענט; דער פידלער איז געשטאַנען און
נעקוקט אויפ׳ן בלאַסען פּיאַניסט, און ביידע האָבען ניט געוואגט
אויסצודרעהען זייערע פּנימ׳ער צום פּובליקום. דאָ און דאָרט האָט
זיך געהערט אַן אפּלאָדיסמענט.

איך לויף צו צום פּיאַניסט, און גיב אונטער השק:

— ארונטער דעם העט! זאָג איך — ההי דעוויל וויטה ההעם...

ער שמייכעלט און צוקט מיט זיין האַלבען פּנים שנעל, שנעל...
ענדליך נעהמט ער זיך אָן מיט קוראזש, כאַפּט זיין שטרויענעם העט
און לאָזט זיך געהן מיט בויגענדיגע קניע און אַ טוידט־בלאַסען פּנים.

פּלוצלונג דערהערט זיך אַ שאַרפער קוויטש פון אַ פרוי, און
באַלד אַ דומפּער קלאַפּ, וואָס איז געקומען פון אַ ווינקעל פון פּאַר־
לאָר. און וועהרענד איינינע מענשען האָבען געמינטערט די גע־
חלש׳טע פרוי, איז דער פּיאַניסט געשטאַנען מיט דעם שטרויענעם
העט אין האַנט. און איצט האָט שוין זיין גאַנצער פּנים געצוקט
ארויף און אראָפּ; די אויגען־דעקלעך האָבען געציטערט איבער די
גרויסע, שטאַרע אויגען, און ער האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט...

צווישען די אַקטען

אנומעלטען בין איך געווען אין א ענגלישען טעאטער, וואו אין איינער פון די סצענעס איז פאָרגעשטעלט געוואָרען א בילד פון דער „אונטערוועלט". א געננסטער איז געשאָסען געוואָרען פון א באנדע געננסטערס, וואָס האָבען אָפּערירט אין אַן אנדער דיסט־ריקט פון אונזער גרויסער, רייכער שטאָט ניו יאָרק. הינטער מיר איז געזעסען א יונג פּאָר פּאָלק און לויט זייער אויסזעהן און באַ־נעהמונג (זי איז כמעט געלעגען אין זיינע אָרעמס...) האָבען זיי זיכער געהערט צו דער זעלבער וועלט, וועלכע איז פארגעשטעלט געוואָרען אויף דער סצענע, און בעת די שיסעריי איז פאָרגעקומען האָט דער בחור מיט א צעפּלאַמטען פּנים און ברענענדע אויגען זיך געוואָרפען אין אַלע זייטען און געשיפּעט: אַטאַ באָי! אַטאַ באָי!

ווען דער „אַקט" האָט זיך געענדיגט און דער פאָרהאַנג האָט זיך ארונטערגעלאָזען, האָט דער בחור גענומען דערצעהלען זיין נקבה ווי אזוי ער האָט דאָ ניט לאַנג צוריק „אָפּגעראמט" זיינעם א חבר, ווייל ער, דער חבר זיינער, האָט זיך ארויסגעציינט צו זיין א „טשיט" און א „קרוק", און ניט געגלויבט אין „פעיר פּליי". מיין אויער האָט אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט, טראָץ דעם וואָס דער חברה־מאַן האָט די געשיכטע איהר געשעפּטשעט אין אויער אריין. דאָס איז געווען דערפאר, ווייל ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און זיין הייזעריגע שטימע האָט געהאַט א באַסאָווען אונטער־טאָן, וועלכען ער האָט ניט געקענט קאָנטראָלירען. איך בין געזעסען דעם קאָפּ אויסגעבויגען אויף א זייט און זיך געמאַכט דרעמלענדיג.

אָט זיינען וואָרט פאר וואָרט זיינע ווערטער:

— יו סי, מעג! איך בין געוואָרען אזוי דעם עקסייטעד, אז איך האָב פארלאָרען מיין קאָפּ. יו נאָו, איך האָב געגליכען „דזשעק סטיקער", מיר זיינען געווען גוטע ברידער פאר א לאַנגער צייט,

געמאַכט פּילע „סוקסעספולע דזשאָבּס״ צוזאַמען, און געװען גע־קרינגט זיך. אמת, א פּאָר מאָל האָב איך איהם געװאָלט אנברעכען די ביינער, װייל ער האָט זיך באַנומען צו פרעך מיט דיר... אָבער װען איך האָב געזעהן װי ער האָט עפּעס גענומען „מאָנקין״ מיט׳ן שטיקעל צוקער — נאָך דעם װי ער האָט געװאונען אכט סטרייט גיימס, האָב איך איהם אװעקגעלייגט א טויטען אויפ׳ן אָרט.

— נאָר דו װייסט דאָך ניט װאָס איך מיין מיט׳ן שטיקעל צו־קער; טאָ ליסען:

— מיר האָבען אויסגעטראַכט א נייע גיים װאָס „ביט העלל״, און ניט נאָר איז די גיים עקסייטינג און גיט דיר „דהי טריל אָװ יור לייף״, נאָר עס רייצט דעם געמבּלינג ספּירית ביז משוגעת, און איך בין זיך מודה, אז איך בין געװען משוגע בעת איך האָב געצװיגען מיין „קנאַקער״. דער טייװעל האָט מיך א כאַפּ געטאָן מיט אזא קראַפּט, אז איידער „סלים״ און טאָני האָבען זיך א ריהר געטאָן מיך אָפּצוהאַלטען, האָב איך געפייערט גלייך דזשעק׳ן אין הארצען אריין. דאָס איז געװען ערשט היינטיגען זומער, און די פּאָליציי זוכט נאָך איצט ארום דעם „מערדער״, אבער, האנעסטלי, מעגי, איך װאָלט אװעקגעגעבען עני טהינג װען איך זאָל קאָנען גוטמאַכען אָט דעם „עקסידענט״. אָפטמאָל פיהל איך װי זיך אליין צו טויטען.

— נאָר װאָס איז מיט׳ן שטיקעל צוקער? — פרעגט איהם מעגי.

— מיט׳ן שטיקעל צוקער איז אזא געשיכטע:

— מיר זיינען איין מאָל געזעסען, איך, דזשעק, סלים און טאָני, אין דעם הינטערשטען צימער פון א רעסטאָראַן און ספּיק־איזי און געטרונקען קאַפע. אויפ׳ן טיש זיינען צופעליגערװייזע געלע־גען עטליכע שטיקלעך צוקער און א פליג איז געשפּרונגען פון איין שטיקעל אויפ׳ן צװייטען און געהאַט א גוד טיים. פּלוצלינג איז מיר אין קאָפּ אריין א געדאַנק פון א שפּאָגעל נייער גיים. איך גיב גלייך א כאַפּ פיר שטיקלעך צוקער, לייג אװעק אין פראָנט פון יעדען פון אונז צו שטיקעל און זאָג: באָיעס, ליסען, לאָמיר זיך װעטען, אויף װעמעס שטיקעל צוקער די פליג װעט זיך אָפּשטעלען, דער געװינט! די באָיעס האָבען זיך א כאַפּ געטאָן, מיר געדריקט די האַנט פּאָר מיין אָריגינעלען „סקים״, און מיר האָבען גענומען שפּילען און דערביי געהאַט א היבש ביסעל פאַן. די פליג האָט זיך

אלעמאל אפגעשטעלט אויף אן אנדער שטיקעל צוקער, און מיר האבען אלע געוואוסט אז מיר שפילען אן „עהרליכע" גיים אהן טריקס און אהן סקימס.

דאס האט אזוי אנגעהאלטען א שטיק צייט ביז וואנען „דזשעק" האט אויסגעפונען עפעס א מיטעל, עפעס א טריק, אז די פליג זאל זיך אפשטעלען נאר אויף זיין שטיקעל צוקער. ער האט געהאט עפעס א מין פליסיקייט אויף זיינע פינגער מיט וועלכע ער פלעגט נאר אנריהרען דאס שטיקעל צוקער און דער ריח פון אט דער פלי־סיגקייט פלעגט צוציהען די פליג. נא מעטער ווי ווייט מיר זאלען די פליג פון טיש ניט פארטרייבען, פלעגט זי צוריק זיך אויסדרעהען און סטאפען אויף זיין שטיקעל צוקער. אין יענעם אומגליקליכען טאג האב איך געהאט אביסעל צופיל געטרונקען און בין געווען אין א בייזער שטימונג (אגלי מוד) און אז איך האב געזעהן ווי די פליג איז אכט מאל — מיינד יו, אכט מאל — איין מאל נאכ'ן אנדערען געבליבען שטעהן אויף דזשעק'ס שטיקעל צוקער, בין איך געווארען ווילד און א געשריי געטאן: דזשעק! יו ס... ביזט א פייקער! דו האסט עפעס א סקים מיט וועלכען דו פארנארסט די פליג צו זיך. מיר בייטען זיך מיט די שטיקלעך צוקער, און אויב די פליג שטעלט זיך אפ אויף דעם זעלבען שטיקעל צוקער וועט דאס זיין א באוויז אז איך בין גערעכט, און איך וועל דיך טויטען ווי א הונט, סיידען דו ביזט זיך מודה און זאגסט אונז אויס דעם סוד ווי דו מאכסט דאס.

— שור אינאף, מיר האבען זיך געביטען מיט'ן צוקער, און די פליג האט זיך ארומגעדרעהט א פאר סעקונדען אין דער לופטען און — בענג! גלייך אויף דעם זעלבען שטיקעל צוקער וואס איז דאס מאל געלעגען פאר מיר.

איך האב גלייך געפייערט אויף איהם, און ער איז געפאלען אונטער'ן טיש ווי א באנדעל רעגס.

— יו סי, מעגן; וואס מיך האט פארדראסען איז געווען, וואס ער האט צעשטערט מיין אילוזיע פון דער איינציגער אריגינעלער „אנעסט טו גודנעס גיים", וואס איך האב אויסגעטראכט.

דא האט זיך דאס שפיל ווידער אנגעהויבען און ער איז אנט־שווינגען געווארען.

פאַלשע טענער

צו דעם געטליכען מייסטער בעטהאָווען איז אַמאָל געקומען א יונגער ענגלענדער, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאר א גרויסען פיאניסט. ער האָט געוואָלט הערען וואָס בעטהאָווען וועט זאָגען צו זיין שפּילען, און ווען ער האָט אָבגעשפּילט, איז דער מייסטער צוגעגאנגען צום יונגענמאַן, איהם דערלאנגט א פריינדליכען קלאפּ אין פּלייצע און געזאָגט: „יונגערמאַן, עס וועט נאָר נעמען 5 יאָהר ביז דו וועסט אָנהויבען באגרייפען, אז — דו האָסט ניט קיין באַגריף איבער מוזיק...

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער מעשה, בעת איך האָב אריינגעמופּט אין מיין נייעם „אפּארטמענט”. צו מיין אויער דערגרייכען די קולות און קלאַנגען פון הונדערט און צוואַנציג שכנים, און פון איבעראל קומען פאלשע טענער, פאלשע קלאַנגען, און איך קען שווערען ביי אלע הייליגקייטען, אז דער אָרימער בעטהאָווען איז טויב געוואָרען צוליב די פאלשע טענער וואָס ער האָט געהערט ארום זיך. יאָ, מען קען טויב ווערען פון פאלשע טענער!

און איז דען ניט דאַסזעלבע אין דער ליטעראַטור? אין דער פּאָליטיק? קלינגען דען ניט ארויס פאלשע טענער פון ניינציג פון יעדע הונדערט ביכער? רייסען אייך ניט אין די אויערען די צייטונגען און זשורנאַלען מיט זייערע פאלשע, גרילצענדע, שאַרלאַטאַניש פאלשע טענער?

פאַר פינף לאַנגע יאָהר האָבען מיר זיך געמוזט צוהערען צו דער קאַנאָנען־מוזיק, ווען פּלוצלינג האָט זיך אויפ׳ן רויטען האָריזאָנט באוויזען א נייער זינגער. זיין קול האָט זיך דורכגעריסען דורך דאָס קנאַלען פון די קאַנאָנען און דאָס פּלאַצען פון די באָמבעס און זיי שטום געמאַכט. עס האָט זיך געדוכט, אז דאָס האָט

גאָט אַליין איהם צוגעשיקט, אַזוי אַז זאָגאַר די פיינסטע אויערען האָבען זיך צו דעם נייעם זינגער (ווילסאָן איז זיין נאָמען) צוגע־הערט. אָבער אַזוי שנעל ווי זיין שטימע איז געוואָרען דייטליך געניט — איז מען אנטריסטעט געוואָרען פון די פאַלשע טענער.

גאָט! ווי פאַלש דער מענש זינגט!

און דאָך האָבען אַ סך מענשען הנאה געהאַט פון זיין זינגען. עס איז מקנא צו זיין די מענשען מיט טויבע, אָדער אומאַנטוויקעלטע אויערען... גיט זיי אַ „דזשעז" בענד, און זיי קוויקען זיך דערמיט!

און פונקט אַזוי ווי איך קען ניט פאַרטראָגען קיין פאַלשען טאָן, אַזוי קענען די מענשען ניט ליידען קיין אמת'ן. אָט איז ער־שינען אויף דער ביהנע אַ וואונדער־שעהנער זינגער, וועלכער גיסט פון זיין האַלז גאָלדענע קלאָרע טענער, וואָס צעגעהען זיך אין אַלע אברים (גלין פלאָמב איז זיין נאָמען). זיינען די מענשען מיט די טויבע אויערען ארויסגעקראָכען פון זייערע לעבער און שרייען גע־וואַלד, אַז דער זינגער געפעלט זיי ניט... ער זינגט, זאָגען זיי, צו צעקראָכען, צו סענטימענטאַל...; אַז דאָס וואָס גלין פלאָמב זינגט איז „מאָדערנע" מוזיק. זיי קענען ניט און ווילען ניט פאַר־שטעהן דעם סאָרט מוזיק. זיי גלייכען בעסער די „דזשעז" מוזיק פון בילי סאַנדעי, גאָמפערס, אַרטשי סטיווענסאָן, א. ז. וו.

און דאָרט, אין וואַשינגטאָן, אין דעם גרויסען „קאָנצערט זאַל", וואו דער נאַציאָנאַלער „דזשעז־בענד" זיצט און מאַכט רעפּעטיציע פאַר דער קומענדער עלעקשאָן, ווען מען וועט אויסקלייבען אַ נייעם „בענד־מייסטער" — שטעלט אייך פאָר, ווען די דאָזיגע מוזיקאַנטען מיט זייערע גרילצענדע טרובעס וועלען אַרויס אין גאַס מיט זייערע פאַלשע גרילצענדע טענער. כאָטש נעהם און אַנטלויף הינטער די הרי חושך!

יאַ, עס ווערט אומעטיג אויפ'ן האַרצען, ווען פון אַלע זייטען, וואו איהר גיט זיך אַ קעהר, טראָגען זיך פאַלשע, ווילדע, אָפּגעריי־סענע, דיסהאַרמאָנישע טענער.

טאָמער איז געווען איין שטיקעל אָרקעסטער (די סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי), וועלכע וואָלט געקענט ארויסקומען אין דעם יעצ־טיגען „דזשעז טומעל" מיט אַ קלאָרען, פעסטען טאָן, — נו, האָ־בען זיך די מוזיקאַנטען צע'הרג'עט; מסתמא וויל יעדער פון זיי

זיין „קאָנצערט־מייסטער" און שפּילען ערשטע פידעל... איז גע־וואָרען צוויי אָרקעסטערס: אַ רעכטער און אַ לינקער, אוןביידע זיינען ניט אימשטאַנד אָפּצושפּילען עפּעס רעכטס... און ביידע לאָזען ארויס פאַלשע טענער — די רעכטע זינגען צו פלעט, די לינקע צו שאַרפּ...

איך האָב שוין אין מיין לעבען אויסגעהערט אַלע אָרקעסטערס, וואָס די אָרימע, צעקריפּעלטע, מענשליכע נשמה האָט געשאַפען: די אָרקעסטערס פון דער סאַלוויישאָן אַרמיי, „וואַי עם סי איי", קריס־טשען סייענס, טעאָסאָפיסטען, ספּיריטואַליסטען און צעהנדליגער אַנדערע „איסטען", וואָס ווילען מיט זייער שפּילען און זינגען ראַ־טעווען די וועלט, גליקליך מאַכען די מענשען! אָבער זייערע טע־נער זיינען פאַלשע, פאַלשע! עס גרילצט אין די אויערען, אַזש אַ סקרוך גערט אריבער איבער'ן לייב...

אָבער די מענשען זיינען טויב! דאָס געהער איז ניט אַנט־וויקעלט, און דערפאַר שטעלען זיי זיך צופרידען מיט — דראָם און פייף, מיט דזשעז; און די וועלט איז פול מיט באַראַבאַנשטשיקעס און „דזשעזערס" און מען מאַכט אַן אַזוי פיל טומעל, אַז מען קען משוגע ווערען!

אַך, ליבער לעזער, וואוהין אַנטלויפט מען פון די פאַלשע טע־נער, פון די דזשעזערס?

מיין מזל

איינע פון די אינסטיטוציעס וואָס מאַכט דאָס לעבען אין ניו־יאָרק מעהר אָדער וועניגער ערטרעגליך אין זומער איז אָן צווייפעל „דער לואיסאָן סטאַדיום“, וואו די פילהאַרמאָניק סימפאָניע גיט פאַר זעקס וואָכען קאָנצערטען אונטער'ן פרייען הימעל פאַר ביליגע פרייזען.

אמת, אפילו דאָרט פיהלט זיך דער ביטערער טעם פון „טשאַריטי“, ווייל וואָס וואָלט דעם פילאַנטראָפּ געווען געאַרט, אז די זיץ־פלעצער זאָלען זיין הילצערנע און געמאַכט אזוי, אז מען זאָל האָבען וואו אָנצושפּאַרען די פלייצע? אז מען זעצט זיך אוועק נאָך א שווערען טאָג ארבייט אויף די הייסע פון דער זון אָנגעברענטע שטיינער, אָנשפּאַרען דעם רוקען איז ניטאָ וואו, ווייל הינטער אייך זיצט אימעצער און שטורכעט אייך מיט זיינע פאַרשטויבטע שיך אין די זייטען אריין — טאָ ווער קאָן הנאה האָבען פון מוזיק?

כדי הנאה צו האָבען פון מוזיק דאַרף מען זיין אויפגעלייגט דערצו און זיין אין דער געהעריגער שטימונג, אז ניט האָט די בעסטע מוזיק קיין טעם ניט. אמת, אונטען, וואו א פּלאַץ קאָסט א דאָלאַר, זיצט מען שוין אויף הילצערנע בענקלעך מיט פאַרענטשעס אָנצושפּאַרען זיך און מען קען טאקע בעסער הערען אויך. נו, גלוסט זיך דאָך ניט ארויסצונעמען א גאַנצען דאָלאַר, ווען ער איז ניטאָ. נאָר ניט דאָס בין איך אויסען.

איך וויל דאָ דערצעהלען פון א זעלטען גליקליכען צופאַל וואָס האָט מיט מיר אליין טאקע געטראָפען.

איך שטעה מיר אזוי אין דער רייה און וואַרט ביז דאָס פענסטערל וועט זיך עפענען און איך וועל קריגען מיין בילעט פאַר א קוואָדער (ווייל טאָמער שטעהט איהר ניט אין רייה, איז איידער

איהר קוקט זיך ארום איז שוין אוים קוואָדער און איהר דארפט צאָלען א האלבען דאלאר...)

דער טאָג איז געווען אַ שרעקליך הייסער און די זון, כאָטש זי איז שוין געווען העט פון יענער זייט דעם האָדסאָן ריווער, האָט זי נאָך אַלץ געסמאַליעט אָן רחמנות, קיין טראָפּען לופט איז ניט געווען אויף א רפואה. בין איך געשטאַנען א מידער, א פארשוויצ־טער, אָנגעשפּאַרט אויף מיין שטעקען, און געטראַכט, אז ס'איז א צו גרויסע אנשטרענגונג, א צו הויכער פּרייז צו באַצאָלען פּאַר א קאַפּעטשקע פּאַרגעניגען, צו הערען אביסעלע מוזיק. אפשר גאָר געהן אהיים, זיך אויסטאָן, נעמען א קאַלטע באַד און זיך זעצען אין א באַקוועמען שטול ביים אָפענעם פענסטער און עפּעס לייענען? איז ווי איך שטעה אַזוי און ישוב זיך וואָס צו טאָן, קומט צו צו מיר א יונגערמאַן אָן א היטעל אויפ'ן קאָפּ און פרעגט מיך, צו וויל איך זיצען אונטען אויף א דאראַלדיגען זיץ?

איך באַטראַכט דעם בחור וואָס שטעהט פאר מיר מיט א דין שמייכעלע אויף זיינע בלאַסע ליפּען. זיין גלאַט ראַזירטער פּנים איז באַשפּרענקעלט מיט קלייען און זיינע גרויסע ברוינע אויגען — לעבען ניט בשלום: איינס קוקט אויף מיר און דאָס צווייטע אויף א פרוי וואָס שטעהט אין דער רייהה הינטער מיר.

אָבער ער לאָזט מיך ניט לאַנג טראַכטען און זאָגט אין ענגליש מיט א שטאַרק רוסישען אקצענט:

— מיינער א באַקאַנטער מוזיקער פון אָרקעסטער האָט מיר גע־געבען א „פּעס" פאר צוויי און זעהענדיג ווי איהר שטעהט דאָ אָנגע־שפּאַרט א מידער אויפ'ן שטעקען, האָב איך באַשלאָסען אייך איינ־צולאַדען מיט מיר צו געהן אונטען, וואו ס'איז קיהלער און באַקווע־מער צו זיצען. קומט!

עם פארשטעהט זיך, אז איך האָב זיך לאַנג ניט געלאָזט בע־טען, און באַדאַנקענדיג איהם פאר זיין אמת־הומאַנישער האנדלונג און פריינדליכקייט האָב איך איהם נאָכגעפאָלגט ארונטער דעם באַרג, און געהענדיג מיט איהם האָב איך אויסגעדריקט מיין פאַר־וואונדערונג וואָס ער האָט בעסער ניט אויסגעקליבען א יונגע שעהנע פרוי אנשטאַט אן אלטען מאַן?

— איך האָב, זאָגט ער, דאָס געוואָלט טאָן נעכטען, האָב איך

געבאַפּט אַ מיאוס'ן אָפּשניט, האָב איך זיך פאַרשוואָרען מעהר קיין פרויען ניט איינצולאַדען.

מיר האָבען פאַרנומען באַקוועמע ביינקלעך גראָד אין פראָנט פון אָרקעסטער ביי אַ רונדען טישעל און זיך אוועקגעזעצט.

ס'איז נאָך געווען פריה און פון אַלע זייטען האָבען זיך מענשען געצויגען צום סטאַדיום הערען מוזיק. די לופט איז געווען פייכט און שטיקענדיג, און פון ווייטען האָבען זיך גענומען צינדען פייערלעך און עלעקטרישע גאַסען־לאַמפּען און דער טומעל פון די טעקסים און סטריט קאַרס האָבען זיך אויסגעמישט מיט די געשרייען פון קינדער, וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט צעשיידען מיט זייער באַליבטען באַל שפּיל, ניט ווייט פון סטאַדיום, כאָטש עס האָט שוין אָנגעהויבען ווערען טונקעל.

— נעכטען, זאָגט מיין בענעפאַקטאָר, געה איך צו צו אַ פרוי וואָס איז געשטאַנען אין ליין, אָט ווי איהר היינט, און פרעג איהר, צי וויל זי זיצען אונטען ביים אָרקעסטער? איך האָב אַ פּעס פאַר צווייי. אז זי גיט דאָס אַן עפען אַ מויל, און ווי אַ שלאַנג איהר גיפט האָט זי ארויסגעשאָסען: „טראָגט זיך אָפּ יונגערמאַן איידער איך רוף אַ פּאָליסמאַן. ווער, דענקט איהר, בין איך אייך?...“

— ערשט איצט האָב איך זי באַטראַכט (ווייל פריהער האָב איך גאָר ניט געזעהן צי זי איז מיאוס צו שעהן) און געזעהן, אַז זי איז מיאוס ווי דער טויט, און איך קען ניט פאַרשטעהן וואָס האָט זי אַזוי באַליידיגט. דאַכט זיך איך בין געווען העפליך ווי מעגליך.

— מיין הסתם — זאָג איך — ליידט זי פון אירגענד אַ קאָמפּלעקס. פאַראַן, זאָג איך, מענער אויך אַזעלכע. מיינע אַ באַקאַנטע פרוי וועלכע ארבייט אַלס אַ נוירס אין אַ האָספּיטאַל האָט מיר דערצעהלט פון אַן ענגליכען פאַל מיט אַן אַלטען מאַן.

— זי איז, זאָגט זי, געגאַנגען איין מאָל אין דער באָוערי און אויפ'ן קאָרנער קאַנעל סטריט האָט זי געזעהן ווי אַ האַלב בלינדער אַלטער מאַן וויל אריבערגעהן די גאַס און איז אין געפאַהר דער'הרג'עט צו ווערען פון אַ קאַר אָדער אויטאָמאָביל. איז זי זיך מיישב, לויפט צו צום אַלטען, נעמט איהם אָן פאַר דער האַנט און זאָגט: „פּאָטערל, קום, איכ'ל דיר אריבערפיהרען.“ אַז דער אַלטער הויבט אַן ציטערען מיט אַלע אברים, הויבט אויף זיין שטעקען און שרייט

אוים: „אַוועק! אַוועק! דו חצופה, דו נקבה! אַוועק פון מיר, ווער דענקסטו בין איך?...“

מיין בעל טובה האָט זיך האַרציג צעלאַכט פון דער געשיכטע מיט דעם אַלטען וואָס ליידעט אויך פון אַ „קאָמפּלעקס“.

די מוזיקאַנטען האָבען זיך גענומען באַווייזען אויף דער פּלאַט־פאָרמע און אָנגעהויבען פאַרנעמען זייערע פּלעצער און אָנשטעלען די אינסטרומענטען. איך האָב אַרויסגענומען מיין פּעקעל סיגאַרעטס, טראַקטירט מיין נייעם פריינט מיט אַ סיגאַרעטעל, אַליין פאַרויכערט און זיך פאַרטיג געמאַכט צו עמפּפאַנגען דעם דיריגענט וואָס וועט באַלד אַרויסקומען און שפּילען בעטהאָווען'ס זיבעטע סימפאָניע.

— איך האָב ערשט ניט לאַנג צוריק געלייענט — זאָג איך צו דעם יונגענמאַן—אַ קורצע ביאָגראַפישע סקיצע איבער בעטהאָווען'ס העכסט טראַגישען לעבען — הונגער, נויט, קראַנקהייט און פאַל־שטענדיגע טויבקייט, און איך קען זיך ניט ערקלערען, צי דאָס איז דוקא דערפאַר וואָס ער האָט אַזויפיל געליטען, האָט ער פאַרפאַסט אַזעלכע געטליכע טענער און אומשטערבליכע מעלאָדיען, אָדער טראָץ זיינע איבערמענשליכע ליידען איז איהם געלונגען צו שאַפען אַזעלכע מאָנומענטאַלע ווערק?

דער קאָנדאַקטאָר איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע אין זיינע וויסע הויזען און שוואַרצען קורצען רעקעל. מיט אַ מאַך פון זיין באַטאָן האָבען זיך גענומען גיסען אויף'ן האַרצען און נשמה טענער וואָס האָבען די קראַפט פון כשוף און וואָס טראָגען דיך אַוועק אין אַן אַנדער וועלט — אַ וועלט פון וועלכער דו קומסט זעהר אומגערן צוריק...

ווען די זיבעטע סימפאָניע איז געווען צו ענדע און איך בין געבליבען זיצען אַ פאַר'כשופ'טער קוקענדיג אויף מיין שכן און איהם ניט געזעהן, האָט מיך פּלוצלינג זיין קול אויפגעוועקט, און איך הער ווי ער זאָגט צו מיר, צורוקענדיג זיין בענקעל גאַנץ נאָ־הענט צו מיינעם, וויל דער עולם אַרום אונז האָט גענומען היפּשלעך טומלען: „איהר ווייסט, מאַכט ער, אַז מיר לעבען איצט אין אַ זעהר מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.“

— וואָס מיינט איהר צו זאָגען?

— איך מיין אָט וואָס: אין די צייטען פאַר דער וועלט־

מלחמה האבען מענשען געהאט צוטרויען איינער צום צווייטען.

איך קוק אויף דעם יונגענמאן און זעה, אז ער איז גאר ניט אזוי יונג ווי ער האט אויסגעזעהן אויפ'ן ערשטען בליק, און איך זעה, אז עס שפרינגט ארום אויף זיין הארטען פנים א באהאלטע־נער שרעק, און איך קען ניט פארשטעהן ווי אזוי בעטהאווענ'ס סימפאניע האט געקענט ביי איהם ארויסרופען אט די דאזיגע מאדנע געדאנקען וואס ער האט מיר נאר וואס געזאגט. און איך טראכט מיר, ווער ווייס, אפשר ליידעט ער אויך פון עפעס א קאמפלעקס?

און איך פרעג איהם: האט בעטהאווענ'ס סימפאניע ארויס־גערופען ביי אייך אט די געדאנקען?

— וועל — זאגט ער — יעס! איך האב געטראכט: ווי קומט דאס וואס די מוזיק פונקט ווי די רעליגיע אדער די שעהנע און גרויסע הומאניטערע אידעאלען איבען אויס אזא קליינעם איינפלוס אויף דעם מענשענס נשמה, צו מאכען איהם בעסער, מענשליכער?

— אט זיצען טויזענטער מענשען און ווערען פאר'שיכור'ט פון מוזיק, פונקט ווי אנדערע ווערען פאר'שיכור'ט פון וויין, ביר, שנאפס, קארטען אדער ווייבער. ס'איז א תאוה, א ליידענשאפט, מעהר גאר ניט!

און ווידער שטעל איך אן אויף איהם מיינע אויגען און באַ־טראכט איהם, אבער ער שטעלט זיך פלוצלינג אויף, דערלאנגט מיר די האנט און ענטשולדיגט זיך. ער מוז שוין געהן. די צווייטע העלפט פון פראגראם אינטערעסירט איהם ניט. אגב האט ער אן אפאינטמענט מיט אימעצען אויף 10 אזייגער.

איך דריק זיין האנט און דאנק איהם פאר זיין גוטסקייט נאך אמאל, און ער פארשווינדט צווישען די טויזענטער מענשען.

ווער זאל דאס זיין אט דער מאדנער מענש, טראכט איך? און פארוואס האב איך ניט געפרעגט ווי הייסט ער, וואס ער טוט?

איך רוף צו דאס אינגעל וואס טראגט ארום סאדע וואסער און נעהם ביי איהם א פלעשעל און שטעק אריין די האנט אין קעשענע

— די קעשענע איז אויסגעליידיגט ביז א פעני.

וויפיל ער האט ארויסגענומען? ש־ש־ש, איך וויל ניט מיין ווייב זאל וויסען...

אַנטקעגן דער זון

איך זיץ אויפ'ן דאַך פון דעם גרויסען טענעמענט הויז וואו איך וואוין און וואַרים זיך די אַלטע קראַנקע ביינער אנטקעגען דער זון, וועלכע גלעט און צערטעלט מיך ווי א געטרייע מאַמע, און איך פיהל, אַז בּיסלעכווייס טרייבּט זי אַרויס פון מיין קראַנקען מוח די פינסטערע זעלבסטמאָרד געדאַנקען.

אַרום מיר ביי מיינע פיס ליגען אָנגעוואָרפען צייטונגען און זשורנאַלען וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען אין די דריי וואָכען וואָס איך בין געלעגען קראַנק און ניט געקענט לייענען (און איך מוז איצט דעריאָגען די דריי וואָכען). אַרום מיר זשומעט און עס טור־מעלט; עס קלאַפּט און ס'רוישט דער ניו יאָרקער מענשען ים — אַט לויפען פאַרביי פייער־וועגענער מיט א געפּילדער.

אָבער דאָ אויפ'ן דאַך איז שטיל און געמיטליך, און די הערבּסט זון איז היינט ליבּליך און פרייגעביג, און אנטקעגען מיר בּליאַסקעט א לאַנגע שורה שניי־ווייסע וועש, וואָס א ציכטיגע בּאַלעבּאָסטע האָט אויסגעהאַנגען. דאָס ווייכע, זיידענע ווינטעלע שפּילט זיך מיט דער וועש און מאַכט די אַרבּעל צום טאַנצען. דער ווינטעל ווערט שטאַרקער און די שורה ווייסע העמדער הויבּט זיך אָן וויגען און דאָס דינע שטריקעל קנאַקט און קרעכצעט. אָט, אָט רייסט זיך עס איבּער און דאָס ווייס־שעמערירענדע וועש וועט זיך וואַלגערען אין שטויב. און מיר ווייזט זיך אויס, אַז דאָס הוידען זיך פון די העמדער האָט זיי פאַלובּעט, זיי פאַר'שכור'ט, און זיי רייסען זיך פון דער שטריק. מיר דוכט זיך, אַז איך הער דאָס לאַנגע נאַכט־העמד, וואָס וואַרפט אַזוי ווילד מיט די אַרבּעל, שרייען: „רייסט, חברים! רייסט די טיראַנישע שטריק! לאָמיר זיך בּאַפרייען פון אונזער „שקלאַפערייי" און לאָמיר פליהען אנטקעגען דער זון, אנט־קעגען דער גאָלדענער זון!"

איך הויב אויף א צייטונג און מיין אויג פאַלט אויף „פּאָגראָ־מען אין פּאַלעסטינע". דער וואָרט „פּאָגראָם" איז פאר מיר ניט קיין פּוסטער וואָרט, ווי למשל, פאר אונזערע אמעריקאנער קינדער, וואָס האָבען אזא טראַגעדיע ניט געזעהן און ניט איבערגעלעבט. איך לאָז אראָפּ די צייטונג און מיין בליק וואנדערט אוועק ווייט, איבער דעם האָדסאָן, איבער די פּאַליסאדען, צו מיין געבורט־שטע־טעל, וואו איך האָב איבערגעלעבט א בלוטיגען פּאָגראָם.

ניין, איך וויל איצט ניט לייענען פון פּאָגראָמען. מיין „בראָנ־קיטים" האָט אויף מיר געמאַכט א פּאָגראָם... און איך זיץ איצט קוים א לעבעדיגער אויפ'ן דאַך און וואַרים זיך אנטקעגען דער זון, וויל איך לייענען עפּעס וואָס זאָל מיך צעשטרייען און אויפמונטערען, אָדער לאָמיך בעסער גאָר ניט לייענען, זיצען מיט פארמאַכטע אויגען און זיך לאָזען גלעטען פון דעם זיסען ווינטעלע און דער ליבער זון.

וואָס קומט איבערהויפּט ארויס פון לייענען די ראַדיקאַלע אי־דישע שריפטען? מעהר ניט ווי הארצוועהטאָג און מוח־צעטומלע־ניש.

— אָט — טראַכט איך — פּייערט די וועלט דעם גאָלדענעם יובילעי פון טאָמאַס עדיסאָן. ער האָט מיט 50 יאָהר צוריק ערפונדען און אָנגעצונדען אן עלעקטרישען לעמפּעל. אָט דאָס לעמפּעל האָט ניט נאָר ליכטיג געמאַכט אַלע ווינקעלעך אויף דער ערד, נאָר האָט געפיהרט צו ווייטערע ערפינדונגען, וואָס האָבען גרינגער געמאַכט די ארבייט און באַקוועמער געמאַכט דאָס לעבען בכלל.

אביסעל שפּעטער איז געקומען קאַרל מאַרקס און האָט אויך אָנגעצונדען א ליכטעל. מיט אָט דעם ליכטעל האָבען זיך גענומען פּאַרען רוסישע קאַליקע־באַלמעלאָכעס און זיי האָבען פארשפּרייט א טשאַד און א געשטאַנק פון וועלכען מ'ווערט דערשטיקט.

איך האָב געהאַלטען ביים איינשלאָפען ווען איך האָב דער־הערט עפּעס אן אינזעקט זשומען אין מיינע אויערען. איך עפען די אויגען און זעה א גרויסען זשוק דרעהען זיך ארום מיר, ווי ער וואָלט מיך באַטראַכט פון אלע זייטען. דאַן האָט ער זיך א מידער אראָפּגעלאָזט און געבליבען זיצען אויפ'ן שפּיץ פון מיין רעכטען שוך. אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך איהם אפשר אראָפּגעשאָקעלט; איצט אָבער זיץ איך מאַכטלאָז און טראַכט: אָט זאָל ער זיצען,

וועמען אַרט עס? אפשר איז ער אויך לעבענס־מיד און טראַכט פון זעלבסטמאָרד? ווער קאָן וויסען?

זיץ איך און באַטראַכט דעם בחור וואָס ליגט זיך רוהיג אויף מיין שוך און גראַבעלט איהם מיט זיינע לאַנגע גאָלדענע הערנער, וואָס גלאַנצען אנטקעגען דער זון ווי צוויי בלאַנקע שפּיזען.

איך בויג זיך צו אים אָן און פרעג איהם:

— זאָג מיר נאָר, ליבער אינזעקט, וואָס איז דיין מיינונג וועגען זעלבסטמאָרד — איז דאָס טאַקע א פאַרברעכען?

ער האָט אויפגעהערט ארבייטען מיט די שפּיזען, זיך אויסגעדרעהט אויף א זייט און געבליבען ליגען באַוועגלאָז.

— וואָס־זשע — טראַכט איך — מיינט ער דערמיט מיר צו זאָגען, אז ווען איינער וויל שטאַרבען, לייגט ער זיך אוועק און שטאַרבט, ניט פרעגענדיג ביי קיינעם צי עס איז יאָ אָדער ניט א פאַרברעכען? אָדער אפשר האָט ער זיך אויסגעדרעהט אומיסנע, כדי ער זאָל קענען בעסער הערען וואָס איך רייד צו איהם?

איך באַשליס אז אזוי איז דאָס און איך רייד ווייטער צו איהם:

— פאַרשטעהסטו — זאָג איך — ליבער אינזעקט, מיר איז נמאס געוואָרען דאָס לעבען, ווייל ס'האָט מיך אָפּגענאַרט פון קאָפּ ביז די פּיס, אָפּגענאַרט טראָץ דעם וואָס כ'האָב פון לעבען פיעל ניט פאַרלאַנגט, און איך בין געוואָרען א מענשען־פיינד, א מיזאַנטראָפּ, פאַרשטעהסטו וואָס איך רייד צו דיר?

— איך בין צופרידען געווען א גאַנצען לעבען שווער צו ארבייטען, כדי אויף דער עלטער זאָל איך קאָנען זיצען רוהיג און לייענען א גוטען בוך, הערען גוטע מוזיק, און זיך וואַרעמען אנטקעגען דער זון. איז דאָס א סך פאַרלאַנגט? איך פרעג דיך, ליבער אינזעקט, איז דאָס פיעל פאַרלאַנגט?

— איצט, אז איך וויל לייענען א בוך, טוען די אויגען וועה און איך זעה ניט! ווייל איך הערען מוזיק, רוישט מיר אין קאָפּ און איך הער ניט! ווייל איך עפּעס עסען האָב איך קיין ציין ניט און דער מאָגען וויל ניט פאַרדייען! ווייל איך א שפּיי טאָן דעם לעבען אין פּנים אריין — קומען צו געהן מענשען און שרייען, אז מען טאָר ניט. ס'איז א פאַרברעכען, זאָגען זיי, צו באַגעהן א מאָרד — אויף

יענעם אָדער אויף זיך. מאָרד איז מאָרד, זאָגן זיי, די מענטשן. וואָס זאָגסטו, ליבער אינזעקט? דו ביזט דאָך ניט קיין מענטש.

איך ווייס ניט צי דער געררויש פון אַ פליה־מאַשין, וואָס איז נאָר וואָס פאַרבייגעפלויגן האָט דעם אינזעקט איבערגעשראָקן, צי מיינע רייד האָבן איהם בייז געמאַכט, נאָר ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך אַוועקגעלאָזט אַנטקעגן דער זון.

איך בין געבליבן זיצן און מיט די אויגן נאָכגעפאָלגט די גליקליכע באַשעפעניש וואָס איז ניט צוגעשמידט צו דער ערד. דאָס זיידן ווינטעלע איז געוואָרן קיהלער און שאַרפער. און די זון האָט זיך גענומען איילן אַהיים, אַזוי שנעל ווי זי איז צוגעקומען צום באַרג. און מיינע האַלב בלינדע אויגן קוקן אָנגעשטריינגט אויף דער גרויסער זילבערנער פליה־מאַשין און אויף דעם קליינעם גאָלדענעם אינזעקט וואָס יאָגן זיך אַנטקעגן דער זון...

אַ מעשה מיט אַן אָרים אינגעל

דער „קאָלומביאַ קאָלעדזש" איז ניט בלויז דער גרויסער קוואַל פון חכמה און וויסען. אז עס קומט דער ליבער, ליכטיגער זומער, ווערט דער גרויסער גרינער גאָרטען, וואָס רינגעלט ארום די פרעכטיגע געביידעס פון דעם קאָלעדזש, פאַרוואַנדעלט אין אַן אָפענעם קאָנצערט זאַל. אהין שטראָמען עס יעדען אָווענט טויזענדער מענשען, כדי צו קוויקען זיך מיט די טענער פון דעם אָרקעסטער. הגם די קאָנצערטען ווערען געגעבען פריי פאַר אַלע גליקליכע איינוואוינער פון גרייטער ניו יאָרק — פונדעסטוועגען מוז יעדער באַזוכער פון אָט די קאָנצערטען זיך פאַרשאַפען א בילעט, וואָס ער קריגט צוגעשיקט פריי און מוז ווייזען דעם וועכטער ביי דעם טויער פון אריינגאַנג.

נו, איז דאַכט זיך אַלץ גוט און פיין, און א מענש דאַרף זיך שעצען גליקליך וואָס ער איז א „סיטיזען" פון אַזאַ פרייער, גלאָררייכער מדינה.

העלפט גאָט, און איך געה אין א שעהנעם אָווענט צו איינעם פון די קאָנצערטען און איך זעה אַזאַ מין סצענע:

ניט ווייט פון טויער, דורך וועלכען עס שטראָמען מאַסען מענשען מיט די ווייסע בילעטען אין די הענט, שטעהט א אינגעלע פון א יאָהר צוועלף, מיט רויטע האָר און גרויסע ליכטיגע בלויע אויגען.

די רויטע האָר זיינען נאָס און צוגעקלעפט צום גרויסען שטערען ווי מיט קליי. אויפ'ן שפיץ קעפעל ליגט א קליין, אַלט, צעריסען היטעלע; ער טראָגט גרויסע מענערשע הויזען. די שוואַרצע זאָקען זיינען דורכגעלעכערט — פונקט ווי אימעצער וואָלט אין זיי פון א ביקס געשאָסען, — דערפאַר איז דאָס רעקעל אויף איהם גאַנץ פון פאָרענט, — מעהר ניט פון אונטען איז דער רעכטער אַרבעל האַלב אָפגעריסען.

אין אַלגעמיין איז קענטיג אז דער אינגעל האָט געטאָן אַלץ

מעגליכע, כדי אויסצוזעהן יום־טוב׳דיג... און אויב עס איז איהם ניט געלונגען, איז דאָס זיכער ניט זיין שולד!

דער דאָזיגער אינגעלע האָט גע׳חלש׳ט אריינצוגעהן אינווענינג און זיך אַוועקזעצען אַזוי נאָהענט צום אָרקעסטער ווי נאָר מעגליך, כדי זיך איינהערען צו דער מוזיק, וואָס פליסט ארויס פון די אַלערליי קליינע און גרויסע גאָלדענע און זילבערנע בלאָז־אינסטרומענטען. ער האָט געוואָלט זעהן, ווי דער דיריגענט אין זיין ווייסען מונדיר שטעהט און קאָמאַנדעוועט מיט זיין צויבער־שטעקעלע איבער די מוזיקאַנטען, און טוט מיט זיי וואָס ער וויל.

שטעהט דאָס אינגעלע לעבען טויער, האַלטענדיג אַ טיקעט אין האַנט (וואו ער האָט דעם בילעט באַקומען איז שווער צו וויסען, — צי האָט ער איהם געפונען לעבען טויער אָדער ביי אימעצען אויסגעבעטען ?).

ער וואַרפט פאַר׳גנב׳עטע בליקען צו דעם וועכטער, וואָס באַקוקט די בילעטען. עס איז קענטיג, אז ער צווייפעלט, אויב דער וועכטער וועט איהם אריינלאָזען. און ער וואַרט אויף אַ גינסטיגען מאָמענט ווען ער זאָל קענען זיך אריינכאַפען אומבאמערקט. דער מאָמענט איז טאַקע געקומען. אַ גרויסע קאָמפּאַניע מענער און פרויען האָט כמעט פאַרבלאָקירט דעם טויער, — דער בחור׳ל האָט זיך נערוועז ארומגעקוקט, אַרָאָפּגעכאַפּט שנעל דאָס אַלטע העטקעלע פון קאָפּ, אַ טאַפּ געטאָן די נאַסע האָר, צי זיי ליגען נאָך צוגעקלעפּט צום שטערען און מיט׳ן בילעט אין האַנט זיך אַ לאָז געטאָן צווישען צוויי הויכע מענער, וואָס ער האָט געהאָפט, אז זיי וועלען פאַרשטעלען פון וועכטער׳ס אויג זיינע צעריסענע מלבושים,

דער וועכטער וואָלט אָבער ניט געווען ווירדיג פאַר זיין אמט, ווען ער וואָלט דעם אַריסטאָקראַטישען פּלאַץ ניט אָפּגעהיט פון אַזעלכע אומגעווינשטע געסט. ער האָט דעם „שרעקליכען פאַרברעכער“ אַ כאַפּ געטאָן פאַר׳ן פּלייצע און איהם צוריקגעשטויסען.

דאָס אינגעלע האָט זיך שנעל אַ דרעה געטאָן הינטער׳ן טויער און זיך באַהאַלטען, כדי קיינער זאָל ניט קענען זעהן ווי עס ברענט איהם פון שאַנד און וועהטאָג זיין דאַרער קלייענדיגער פּנים.

קיינער האָט אָבער סיי־ווי די דאָזיגע סצענע ניט באַמערקט, סיידען, אפשר, די מיליאָנען ווייטע, פינקעלדיגע שטערענדלעך...

דער פרייער ווילען

אַט דאַ, ניט לאַנג צוריק, האָט מיך אַ ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע איינגעלאַדען צו האַלטען אַ פאָרטראַג איבער דער טעמע: „צי האָט דער מענש אַ פרייען ווילען?"

די קאָמיטע, וואָס איז געקומען מיך איינלאַדען, האָט געוויס באמערקט אַן איראָנישען שמייכעל אויף מיינע ליפען בעת זיי האָבען מיר געזאָגט די טעמע איבער וועלכער איך זאָל רעדען.

ראַדיקאַלע מענשען הויבען שוין אָן צו צווייפלען צי דער מענש האָט אַ פרייען ווילען? אַ שעהנע זאַך וואָלט דאָס געווען, ווען מיר זאָלען ניט גלויבען. גלויבען? ווי פּאַסט גאָר דאָ דאָס וואָרט גלויבען? מיר זיינען פּעסט איבערצייגט, אַז ניט נאָר זיינען מיר די הערשער איבער אונזער ווילען, צו קירעווען אונזער אייגען לעבען אין וועלכער ריכטונג מיר ווילען, נאָר מיר האָבען דאָך אויסגעאַרבייט אַ העכסט וויסענשאַפטליכען פּלאַן ווי אַזוי איינצואָרדענען דאָס לעבען פון אַ גאַנצער וועלט מיט מענשען. אַ פּלאַן ווי אַזוי אָפּצושאַפען שקלאַפעריי, ברוטאַליטעט און אומגערעכטיגקייט און איינפיהרען אמת, יושר און אייביגען פרידען — טאָ וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו שטעלען אַזאַ קלאָץ-קשיא: צי האָט דער מענש אַ פרייען ווילען?

אָבער טראָץ דעם וואָס איך האָב געהאַלטען די פראַגע פאַר אַ נאַרישע, האָב איך דאָך אָנגענומען די איינלאַדונג.

איך האָב געטראַכט: וואָס קען עס שאַדען נאָכאַמאָל זיך דורכצורעדען מיט מענשען, זיי באַווייזען מיט פאַקטען דעם געוואַלדיגען פאָרשריט וואָס די מענשהייט האָט געמאַכט פון זינט דער מענש האָט אָנגעהויבען באַנוצען זיין פרייען ווילען?

אחוץ מיינע לאָגישע און וויסענשאַפטליכע באַווייזען, ווען איהר ווייסט דעם כוח פון שעהן רעדען און דעם כשוף פון באגייס-

טערונג, פון רעדען מיט הארץ, מיט פייער — דאן ווייסט איהר אז דער גרויסער עולם וועט אייך באלוינען מיט הילכיגען אפלאוז.

און אזוי איז טאקע געווען. איך האב זיך אליין איבערטראפען מיט מיינע אומבאשטרייטבארע באווייזען, אז דער מענש באהערשט פאלקאם זיינע געפיהלען, זיינע עמאציעס און זיינע לעבענס־פלענער.

איך בין בלויז א קליין ביסעל געשטערט געווארען אין מיין רעדען פון עפעס א מאהנעם יונגענמאן, וואס איז געזעסען פונקט אנטקעגען מיר אויף דער ערשטער באנק און געשטשירעט די צייהן מיר גלייך אין פנים אריין.

צייטענווייז פלעגען זיך זיינע לאנגע הענט צונויפדריקען אין פויסטען, זיינע אויגען האבען געברענט, די גרויסע קוטשמע שווארצע האר איז געווען צעפאטעלט, און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז אט־אט שפרינגט ער ארויף אויף דער פלאטפארם און דער׳הרג׳עט מיך.

איך האב געוואלט ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דעם פאר־זיצער אויף אט דעם „מאדנעם סוביעקט", אבער דער פארזיצער האט אזוי געשמאק געבראפעט, אז איך האב קיין הארץ ניט געהאט איהם אויפצואוועקען. אגב האבען טאקע א היבש ביסעל פון „פוב־ליקום" איהם מיטגעהאלפען כראפען אויף פארשיידענע טענער, מאנכע מיט א פייפעל, אנדערע מיט א באנדורע — אזוי אז צו מיין באריטאן שטים האט דאס צוגעגעבען א מוזיקאלישע אבליגאטא, וואס איז געווען מלא חן...

בקיצור, איך האב געענדיגט מיין רעדע מיט גרוים בייפאל— די הילכיגע אפלאדיסמענטען האבען פארקלונגען דעם זאל און אויפגעוועקט די פאר טוץ שלאפענדע פרויען „פוןביידע געשלעכ־טער", וועלכע האבען זיך אויך געכאפט אפלאדירען מיט אלע כחות. קיין פראגען־שטעלער האב איך, גאט צו דאנקען, ניט געהאט; ווארים, וויסען זאלט איהר, איך רייד אלעמאל אזוי קלאר און דייט־ליך, און צו יעדען געדאנק, וואס איך ברייננ ארויס, טראג איך צו אזעלכע אומבאשטרייטבארע פאקטען, אז דער עולם האט פשוט ניט וואס צו פרעגען...

נאטירליך, עס געפינט זיך אלעמאל צווישען עולם איינער

אָדער צוויי. וואָס וויל ווייזען אַז ער איז א „סמאַרט עליק" און ער האָלט א גאַנצע רעדע וועגען א פראַגע וואָס האָט אַזאַ שייכות צו מיין טעמע ווי — וואָס זאָל איך אייך זאָגען? ווי — געזונט צו גערעכטיגקייט. און, דעם אמת געזאָגט, האָט זיך מיין הארץ גע־שראָקען פאַר דעם צעפּלאָמטען יונגענמאַן מיט די צעשויבערטע האָר, וואָס איז געזעסען פּונקט אַנטקעגען מיר און געקריצט אויף מיר מיט די ציינער.

איך בין אָבער געווען אָנגענעהם איבערראַשט, ווען דער יונ־גערמאַן האָט זיך, באַלד נאָך מיין לעקציע, מיט כעס א הויב געטאָן פון בענקעל און איז דעמאָנסטראַטיוו אַרויס פון זאַל — בעת די איבעריגע האָבען מיך אַרומגערינגעלט און געדריקט די האַנט... און מיר באַדאַנקט פאַר מיין באַלערנדער רעדע...

ענדליך בין איך אַרויס אין גאַס אויף דער פרישער לופט, וואָס האָט אַזוי ווי א באַלזאַם באַרוהיגט מיינע נערוועז. דער לויטערער הימעל איז געווען באַשאָטען מיט ליכטיגע, בלישטשענדיגע שטע־רענדלעך, און די שטילקייט פון דער שפּעטער שטונדע איז איבער־געריסען געוואָרען פון דעם שאַרפען, ווילדען, נערווען־דערשיטע־רענדען פייפען פון אַן אַמבולאַנס־אויטאָמאָביל.

פּלוצלינג דערפיהל איך ווי אימיצער געהט הינטער מיר מיט שנעלע טריט. און איידער איך האָב געהאַט צייט זיך אויסצודרע־הען — כאַפּט מען מיך אָן ביים קאָלנער מיט א שווערע, אייזער־נער האַנט און א שטים, וואָס איז אַזש הייזעריג פון כעס, שיפּעט אַרויס מיר גלייך אין פּנים אריין:

— פרייער ווילען, זאָגט איהר? פרייער ווילען! האַ?!!

מיר איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איך האָב דער־קענט דעם יונגענמאַן וואָס איז געזעסען אַנטקעגען מיר. גאָט מיי־נער, מיר דאַכט אַז ער איז א משוגע'נער — איך בין קאַפּוט. ער וועט מיך דער'הרג'ענען!

נעהם איך זיך אָן מיט הארץ און זאָג צו איהם:

— הערט זיך איין, יונגערמאַן; אויב איהר זייט מיט מיר ניט איינפאַרשטאַנען וועגען דער פראַגע פון „פרייען ווילען", און איהר ווילט מיט מיר דעבאַטירען, טאָ לאָזט מיך אָפּ און מיר'ן אריינגעהן אין א רעסטאָראַן אָדער א „ספּיק איזי" (וואָס איז, דאַכט זיך מיר,

איך א מאַניפעסטאַציע פון דעם „פרייען ווילען"...) און מיר'ן דעבאַטירען.

אָבער דער יונגערמאַן האַלט מיך פעסט ביים קאָלנער און שרייט אוים:

— מיט איך דעבאַטירען? איך וויל אייך נאָר זאָגען, אז איהר זייט א געמיינער ליגנער און מיאוס'ער לומפּ, ווען איהר געהט איינרעדען אַן עולם מענשען, אז ס'איז דאָ אזא זאַך ווי פרייער ווילען!...

— א פרייער ווילען — שיסט ער אוים מיט א ווילדען געלעכ־טער, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין דער שטילער נאַכט אזוי ווי א סטאַדע היענעס וואָלטען זיך צעוואָיעט —

— אָט זעץ איך זיך אוועק ביים קאָרטען־טיש מיט א פעסטען באשלוס, אז מעהר ווי 5 דאָלאַר זאָל איך ניט פאַרשפּילען — און איך געה אוועק אָן א פעני אין קעשענע. האָט איהר נאָך די חוצפּה צו רעדען פון פרייען ווילען?

— דריי מאָל איז מיין ווייב אנטלאָפען מיט באָרדערס, און יעדעס מאָל וואָס זי איז צוריק געקומען — וואָס זאָג איך צוריק־געקומען? — בין איך, אידיאָט, ניט אליין געגאַנגען און געפּאַלען צו איהרע פיס און זיך ביי איהר געבעטען זי זאָל געהן אַהיים צו די קינדער? — נו, פרעג איך אייך, ווייסט איהר וואָס איהר רעדט ווען איהר שטעלט זיך פּלאַפּלען וועגען „פרייען ווילען"?

— איך רייד שוין ניט פון דעם, וואָס איך ליג אָפּ גאַנצע נעכט און הוסט — און דער דאָקטאָר האָט מיר אויסדריקליך געזאָגט, אז דאָס איז פון מיין פאַרדאַמטען ציגאַרעטעל — ווילט איהר מיר איינרעדען אז ס'איז דאָ א פרייער ווילען אויף דער וועלט?

דער יונגערמאַן האָט זיך אביסעל בארוהיגט, האָט אראָפּגע־נומען די שווערע לאַפּע פון מיין קאָלנער און, סטראַשענדיג מיט א פינגער מיר גלייך אין פּנים אריין, געזאָגט מיט א רוהיגען טאָן:

— אייער גליק וואָס ס'איז ניטאָ קיין „פרייער ווילען", זאָנסט וואָלט איך אייך געוועזן אָנגעבראָכען די ביינער, אזוי אז איהר וואָלט פאַרזאָגט א צעהנטען ניט צו פּלאַפּלען קיין נארישקייטען...

דאַן האָט ער זיך גאַנץ העפליך פאַרנייגט, געזאָגט „גוט נייט" — און איז פאַרשוואונדען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

די בלוטלאָזע רעוואָלוציע

דער פּאַרדאַמטער טעלעפאָן האָט מיך אויפגעריסען פון מיין טיפסטען שלאָף. איך בין אויפגעשטאַנען ווי אַן אונטערגעשאָסע־נער און אַ כאַפּ געטאָן דאָס טרייבעל צום אויער.

— העלאָו! העלאָו! ווער איז דאָרט? וועלכער שוואַרץ־יאָהר וועקט דאָס מיך אין מיטען נאַכט?

— דאָס זייט איהר, גרינפעלד?

— יעס, יעס, דאָס בין איך. ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך, איך, פייערבאַך. טוט זיך אָן וואָס שנעלער! קומט גלייך צו דער אָלימפּיק אַרענאַ — ס'האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע! מזל טוב אונז! קומט שוין. מען האָט אַרעסטירט אַלע פאָלקס־פאַרפיהרער און בלוטזויגער. עס ווערט דאָ אָפּגעהאַל־טען די ערשטע פאָלקס־פאַרזאַמלונג, וואו מען וועט משפט'ן די פאָלקס־פיינד... מאַכט עס שנעל! די סאָלדאַטען, מאַטראָזען און לופט־פליער זיינען מיט'ן פאָלק. הוררא! גוד־ביי! קומט שנעל!

מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען האָב איך אויפגעהאַנגען דאָס טרייבעל. אַלזאָ, הייסט עס, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע! עס האָט שוין געשלאָגען די שעה. דער קאַפּיטאַליזם שטאַרבט! זיין הער־שאַפט איז געענדיגט. עס איז געקומען דער היסטאָרישער מאָ־מענט, ווען אַן אַלטע, צעפוילטע וועלט־אָרדענונג שטאַרבט אָפּ און אַ נייע ווערט געבוירען. עס נעהמט אַ סוף צו די שרעקליכע ליידען, הונגער און נויט פון אומצעהליגע מיליאָנען מענשען. די אָנקו־מענדיגע רעוואָלוציע, וואָס אַלע מענשען האָבען שוין דערזעהן און דערפיהלט, האָט די מענשען אָנגעפילט מיט נייעם מוט, פרישען לעבענס־כח און באַגייסטערונג צו לעבען און קעמפען פאַר יושר, ברידערליכקייט, פרייהייט! — אנשטאָט דער מענש זאָל בויען זיין

גליק אויפ'ן אומגליק פון זיין ברודער, וועט פון היינט אָן דער מענש בויען זיין גליק אין קאָאָפּעראַציע מיט זיין ברודער!

דאָס פאָלק, וועמען די הערשער און פּאַראַזיטען האָבען אַלע יאָהרען באַטראַכט פאַר א נאַריש, הילפלאָז קינד, און איהם אַזוי שענדליך עקספּלואַטירט און געדריקט — אָט דאָס פאָלק האָט ענד־ליך דערוואַכט, זיך א טרייסעל געטאָן. און אָט זיינען שוין אַרעס־טירט אַלע פאָלקס־פיינד און מען קלייבט זיך זיי שוין משפּט'ן! און אין דער הייסער מינוט וועט מען זיי אַלעמען פאַראורטיילען צום טויט. דאָס מיינט, אַז מיר וועלען ווידערהאָלען דיזעלבע טעות'ן, דיזעלבע פעהלערען און דיזעלבע פאַרברעכענס וואָס עס האָבען באַגאַנגען די רעוואָלוציאָנערען פון דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס מיינט, אַז מיר האָבען גאָרנישט געלערענט און גאָרנישט פאַר־געסען.

דאָס טאָר ניט געשעהן. איך מוז לויפען וואָס שנעלער און נעמען דאָס וואָרט... איך וועל אַפּעלירען צו די בעסערע, מענשלי־כערע אינסטינקטען פון פאָלק... ספּעציעל אויב ס'איז אמת, אַז די באַוואָפענטע מאַכט איז איבערגעגאַנגען צום פאָלק — גאָט מיי־נער — טאָ צו וואָס פאַרגיסען מענשליך בלוט? וואָס וועט פון דעם אימעצען עפּעס ארויסקומען?

* * *

ווען איך בין ארויף אויף דער פּלאַטפאָרם פון דעם ריזיג גרוי־סען אָלימפּיק, בין איך צעמישט געוואָרען פון דעם מענשען־ים וואָס איז דאָרט געווען פאַרזאַמעלט.

אויף דער פּלאַטפאָרם זיינען געזעסען אַרעסטירטע פאָלקס־פיינד, צווישען וועלכע איך האָב דערקענט אייניגע, מיר באַקאַנטע פּנים'ער.

אָט זיצט הערבערט הואָווער — מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ — זיין פּנים איז געל ווי וואַקס.

אָט זיצט וויליאַם ראַנדאָלף הוירסט. זיינע גרויסע קעלבערנע אויגען זיינען צום טויט דערשראָקען. אָט איז דזשימי וואָקער, הע־מילטאָן פיש, סענאַטאָר העפלין און הונדערטער אַנדערע.

די אַרענאַ איז באַגאָסען מיט א ים עלעקטרישע ליכט. אין פראָנט פון גרויסע עמפּליפייערס, וואָס זיינען צעשטעלט אין אַלע

זייטען פון דער ארענא, שטעהט מאָסיע אָלדזשין, אָהן א ראָק, מיט פארקאַטשעטע ארבעל און ער שיט מיט פייער און פלאַם אויף די אנגעקלאָגטע פאָלקס־פיינד.

ער רעכענט אויס זייערע פארברעכענס — איינע נאָך די אנ־דערע — און ער וועקט ביים פאָלק דאָס ראכע־געפיהל. ער זוכט אנצוצינדען ביים פאָלק דאָס בייז־בלוט; ער באדויערט, וואָס מעהר ווי איין מאָל קאָנען די פאָלקס־פאררעטער ניט שטארבען. ער פאָדערט די אינסטרומענטען פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, און ער פארלאַנגט דעם ארעסט פון — אב. קאהאן, וועלכען ער באַ־טראַכט אלס דעם גרעסטען פון אלע פאררעטער!!!

גליקליכערווייזע ווערט דאָס פאָלק ניט היגנעריסען פון מאָסיע אָלדזשינ'ס ווילדע פראַזען, נאָר דאָ און דאָרטען הערט זיך אָן אפּלאָוז פון עטליכע היץ־קעפּ. אָבער דער גרויסער מענשען־ים בלייבט קאַלט און גלייכגילטיג, און פליסטערט עפּעס שטילערהייט, אזוי ווי די ים־כוואַליעס וואָס וויגען זיך רוהיג און ריטמיש גע־לאַסען.

ענדליך גערהט ער אראָפּ פון פּלאַטפאָרם און איך קריג דאָס וואָרט.

און איך זאָג:

„ברידער און שוועסטער!

„עס איז געקומען דער גרויסער היסטאָרישער מאָמענט! מיר שטעהען אויף דער שוועל פון דער גרעסטער רעוואָלוציע וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן! און עס ווענדט זיך אָן אונז, צי וועלען מיר געהן ווייטער אויפ'ן וועג פון פראָגרעס און ציוויליזאַ־ציע, צי זאָלען מיר אָפּהיטען די גרויסע קולטור־אוצרות, וואָס דער מענשליכער זשעניע האָט געשאַפען, צי זאָלען מיר הייליג האַלטען דאָס מענשליכע לעבען, — אָדער זאָלען מיר זיך לאָזען פארפיהרען פון אונזערע ליידענשאַפטען און ראכע־געפיהלען און פארגיסען טייכען מענשליך בלוט? פארגיסען בלוט — וואָס פיהרט צו גרוי־זאַמקייט און ווילדער בארבאריי.

„דער פאַקט, וואָס די רעוואָלוציעס אין דער פארגאַנגענהייט זיינען געוועזן בלוטיגע, מיינט נאָך ניט, אז מיר מוזען נאָכפאָלגען אין זייערע פוס־טריט.

„אונזערע היינטיגע װעלט־הערשער זיינען אליין א סך מענש־ליכער װי עס זיינען געװען אמאָליגע טיראַנען און דעספּאָטען. זיי אליין, די היינטיגע װעלט־הערשער, זיינען קרבנות פון א סיסטעם, װאָס האָט אויסגעלעבט זיין צייט. אלץ װאָס מיר דאַרפען טאָן, איז זיי באַזייטיגען — אַרויסנעמען די מאַכט פון זייערע הענט, און אָנשטאָט זיי צו דער'הרג'ענען, װאָס דאָס איז אי באַרבאַריש אי עס װעט קיינעם קיין נוצען ניט ברייננגען, קאָנען מיר אין דער נייער װעלט, װאו קיין ליידיג־געהער װעלען מעהר ניט זיין, מאַכען פון אָט די געװעזענע הערשער און פאָלקס־פאַרפיהרער ניצליכע און אַר־בייטסזאַמע מענשען.

„אָט נעמט, למשל, אזא מענש װי הערבערט הואװער. אלס פּרעזידענט אין װאַשינגטאָן, איז ער א שעדליכער און העכסט אומ־גליקליכער מענש; נעמט אָבער דעמזעלבען סוביעקט און טוט אים אָן א פּאָר אָװעראָלס און גיט איהם א דזשאָב אלס סטיישאָנערי אינזשעניר אין א טערקישער באָד — און ער איז דער ריכטיגער מאַן אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ!

„אָדער נעמט אזא דעמאַגאָג װי װיליאַם רענדאָלף הוירסט. נעהמט ביי איהם אװעק זיינע מיליאָנען און שטעלט איהם אװעק אַרבייטען אלס װעכטער אין א זאָאָלאָגישען גאָרטען — און דער מענש קאָן אויסלעבען זיינע יאָהרען טוענדיג ניצליכע אַרבייט און געניסען דאָס גליק פון אויסלעבען זיך לויט זיינע געבוירענע ניי־גונגען.

„צו־װאָס־זשע זיך פאַרשמירען די הענט מיט זייער בלוט? און אזוי קאָנען מיר טאָן מיט אלע שונאים פון פאָלק.

„די „טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעװאָלוציע" קאָנען זיין גאַנץ ניצליכע װעכטערינס אַרום די קראַנקע אין די האָספּיטעלער. די גענעראַלען פון דער נוצלאָזער, אָפּגעלעבטער אַרמיי זאָלען קריי־גען אַרבייט אין די שלאַכט־הייזער אין שיקאַגאָ. די סענאַטאָרען און קאָנגרעסלייט אונזערע קאָנען זיין גוטע קעלנערס אין די רעס־טאָראַנען, און דערביי זאָל מען זיי ניט באַרויבען פון זייער הויפּט־פאַרגעניגען, און זיי לאָזען טראָגען זייערע באַליבטע שטייף־געפּרעסטע העמדער און שװאַרצע פראַקען.

„אין אונזער נייער װעלט איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר לעדיג־

נעהער און פּאַראַזיטען. יעדער מענש מוז טאָן אַן ארבייט, יעדער לויט זיין פעהיגקייט און לויט זיין נאַטירליכער אייגנגעבוירענער נייגונג.

„דזשימי וואָקער וועט זיין גליקליכער אלס מענעדזשער פון א טרעוועלינג וואָדעוויל־שאָו, ווי אלס מעיאָר פון דער גרעסטער וועלט־שטאָדט.

„סענאַטאָר העפלין און העמילטאָן פיש קאָנען זיך גאַנץ גוט ניצליך מאַכען אין דעם דעפּאַרטמענט פון היסטערישע ווייבער אין א משוגעים הויז.

„און אזוי כסדר.

„אונזערע קאַפּיטאַנען פון דער אינדוסטריע דאַרפען מיר אודאי און אודאי ניט דער׳הרג׳נען, זיי זיינען געווען ניצליך אין אָרגאַניזירן די אינדוסטריע; זיי וועלען זיין פונקט אזוי ניצליך אין דער דיסטריבוציע. אויב נאָר זיי וועלען באפרייט ווערען פון זייערע מיליאָנען און פון זייער מאכט, וועלען זיי פונקט אזוי גע־טריי דינען דעם פאָלק, ווי זיי האָבען געדינט געטריי דעם גאָט מאַמאָן.

„די חוצפּה פון חבר מאסיע אָלדזשין, וועלכער פאַרלאַנגט איהר זאָלט ארעסטירען דעם אַלטען וועטעראַן אב. קאַהאַן, איז ווירקליך אומדערהערט...״

אָבער דאָ איז אָלגין צוגעלאָפען צו מיר, מיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און זיך גענומען ראַנגלען מיט מיר — און דאַן האָב איך געעפענט די אויגען.

לעבען מיין בעט איז געשטאַנען א דאָקטאָר, וועלכער האָט געהאַלטען א זייגער אין איין האַנט און געטאַפּט מיין פּולס מיט דער צווייטער...

— איהר האָט — זאָגט דער דאָקטאָר — אביסעל פיבער; אָבער ס׳איז ניט געפעהרליך...

דער קאַמף צווישען גאָט און שטן

(א מאָדערנער קאַפּיטעל מעשה בראשית)

נארישע מענשען ברעכען זיך די קעפּ אויסצוגעפינען „אַקור־ראַטנע", ווי לאַנג גאָט האָט געאַרבייט ביז ער האָט באַשאַפען די וועלט — צי זעקס טעג, צי זעקס ביליאָן יאָהרען. פּונקט ווי ס'וואָלט גאָר קיין וויכטיגערעס ניט געווען פון וואָס צו טראַכטען און איבער וואָס צו ספּעקולירען; וואָס דאָס באַווייזט, אַז מענשען זיינען נאָך אַלץ אונטער דעם איינפלוס פון מיטעלאַלטערליכען סכאָלאַסטי־ציזם. ווארים וואָס פאַר א ווערט, למשל, האָט אָט די פראַגע אין פאַרגלייך מיט דעם אויסערגעוועהנליך מערקווירדיגען קאַמף וואָס געהט אָן צווישען גאָט און דעם טייוועל פאַר דעם באַזיץ פון מענ־שען!

ווען מען קוקט זיך נאָר גוט צו צו אָט דעם קאַמף, די מעטאָ־דען, וועלכע די „קאַמבאַטאַנטען" באַנוצען אין זייער געשלעג, די געווער מיט וועלכע זיי פעכטען איינער געגען אַנדערען, איז דאָס אַליין א ספּעקטאַקעל וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט. און ווען אימיצער זאָל וועלען איינשטעלען א קוואָדער, וואָלט איך געוועט, אַז דער טייוועל וועט אַרויס דער זיגער.

וויסען זאָלט איהר זיין:

גאָט שלאָגט זיך מיט זיין דם־שונא דורך דריי מלאכים. דאָס זיינען: ערשטענס, דער מלאך פון „רעליגיע"; צווייטענס, דער מלאך פון „אידעאַליזם"; און דריטענס, דער מלאך פון „מוזיק".

דער שטן מקטרג שלאָגט זיך מיט גאָט דורך זיינע דריי מחבלים. דאָס זיינען: ערשטענס, עגאָ; צווייטענס, לייכטזין; און דריטענס, רציחה.

דער דאָזיגער קאַמף געהט אָן פון זינט גאָט האָט אין א בייזער שעה באַשאַפען דעם מענשען. אָט הערט אומיסנע ווי אַזוי דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבען:

ווען גאָט האָט באַשאַפען די וועלט (ווי מיר שיינט אין איין מינוט צייט, ווייל אין איין מינוט צייט וועט ער זי צושטערען), איז ער געווען טויט מיד און זיך אוועקגעלייגט אָפּרוהען. ער האָט פּרובירט איינשלאָפען, אָבער צוליב דעם ברומען פון דיווילדע חיות, דאָס זשומען פון די וואולקאַנען און דאָס רוישען פון די וואַסערען, וואָס זיינען נאָך ניט געווען איינגעשטילט, איז ניט מעגליך געווען מיט אַן אויג צוצומאַכען.

נו, איז גאָט אַזוי געלעגען און באַטראַכט די דאָזיגע וועלט זיינס, זיין מייסטערווערק, בעת זיינע דאַרע, לאַנגע פינגער האָבען נערוועז געקנאָטען אַ שטיקעל ליים — געקנאָטען און געפלאָכטען און געדרעהט אַזוי לאַנג, ביז — זיי האָבען אויסגעקנאָטען אַ מענשעלע.

ווען גאָט האָט אַ קוק געטאָן און געזעהן וואָס זיינע נערוועזע פינגער האָבען באַשאַפען, איז דאָס איהם זעהר געפעלען געוואָרען.

— ס'איז דאָך אַ שעהנע צאַצקע, מען דאַרף פּרוּווען אַריינבלאָזען אין דעם אַ נשמה.

„ווען מיר זאָל געלינגען — האָט געטראַכט גאָט — אַריינבלאָזען אין אָט דער ליימענער באַשעפעניש אַ נשמה, וואָלט געווען וואָס זאָל באַוואונדערען מיין קונסט-ווערק, די וועלט; אויב ניט, וואָס טויג עס אינגאַנצען?"

אָבער די דאָזיגע געפערליכע אָפּעראַציע — אַריינבלאָזען אין ליימענעם מענשען אַ נשמה — האָט גאָט ניט געקאָנט אונטערנעהמען איינער אליין. ווי יעדער כירורג, האָט ער אויך געמוזט האָבען העלפער, האָט ער אַריינגערופען דריי מלאכים, וואָס זאָלען איהם אַרויסהעלפען אין דער שווערער שטיקעל אַרבייט. די דריי מלאכים האָבען געהייסען: רעליגיע, אידעאַל און מוזיק.

אָבער הינטער גאָט'ס פּלייצעס איז געשטאַנען דער שטן (דער גרעסטער קאָנקורענט זיינער) און געלאַכט, געכיכיקעט זיין טייוועלשען געלעכטער, און אין זיין רעכטער האַנט האָט דער טייוועל געהאַלטען זיינע דריי מחבלים: עגאָ, לייכטזין און רציחה.

גאָט האָט געמאַכט אַלע נויטיגע פאַרבאַרייטונגען צו דער אָפּעראַציע, נאָר דאָס נויטיגסטע האָט ער לײדער פאַרגעסען. ער האָט נעמליך פאַרגעסען צו „סטעריליזירען" זיין אָטעם, און ווען

ער האָט א בלאָז געטאָן די נשמה אין מענשען אריין האָבען זיך אריינגעכאַפּט די דריי מלאכי חבלה: ענגאַ, לייכטזין און רציחה.

און זינט דאַן געהט אָן אן אומאויפהערליכער קאַמף צווישען גאָט און טייוועל פאַר דעם באַזיץ פון דעם מענשען.

צוערשט האָט גאָט אראָפּגעשיקט דעם מלאך פון רעליגיע — משה רבינו — וועלכער האָט א לאַנגע צייט געקעמפט מיט'ן שטן. דערלאַנגענדיג איהם טויט־קלעפּ; אָבער לײדער האָט משה רבינו גאָט'ס גרעסטען שונא ניט געקאָנט בייקומען, ער האָט איהם נאָר אביסעל צעטומעלט.

דערנאָך האָט גאָט אראָפּגעשיקט דעם צווייטען מלאך — דעם מלאך פון אידעאַלען — אריסטאָטעל, וועלכער האָט אויך אָנגע־פיהרט א העלדישען קאַמף מיט'ן טייוועל, אָבער אָהן ערפאָלג.

ענדליך האָט פון הימעל אראָפּגענידערט גאָט'ס לעצטער מלאך — דער מלאך פון מוזיק — בטעהאָווען, צו קעמפען מיט'ן שטן.

פון זינט דאַן האָבען די דאָזיגע דריי מלאכים נאָך זיך איבער־געלאָזען א סך יורשים, נאָכפאָלגער, מיט א ניצוץ פון זייער גייסט, וועמעס מיסיע איז צו קעמפען מיט'ן טייוועל.

אָבער אזוי שנעל ווי זיי קומען נאָר אין באַריהרונג מיט'ן שטן מקטרג, שיקט ער אין זיי אריין איינעם פון זיינע דריי מחבלים (ענגאַ, לייכטזין און רציחה) און זיי ווערען ביסלעכווייז קאָרומפּירט און פאַרדאָרבען — אנשטאָט צו קעמפען געגען טייוועל ווערען זיי פאַרוואַנדעלט אין זיינע ארויסהעלפער.

אזוי איז פון משה רבינו'ס גייסט פאַרבליבען אַן ארמיי פון גלחים'לעך און רעוורענדלעך, חברה־לייט, כלל־טוערס און גאָט'ס סטראַפּטשעס, וואָס זיינען דורכגעפּרעסען געוואָרען פון ענגאַ, לייכט־זין און רציחה, און זיי — די בילי סאַנדיים, די ווילִיאַם דזשענינגס בריינס, וואָס דינען דעם טייוועל, מיינענדיג, אז זיי דינען גאָט.

אזוי זיינען אריסטאָטעל'ס יורשים פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אלערליי גרויסע און קליינע מוח־פאַרטומלענדיגע ארטור בריס־ביינס, פרענק קריינס, וועלכע וואולגאַריזירען גאָט'ס שעהנסטע מתנה, דעם ליכטיגען, ריינעם געדאַנק, דעם נאָבעלען אידעאַל.

אזוי האָט דער טייוועל פאַרוואַנדעלט לעגיון און זיינע ארויס־העלפער אין ווערקצייג פון רציחה, און זיי מאָרדען אוים און פאַר־

ניכטען אַלץ וואָס האָט נאָר אַ סימן פון פרייען געדאַנק און איידעלען געפיהל, און זיי טוען דאָס דוקא אין נאָמען פון אידעאַל.

היינט קוקט זיך צו צו די קאָרומפּירטע יורשים פון דעם מלאך פון מוזיק — די פּאָול ווייטמאַנס — די גרילצענדיגע, הייזעריגע, שיסענדיגע דזשעז בענדס, וואָס אַנשטאָט אויסצואיידעלען דאָס מענשליכע האַרץ, אויסצורייניגען און דערהויבען זיין נשמה, שלעפען זיי איהם אַרונטער אין אָפּגרונט פון שמוץ, זינד, דעגענעראַציע.

און דער טייוועל שטעהט און לאַכט, לאַכט זיין העסליכען, דעמאָנישען געלעכטער. עגאָ, לייכטזין און רציחה באַהערשען די וועלט, און די דריי מלאכים שטעהען ביים כסא הכבוד מיט געבויגענע קעפּ און פאַרגיסען טרערען איף דעם אונטערגאַנג פון גאָט׳ס באַשאַף — דעם מענש, וועלכער איז איבערגעגעבען מיט לייב און זעל צום טייוועל, וועלכער שטעהט טריאומפירענדיג און לאַכט. ער זעהט ווי דער מענש באַנוצט גאָט׳ס מתנה — די וויסענשאַפט — אויף צו מאַכען גאַז־באָמבעס, בויען לופט־שיפען פאַר זעלבסט־פאַרניכטונג, און ער, דער טייוועל, קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. ער זעהט ווי דער מענש נוצט אויס אַלע זיינע קענטעניסען, אַלע זיינע ערפאַהרונגען בלויז צוליב איין צוועק — צו רויבען און מאָרדען זיין שוואַכערען ברודער, און ער קוועלט פון נחת.

און גאָט זיצט אויף זיין טראָן אַ פאַרשעמטער. ער האָט קיין טרייסט־וואָרט פאַר זיינע טרייע דריי מלאכים.

משה׳ס „ואהבה לרעך כמוך״ איז געבליבען אַ קול קורא במדבר.

אויף דער טריבונע וואו עם זיינען געשטאַנען אריסטאָטעל, פּלאַטאָ און סאָקראַטעס און געוועקט דעם מענשליכען געדאַנק, איהם געשליפען און גערייניגט און געהויבען, שטעהען מיליאָנען מיקראָבישע, ווערעמדיגע צייטונגסלייט, רעפּאָרטערלעך, וואָס דינען דעם טייוועל, העלפען איהם אין זיין פאַרניכטונגס־ארבייט.

און די געטליכע האַרף, וואָס בעטהאָווען האָט איבערגעלאָזען — די האַרף אויף וועלכער ער האָט אויסגעשפּילט זיין מייסטערווערק, די ניינטע סימפאָניע — זי ליגט אין אַ זומפּ, וואו זשאַבעס און עקדישען קריכען אַרום און קוואַקען זייער אבשייליכען דזשעז.

יאָ, אין דעם קאַמף צווישען גאָט און טייוועל פאַר דעם באַזיץ פון מענשען איז, אַזוי שיינט מיר, דער טייוועל אַרויס דער זיגער.

י. ל. פרץ פאר'ן כסא הכבוד

פרץ איז געזעסן אין גן־עדן און זיך געאמפערט מיט יעקב דינעזאן וועגן די יעווסעקען און די העברעאישע פאשיסטען, ווען א מלאך האט מיט א פליגעל אנגעריהרט פרצ'ס אקסעל: „האט קיין פאראיבעל ניט, פאני פרץ — זאגט דער מלאך — וואס איך שטער אייך, איהר זייט געבעטען צו קומען פאר'ן כסא הכבוד“.

פרצ'ן האט א טיאכקע געטאן דאס הארץ. ער האט זיך א שטעל געטאן אויף די פיס און געבליבען שטעהן אביסעל צעטור־מעלט. וואס עפעס פלוצלינג רופט מען איהם? צי האט אימיצער ניט אריינגעבראכט א קלאגע אנטקעגען איהם? אפשר א מסירה'לע? א קשיא וואס אידען, ניט־פארגינער, קאנען אויפטאן?

אבער דער ליכטיגער מלאך, וועלכער שטעהט לעבען איהם און שמייכעלט קוקענדיג אויף פרצ'ס אביסעל צעשראקענעם פנים, דערלאזט ניט טראכטען.

נו, מילא, אז מ'רופט, דארף מען געהן. פרץ האט פארקנע־פעלט דעם שווארצען פראק אויף אלע קנעפלעך, א ציה געטאן די גראבע, שווערע וואנצעס און זיך געלאזט געהן.

ווי נאר די טיר האט זיך הינטער זיי צוגעמאכט, האט דער מלאך א כאפ געטאן פרצ'ן אונטער זיין פליגעל און אוועקגעפלוי־גען צום כסא הכבוד.

— זאג מיר נאר, מלאך לעבען — האט פרץ פרובירט א טאפ טאן — ווייסטו ניט, צו וואס אייגענטליך דער באשאפער פון אלע וועלטען דארף מיך האבען?

דער מלאך פליהט און שווייגט.

— מלאך, סערדצע, צי האט אימיצער ניט אריינגעבראכט א קלאגע געגען מיר?

דער מלאך פליהט און שווייגט.

פּרץ האָט פאַרשטאַנען — קיין ענטפער איז אויך אן ענטפער. און אפשר האָט דער מלאך גאָר קיין צייט ניט געהאַט פּרצ׳ן צו ענטפערען, ווייל איידער וואָס־ווען איז שוין פּרץ געזעסען אויף א גאָלדענעם שטוהל סאַמע אַנטקעגען דעם באשאפער, וועלכער האָט פּרצ׳ן באַטראַכט א ווײַלע מיט גרויס ליבשאַפט, בעת פּרץ איז געזעסען מיט צוגעמאַכטע אויגען, צוליב דער שטאַרקער ליכטיגקייט וואָס האָט ארויסגעשיינט פון גאָט׳ס פּנים.

— יצחק לייבוש, מיין קינד — האָט זיך דערהערט גאָט׳ס ווייך־זיידען קול — האָב קיין פאַראיבעל ניט, וואָס כ׳האָב דיך מטריח געווען. כ׳האָב באַקומען צוגעשיקט א פּעטיציע פון דיין עולם, איך זאָל דיך צוריקשיקען אויף דער זינדיגער ערד. דיין שטול, טענה׳ן די שרייבער פון דער פּעטיציע, איז געבליבען ליידיג. זיי בענקען נאָך דיין וואָרט, יצחק לייבוש, מיין קינד; דיין באַנצע שוויג, ווען איך האָב צוליב דיר טאַקע געגעבען ס׳לשון, האָט אַנגעמאַכט א גרויסען חורבן. ער האָט ארויסגעטריבען מיין עם הספר פון די בתי מדרשים און זיי פאַרוואַנדעלט אין זאַגענאַנטע קלובען, וואו מ׳שפּילט אין קאָרטען און מ׳לעסטערט מיין נאָמען. דעם יונגען דור האָט ער אָפּגעריסען פון מיר און רייצט איהם אָן צו שיסען שטינקענדיגע גאַז־באָמבעס אַנטקעגען מיר. לענין איז געוואָרען זייער גאָט און צוליב איהם פאַרפאָלגען זיי אָהן רחמנות זייערע אייגענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. יצחק לייבוש, מיין קינד, כ׳האָב ניט גערן געגעבען באַנצע׳ן ס׳לשון. עפּעס האָט מיר געזאָגט דאָס הארץ איך זאָל דאָס ניט טאָן. כ׳האָב מורא געהאַט, אז ווען באַנצע וועט קריגען ס׳לשון, וועט ער ניט וועלען ארבייטען; ער וועט ווערען א פּאָליטישען, א קהל׳שע קליאַמקע, א רעדעל־פיהרער, אָדער אפשר גאָר א צייטונגס־שרייבער, וואָס יאָגט זיך נאָך סענסאַציאָנעלע מאָרד־געשיכטעס. אָבער אז באַנצע זאָל וועלען מיך אומברייגגען — דאָס האָט זיך מיר אפילו ניט גע׳חלומ׳ט. ווי האָב איך זיך געקאָנט ריכטען אויף אזא חוצפּה — צו וועלען אומברייגגען זיין אייגענעם גאָט! יצחק לייבוש, טייערער! בלע־טערענדיג דיינע כתבים האָב איך געפונען גאָלדענע ווערטער — דו האָסט אויך מורא געהאַט פאַר באַנצע׳ן; דו האָסט מורא גע־

האט, אז ווען באַנצע וועט באַקומען ס׳לשון, וועט ער אונטערהאַקען די צעדער־בוימער, זיי זאָלען ניט אַריבערוואַקסען ס׳גראָז. האָסט מורא געהאַט, ער זאָל ניט שאַפען אַ גרויע, גלייכגעשאָרענע סטאַדע; ער זאָל ניט ווערען אַ ביוראָקראַט און אויסטיילען יעדען דעם ביסען, ווי פאַר אָרימעלייט אין הקדש; ער זאָל ניט פאַרטי־ליגען דעם באַשאַפער פון נייע וועלטען און ער זאָל ניט פאַרשיטען דעם ריינסטען קוואַל פון מענשליכען גליק — די מענשליכע איני־ציאַטיווע, די קראַפט וואָס שטעלט איינעם אַנטקעגען טויזענט.

— האָסט מורא געהאַט, אַז באַנצע וועט מעכאַניזירען דאָס לעבען און הייסען עס פאַרברענען און כשר'ן; אָפּמעסטען ווי אָפט עס מעג שלאָגען דער פולס, ווי ווייט עס מעג זעהן אַ מענשליך אויג, וויפיעל עס מעג פאַרנעמען דער אויער, און וואָס פאַר חלומות עס מעג האָבען דאָס פאַרבענקטע האַרץ. עס וועלען אפשר קיין שטיבער אָהן פענסטער ניט זיין, נאָר אין נעבעל וועלען איינגעהילט זיין נשמות; עס וועט אפשר קיין ליידיגער מאָגען ניט זיין, נאָר נשמות וועלען הונגערען.

— דער אָדלער, דער מענשליכער גייסט, וועט מיט אונטער־געהאַקטע פליגלען שטעהן ביי דער קאָרעטע גלייך מיט דער קוה און מיט'ן אָקס. האָסט מורא געהאַט, אַז באַנצע, ווען ער וועט באַקומען ס׳לשון, וועט גרויזאַם פאַרטיידיגען די גלייכבאַרעכטיגונג פון דער סטאַדע און טרעטען מיט די פיס די בליהונג און חלומות און האָפענונג פון פרייען גייסט.

— יצחק לייבוש, מיין קינד, דאָס זיינען גאָלדענע ווערטער, נביא'אישע ווערטער דיינע, וואָס ווען איך לייען זיי מיט עטליכע יאָהר צוריק וואָלט איך באַנצע'ן ס׳לשון ניט געגעבען...

— און נאָכמעהר, דער שטן מקטרג האָט אַ פליה־מאַשין גע־שאַפען און באַנצע'ן אויסגעלערענט פליהען. כ'האָב מורא, אַז איין שעהנעם טאָג זאָל באַנצע ניט פאַרטיליגען און דערשטיקען די וועלט מיט שטינק־באָמבעס, וואָס ער וועט פון פליה־מאַשין אַראָפּוואַרפען.

— אוי, יצחק לייבוש, טייערער, איך האָב שטאַרק חרטה, וואָס כ'האָב איהם ס׳לשון געגעבען. באַנצע וועט מיר נאָך די וועלט חרוב מאַכען.

גאָט'ס קול האָט גענומען ציטערען און ער איז אנטשוויגען געוואָרען.

פרץ, הערענדיג גאָט'ס רייד, האָט ביסלעכווייז פארלאָרען דעם שרעק, וואָס האָט אָנגעפיהלט זיין הארץ בעת דער מלאך האָט איהם גערופען. ער האָט זיך דערפיהלט גאָר געהויבען, הערענדיג ווי גאָט האָט איהם אזוי גענומען ליבען. און ווען גאָט האָט געענדיגט זיינע רייד און פרץ האָט געזעהן ווי גאָט איז באזאָרגט פאר דעם וואוילזיין פון זיין וועלטעל, האָט איהם פארקלעמט ביים הארצען און ער האָט געטראכט: „יאָ, דער אידישער גאָט אונזערער ווערט נערוועז אויף דער עלטער". און פיהלענדיג, אז ער מוז געפינען א טרייסט־וואָרט פאר'ן באזאָרגטען באשעפער, האָט פרץ א לייכטען הוסט געטאָן, כדי אויפצואוועקען דעם רבש"ע פון זיינע טיפע, שווערע מחשבות און געזאָגט:

— הייליגער פאָטער, האר פון אלע וועלטען! אויב עס איז דיין ווילען, אז איך זאָל צוריק אויף דער זינדיגער ערד געהן, וועל איך דיין שליחת דערפילען לויט מיינע שוואכע און אָרימע כחות; אָבער איך מיין, אויב דו וועסט ניט נעמען פאר אומגוט, גרויסער גאָט, אז דיין שרעק פאר די באָנצעס איז אביסעל איבערטריבען.

— אודאי ווייס איך, אז דיר טוט וועה דאָס הארץ אויף דעם חורבן וואָס די יעווסעקען האָבען אָנגעמאכט אין אונזער אומגליקליכער אידישער וועלט. איך, אויף דיין פלאץ, וואָלט מסתמא ניט בעסער געווען. אָבער דו ווייסט דאָך, גאָטעניו, אז מיר אידען האָבען איבערגעלעבט ערגערע אָנשיקענישען. אגב, וואָס פאר א באטרעף האָבען די עטליכע יעווסעקען אין פארגלייך מיט די מיליאָנען גוטע „באָנצעס", וועלכע זיינען שטארק פארנומען מיט שפילען בייזבאָל און פוטבאָל! און אזוי לאנג ווי זיי טוען דאָס, וועט דאָס וועלטעל דיינס ניט חרוב ווערען. עס הערשט א שרעקליכער קריזיס, מיליאָנען ארבייטער ווערען געשוואָלען פון הונגער מיט ווייב און קינדער, בעת די שפייכלערס זיינען איבערגעפאקט מיט כל טוב, אָבער די באָנצעס שפילען פוטבאָל און זיי פיהלען ניט די נויט און דעם הונגער. הלואי וואָלטען אונזערע אידישע יעווסעקעס געשפילט פוטבאָל, וואָלטען זיי אזוי פיעל אומגליק אויף דער אידישער גאס ניט געבראכט.

— אויסער דעם, דערבארעמדיגער פאטער — רעדט ווייטער פרץ, זעהענדיג ווי גאט זיצט און הערט זיך אויפמערקזאם צו צו זיינע רייד — שיינט מיר, אז דו מאכסט א טעות, ווען דו דענקסט אז באנצע האט באקומען ס'לשון. אויב ער האט עס יא געקראגען, איז עס געווען אפשר אויף א מינוט, ווייל באלד האבען די נייע הער־שער אין רוסלאנד איהם, באנצע'ן, צוריק דאס צוימעל אין מויל אריינגעשטעלט און האבען מיט איהם געמאכט פונקט ווי דער גע־שייטער פויער מיט'ן איינגעשפארטען אייזעל, וועלכען דער פויער האט אויף א לאנגען שטעקען א בינטעל היי צוגעבונדען און דאס אנגעשטעקט דעם אייזעל אויפ'ן קאפ פאראויס, אזוי אז דער איי־זעל האט זיך פון די כחות ארויסגעשלאגען כדי צו דערגרייכען דאס ביסעל היי. פונקט אזוי האבען די נייע הערשער אין רוסלאנד צו־געבונדען באנצע'ן א בינטעל היי, וואס זיי רופען „פיאטיליעטקא“, און דער רוסישער אייזעל שלאגט זיך פון די כחות ארויס דאס בי־סעל היי — די „פיאטיליעטקא“ — צו דערגרייכען. כ'לעבען, טאטע־פאטער, האסט ניט וואס מורא צו האבען פאר באנצע'ן — באנצע איז געווען און בלייבט באנצע.

— אגב, מוז איך דיר, הייליגער באשאפער, זאגען — און איך בעט דיך קיין פאראיבעל ניט האבען — אז דאס לשון, אהן אביסעל שכל, איז געפעהרליכער ווי גאר אהן לשון.

— דא, מיין ליבער יצחק לייבוש, רעדסטו שוין נארישקייטען — האט זיך דער רבש"ע אפגערופען. — ווען דאס וואס דו זאגסט וואלט געווען אמת, וואלט א קולידזש, וואס פארמאגט ניט קיין לשון און ניט קיין שכל, ניט געווען פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען...

— אויסער דעם, שכל אהן הארץ, אהן מענשען־ליבע, אהן טיפער מאראלער פאראנטווארטליכקייט, איז א סך געפעהרליכער ווי לשון אהן שכל. ליידער געפינט זיך ביי מיר ניט קיין סך פון דעם מאטעריאל פון וועלכען אזעלכע אטריבוטען ווערען געשאפען. דערפאר טאקע איז ביי מיר אזא גרויסע גערעטעניש אויף קולי־דזשעם און באנצעס.

— הייסט עס, יצחק לייבוש, מאך זיך רייזע־פארטיג, נעהם זיך צו דער ארבייט און פארגעס ניט די העברעאישע פאשיסטען

אין ארץ ישראל. גיב זיי א גאָב, אַט ווי דו קאָנסט און ווי זיי פּאַרדינען...

פּרץ האָט זיך אויפגעהויבען און זיך געלאָזט געהן צום מלאך, וואָס איז געשטאַנען און געוואַרט אויף איהם. פּלוצלינג בלייבט ער שטעהן, דרעהט זיך אוים צום כסא הכבוד און נעהמט זיך קראַצען אין דער פּאַטילניצע.

— וואָס איז, יצחק לייבוש, האָסט עפּעס געוואָלט זאָגען?

— מיין היילינער פאַטער, כ׳האָב דיר געוואָלט עפּעס בעטען

— ע, ע, מיר וועט שוין זיין זעהר שווער אָהן איהם ווי אָהן א האַנט.

— וואָס מיינסטו, יצחק לייבוש?

— איך מיין אָהן יעקב דינעזאָן...

קראפאטקין און לענין

ווען לענין איז געשטארבען איז קראפאטקין געזעסען אין גן־עדן מיט זיין שעהן צעקעמטער בארד און שטיל געשמועסט מיט מארקס'ן, וועמעס ווייסע בארד האט זיך ניט געדארפט שעמען פאר קראפאטקינ'ס.

פלוצלונג האט זיך אן עפען געטאן די טיר, א מלאך האט איבערגעוואלט אריינגעשטופט לענינ'ן אין גן־עדן אריין און פארהאקט די טיר.

לענין איז געבליבען שטעהן, פארשטעלט דאס פנים מיטביידע הענט, ניט געקאנט פארטראגען דאס שטראלענדע ליכט פון גן־עדן, און זיינע געבויגענע אקסלען האבען שנעל געצוקט פון גרויס געוויין. שטראמען טרערען זיינען געפלאסען פון זיינע אויגען און גרינגער געמאכט דאס שווערע הארץ.

זאגט קראפאטקין צו מארקס'ן:

— דו זעהסט, ווער דארט שטעהט ביי דער טיר?

מארקס שטרענגט אן די אויגען, קוקט א ווײלע און לאזט אראפ דעם קאפ. קראפאטקין פארשטעהט וואס עס טוט זיך ביי מארקס'ן אין הארצען, לאזט ער אויך אראפ דעם קאפ אוןביידע שווייגען עטליכע מינוט.

קראפאטקין: קארל, קום, לאמיר צוגעהן צו איהם, ס'איז א רחמנות, זעה ווי ער וויינט.

קארל מארקס: געה, אז דו ווילסט, פעטער, איך געה ניט. איך וויל זיין פנים ניט אנקוקען: ער איז א יעזואיט! ער האט מיין לעהרע מיסרעפרעזענטירט און דערמיט האט ער ניט נאר געבראכט די גרעסטע רעאקציע וואס די וועלט האט ווען ס'איז געזעהן, נאר ער האט אויך מיט דעם אפגעשטעלט דעם גאנג פון פראגרעסיווען געדאנק, גאט ווייסט אויף ווי לאנג!

קראַפּאַטקין הויבט זיך אויף, טוט א שווערען זיפץ און לאָזענ־דיג זיך געהן צו לענינ׳ן זאָגט ער: „אָבער ער איז פּאַרט דיין קינד, קאַרל!“

מאַרקס ענטפערט ניט, זיצט מיט א געבויגענעם קאָפּ און פאַר־שלאָסענע ליפּען. קראַפּאַטקין געהט לאַנגזאַם צו צו לענינ׳ען, וועלכער שטעהט נאָך אַלץ מיטביידע הענט פאַרשטעלט ס׳פּנים און וויינט, און ער לייגט צאַרט און פאַרזיכטיג זיין האַנט אויף לענינ׳ס אַקסעל.

לענין גיט א ציטער, נעהמט שנעל אַראָפּ די הענט פון׳ם פּנים און קוקט דורך טרערען קראַפּאַטקינ׳ען גלייך אין זיין ליכטיגען, שיינענדיגען פּנים אריין.

קראַפּאַטקין, דערזעהענדיג לענינ׳ס פּנים, שרייט אויס: „גאָט מיינער, איליטש, זעה נאָר ווי דו זעהסט אויס! מיין אָרימער, אָרי־מער איליטש!“

ער נעהמט איהם אָן פאַר א האַנט און פיהרט איהם צו צו דער נאָהנטסטער באַנק און העלפט איהם זיך אַוועקזעצען. ער זעהט ווי לענינ׳ס נשמה ווערט צעגאַנגען אין טרערען, הויבט ער אויך אָן וויינען, און גלעט איהם און צערטעלט איהם ווי א געטרייע מאַמע און מיט א צעוועהטאָגט הארץ זאָגט ער: „נו, גענוג, איליטש, גע־נונג! בארוהיג זיך און דערצעהל וואָס הערט זיך גוטס? וואָס מאַכט אונזער ליבע מאַטושקא ראָסיאַ?“

לענין בארוהיגט זיך ביסלעכווייז, נעהמט אָן קראַפּאַטקינ׳ס האַנט און, ניט קענענדיג קוקען גלייך אין קראַפּאַטקינ׳ס פּנים אריין, מורמעלט ער: „פאַרגיב, פּיאָטאָר, פאַרגיב, אויב דו קאָנסט, כ׳האָב שרעקליך געזינדיגט אַנטקעגען דיר.“

— ניין, איליטש, ליבינקער, ניין, ניט אַנטקעגען מיר האָסטו געזינדיגט — נעהמט איהם קראַפּאַטקין ארום און דריקט איהם צו צום הארצען — און אַחוץ דעם ווייס איך דאָך ווי שכור דו ביזט געוועזן.

לענין: ניין, פּיאָטאָר, ניט שיכור, נאָר וואהנזיניג! דער געפעהרליכסטער וואהנזין וואָס קאָן באַפאַלען אָן ערנסטען מענשען, און טאַקע דערפאַר האָב איך ניט געוואָלט געהן אהער אין גן־עדן אריין. כ׳האָב זיך געבעטען ביי זיי: „לאָזט מיך, לאָזט מיך געהן

אין גיהנום, זאָל זיך דאָרט ברענען און בראָטען מיין נשמה צוזאַמען מיט טאָרקוועמאַדאָ'ס און סאַוואָנאַראָלאָ'ס. כ'האָב דאָס פאַרדינט אפשר נאָך מעהר ווי יענע פאַנאַטיקער." אָבער זיי האָבען מיך איבערגעוואַלט אריינגעשטופּט אהער, און פאַר מיר איז דאָס ערגער ווי דער גיהנום!

קראָפּאָטקין: „אָט הפּנים, זייער כונה איז געווען דיר צו געבען א דאָזע פון דיין אייגענער מעדיצין..."

לענין גיט א קוק אויף קראָפּאָטקינ'ען: „דו, פּיאָטאָר, דו שיטסט מיר זאַלץ אויף די וואונדען?"

קראָפּאָטקין: „פאַרגיב איליטש, פאַרגיב! האָב ניט געמיינט דיר וועה צו טאָן; פאַרקעהרט, איך וויל דיר העלפען לינדערען דיינע ליידען. ווייס איך דאָך די עהרליכקייט פון דיין כונה און ווי טייער דו צאָהלסט פאַר דיינע זינד!"

לענין (ווי צו זיך אליין): „ווער האָט עס געזאָלט וויסען, אז די מענשען זיינען אזוי שלעכט, געמיין און פאַרדאָרבען, אזוי עגאָאיסטיש און זעלבסטזיכטיג, אזוי העסליך און דום!? אזוי..."

קראָפּאָטקין שלאָגט איהם איבער: „איליטש, אַך, איליטש! דו האָסט גאָר קיין באַגריף ניט ווי מיר טוט וועה צו הערען פון דיר אָט די שרעקליכע רייד. פריהער האָסטו געמיינט, אז נאָר די אויבערשטע שיכטען פון דער געזעלשאַפט זיינען שלעכט, געמיין און פאַרדאָרבען און מ'דאַרף זיי אויסראָטען און פאַרניכטען, און איצט, איצט, אז דיר איז דאָס געלונגען, טראָגסטו דעם זעלביגען גיפט אריבער צו די נידעריגערע שיכטען! אבי איך האָב געמיינט, אז דו ביזט שוין אויסגעניכטערט, אז דו האָסט שוין דערזעהן דאָס ליכט! ווייסטו דען ניט, ליבער איליטש, אז..."

לענין שלאָגט איבער: „יאָ, יאָ, איך ווייס, איך ווייס; איך ווייס דיין קוק אויף מענש און וועלט; אָבער מיין גאַנץ ביסעל בלוט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט האַס, שנאה און נקמה צו די הערשער און באַדריקער."

ביידע זיצען זיי און שווייגען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ א ווייל'ע, דאַן רופט זיך אָפּ קראָפּאָטקין:

— ניט נאָר מיט האַס, שנאה און נקמה קאָן מען א נייע וועלט, א בעסערע, א שעהנערע, א גערעכטערע, ניט בויען, נאָר אפילו מיט

ליבע איז דאָס אזוי שווער צו דערגרייכען. קריסטוס האָט דאָס פּרובירט און איז דורכגעפאַלען!

לענין (פּארטיפּט אין זיינע אייגענע אנטוישונגען): „וואָלט כאָטש דער פאַרפלוכטער קערענסקי ניט געווען אזא שוואַכלינג, אזא שמאַטע — ווער וויים, אפשר וואָלט איך גאָר צו דעם נסיון ניט געקומען!“

קראָפּאָטקין: „נו, גענוג זיך פּייניגען, איליטש, גענוג! לאָ־מיר זיך טרייסטען מיט דעם פּאַקט, וואָס די ראָמאַנאָווס וועלען מעהר ניט הערשען איבער אונזער פּיעל געשטראָפטער רוסלאַנד. קום, איך׳ל דיר צופיהרען צו דיין פאָטער, צו מאַרקס׳ן, ער איז אפּילו אביסעל פּארביטערט אנטקעגען דיר, אָבער נישקשה, איך׳ל אייך שוין איבערבעטען...“

לענין: „ניין, פּיאָטאָר, איך קאָן ניט, לאָז מיך בעסער געהן אין גיהנום. איך וויל זיך פּייניגען, איך וועל רייסען פון זיך שטי־קער! איך וועל זיך אריינוואַרפען אין צעלאָזענעם בליי, זאָל זיך דאָרט מיין נשמה רייניגען און לייטערען, ווייל איך האָב ניט גע־האַט קיין ליבע צו דעם מענשען, נאָר צו אַן אבסטראַקטער, ווייטער מענשהייט! לאָז מיך, פּיאָטאָר, לאָז מיך געהן אין גיהנום...“

קראָפּאָטקין הויבט זיך אויף, שאָקעלט רחמנות׳דיג מיט׳ן קאָפּ און זאָגט: „געוועזן און געבליבען אַן עקשן!...“

וואָס עס קאָן אַלץ טרעפֿן

עס טרעפֿט, דו ערוואַכסט פֿון טיפֿען שלאָף, אָט ווי אימיצער וואָלט דיך אויפֿגעוועקט, און דו ליגסט וואַך מיט ברייט צעעפֿענטע אויגען, מיט שאַרף פֿאַרשפּיצטע אויערען איבער וועלכע עס קלאַפּט אַ דריקענדע שטילקייט.

די לופֿט פֿון צימער איז אויסגעשעפּט, טראָץ דעם וואָס אַלע פֿענסטער זיינען אָפֿען; ס׳איז ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען.

אין גאַס ברענט נאָך דער גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ אַנט־קעגען מיין צימער. עס איז נאָך ווייט פֿון טאָג, אָבער פֿון וואַנען אַזאַ שרעקליכע שטילקייט, וואָס לייגט זיך אַזוי שווער אויפֿ׳ן האַרצען?

אויפֿ׳ן ברייטען בולוואַר, ניט ווייט פֿון הויז, זשומען פֿאַרביי די אויטאָמאָבילען בייטאָג און ביינאַכט. וואו זיינען זיי איצט? פֿאַרוואָס הערט זיך ניט אַ שאָרך, אַ ריהר? פֿאַרוואָס אַזאַ פֿאַר־שפּיצטע, אָנגעשטרענגטע דריקענדיגע שטילקייט? דער שטאַרער הימעל און די שוואַרצע ערד, די טונקעלע הייזער און דער ליכטיגער עלעקטרישער לאָמפּ — אַלץ האָט געקראָגען אויערען און האָרכט מיט קורצען אָטעם, האָרכט זיך איין צו עפּעס. עפּעס דאַרף אָנקו־מען, עפּעס דאַרף טרעפֿען, וואָס זאָל דערשיטערען, אויפֿטרייסלען, אָפּרייניגען, באַפֿרייען די לופֿט און אַראָפּנעמען די שווערע מישאַ פֿון האַרצען.

ליג איך מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגען, האַלט איין דעם אָטעם און האָרך זיך איין צו דער שווערער שטילקייט וואָס האָט מיך אויפֿ־געוועקט פֿון שלאָף.

אָבער, איז דאָס טאַקע די דריקענדע שטילקייט שולדיג אין מיין אויפוואַכען? אפשר איז דאָס גאָר דער רעזולטאַט פון דעם טומעלדיגען אָנגעשטרענגטען טאָג? דעם גאַנצען טאָג האָבען אלערליי פעדלער און אגענטען, פרויען, מענער און קינדער, גערי־סען דאָס גלעקעל פון מיין טיר און מיך געמאַכט נערוועז. גאָט מיינער, פון וואַנען נעמען זיך אַזויפיעל פעדלער, אגענטען און בעטלער?

ס׳קלינגט דאָס טיר־גלעקעל פון פאָרענט און פון הינטען דעם גאַנצען טאָג. ניט אויסצוהאַלטען פון זיי. זיי לאָזען דיך ניט צו־לייגען זיך א דרעמעל טאָן. איידער דו האָסט צוגעמאַכט די אויגען, אהאַ — מ׳קלינגט שוין! עס זעהט־אויס עפּעס אַזוי ווי די גאַנצע וועלט מענשען האָט זיך גענומען צו פעדלעריי און הויז־צו־הויז קענוועסען.

איז דאָס נאָך ווייניג, לעכערט מען דיר דעם קאָפּ דורכ׳ן טע־לעפאָן, אפשר דאַרפסטו א וואַקיום־קלינער אָדער אַן עקספּרעס צו מופען? אפשר ווילסטו קויפען א לאָט? אפשר אַן אויטאָמאָביל?

אנטלויפסטו פון טעלעפאָן, כאַפּט דיך די ראַדיאָ. דיזעלביגע אגנעטען, דיזעלביגע פעדלער, נאָר מיט קלעזמעריי, מיט א צימבעל און מיט א פּייקעל, אָדער גאָר אַן אַלטען פאָנאָגראַף־רעקאָרד...

גאָט מיינער, וואוהין אנטלויפט מען פון זיי? דעם גאַנצען טאָג אַזוי.

מיינט איהר, איהר זייט שוין פּאַרטיג? ס׳הויבט זיך גאָר ניט אָן! דעם גאַנצען טאָג געהען ארום אלטע לייט און יונגע קינדער מיט זעק אויף די פּלייצעס, באַלאָדען מיט פלוג־בלעטלעך, פּלאַ־קאַטען און בראָשורען, מ׳פּאַרוואַרפט די טרעפּ, מען שטופּט זיי אונטער דער טיר, מען לייגט זיי אוים אויף די פענסטער. רויטע, געלע, גרינע פּאַפּיר — א וועלט מיט פּאַפּיר, מיט אדווערטייזמענטס, מיט „בארגען סיילס" — און דו דאַרפסט כסדר נאָכגעהן און ראַ־מען — אז ניט וועסטו פאַרבאַריקאַדירט ווערען פון זיי אַזוי, אז דו וועסט פון הויז ניט קאָנען ארויס!

היינט וואָס איז מיט די צייטונגען? מיט די פּלאַקאַטען אויף די ווענט? די לופט־באַלאָנען, די לופטשיפען וואָס שרייבען אָנאָנ־סען אויפ׳ן הימעל?

איז ליג איך אין בעט מיט ברייט פֿאַרנאַנדערגעעפֿנטע אויגען. איך וואָלט הנאה געהאַט פֿון דער שטילקייט, ווען זי וואָלט ניט געווען אַזוי שווער, אַזוי סטראַשנע. אָבער ביסלעכווייז ווערט פֿאַר מיר קלאָר די אורזאַך פֿון מיין דערוואַכען — דאָס איז די הויכע, דינע, אַלטע פרוי אין שוואַרצען, מיט די איידעלע געזיכטסצוגען, וועלכע האָט געקלאַפּט אין מיין טיר און געשטערט צו מיר איהרע איידעלע, דאַרע, לאַנגע הענט, אין וועלכע זי האָט געהאַלטען אַ שטיקעל שאָקאָלאַד איך זאָל קויפֿען פֿאַר אַ ניקעל.

אָט שטעהט זי יעצט פֿאַר מיינע אויגען. אָט די אַלטע פֿרוי אין שוואַרצען, מיט איהר הויכער געבויגענער פיגור, מיט איהרע אויסגעשטרעקטע דאַרע הענט, מיט איהר איידעלען געלען פּנים און האַלב בלינדע אויגען. און אין די דאַרע הענט האַלט זי אַ שטיקעל שאָקאָלאַד: „קויפֿט, גוטער מענש, פֿאַר אַ ניקעל!“ — ציטערט איהר שוואַך, הייזעריג קול, און דער אויסדרוק אויף איהר פּנים איז אַ מין צעוועהטאָגטער, פֿאַרביטערטער, צעקרימטער שמייכעל.

ליג איך אין בעט און קוק אויף דער אַלטער, און מיין האַרץ ווערט צוזאַמענגעדריקט פֿאַר וועהטאָג. אמת, כ׳האָב איהר געגעבען אַ ניקעל, אָבער דאָס שטיקעל שאָקאָלאַד האָב איך פֿון איהר האַנט ניט גענומען און האָב צו־שנעל און גראָב צוגעמאַכט דאָס קליינע טיר־פֿענסטערעל. איך בין געווען צו־אויסגעמאַטערט און אויפֿגע־רעגט פֿון דעם גאַנצען טאָג. זי, די אַלטע, איז געווען די לעצטע. פֿינף מינוט איידער זי האָט געקלונגען דאָס טיר־גלעקעל האָט מיך בייז געמאַכט אַ נודניק, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט איך זאָל איהם געבען צושטייער אויף „מיסיאָנערען אַרבייט אין אַפֿריקע“. און אָט איז געקומען די אַלטע פֿרוי מיט׳ן שטיקעל שאָקאָלאַד. ווערט איצט מיין האַרץ צעגאַנגען פֿון וועהטאָג און חרטה, הלמאי האָב איך זי אַזוי גראָב באַהאַנדעלט.

ערשט איצט דערמאָן איך זיך, אַז איידער איך האָב זיך אויפֿ־געכאַפּט פֿון שלאָף האָב איך גע׳חלומ׳ט, אַז איך האָב ברייט פֿאַ־נאַנדערגעעפֿענט די טיר פֿאַר דער אַלטער פֿרוי און זי געבעטען אַריינקומען אין הויז, איכ׳ל ביי איהר אָפּקויפֿען איינגאַנצען דעם שאָקאָלאַד וואָס זי האָט. איך האָב זעהר ליב שאָקאָלאַד — ס׳איז אַ פֿאַקט, אַז דאָקטוירים הייסען עסען שאָקאָלאַד.

אָבער די אַלטע שטעהט פאַר מיר מיט א געבויגענעם קאָפּ. רויטע פלעקען טרעטען ארויס אויף איהרע געלע באַקען־ביינער, טרערען ווי פון א קוואַל האָבען א גאָס געטאָן פון אונטער די טונקעלע ברילען. א שלוכץ וועלכען זי האָט ניט געהאַט קיין כח צו אונטערדריקען, האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר האַלז און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

די הויכע, דינע, איידעלע אַלטעטשקע שטעהט פאַר מיינע אויגען. א שווערע, נאָגענדע שטילקייט דריקט אויפ'ן הארצען און איך ליג מיט פאַרשפּיצטע אויערען און הער זיך איין, און איך פיהל, אַז ניט נאָר איך אליין ליג וואַך און הער זיך איין, נאָר אַלץ אַרום מיר האָרכט מיט פאַרכאַפּטען אָטעם. עפּעס שרעקליכעס דאַרף פּאַסירען. אָט וועט א ציטער טאָן די ערד! אָט וועט א בליץ א שפּאַלט טאָן דעם שווער־באַלאָדענעם הימעל! אָט וועט דער ים זיך א הויב טאָן און פאַרפּלייצען די וועלט און פאַרשלינגען אַלץ מיט אַנאַנדער. די ערד וועט איינזינקען אונטער'ן ים; בלייבען וועט נאָר א שפּיץ בארג אויף וועלכען עס שטעהט די הויכע, דינע, איידעלע אַלטעטשקע. די דאַרע, לאַנגע הענט מיט'ן שטיקעל שאַקאַלאַד האַלט זי אויסגעשטרעקט צום הימעל. איהר דינער קערפּער איז איינגעוויקעלט אין גאָלדענע שטראַלען פון דער נאָר־וואָס אויפגעהענדער זון...

פעדלענדיג

די געשיכטע איז אזוי געווען:

איך האָב באַשלאָסען צו נעהמען א קליין באַקסעל מיט געצייג און געהן פעדלען אין די הייזער. אולי ירחם — אפשר וועל איך קריגען עפּעס א שטיקעל דזשאָב.

דער פריהמאָרגען איז געווען א קאַלטער און דער הימעל איז געווען פאַרכמורעט און טרויעריג — ווי ביי מיר אויפ'ן הארצען. איך האָב לאַנגזאַם שפּאַצירט אין דער „רעספּעקטייבל" נייבאָרהוד מיט מיין באַקסעל אונטער'ן אָרעם און געקוקט אין די רייכע הייזער, אָבער ארויפגעהן די טרעפּ און קלינגען דאָס גלעקעל האָב איך קיין מוטה ניט געהאַט. אויף א קאָרנער האָב איך באַגעגענט א מאַן. מיר איז איינגעפאַלען דעם מאַן אָבצושטעלען, און מיט א ציטערענדען הארצען האָב איך האַלב־הייזעריג א זאָג געטאָן: „מיסטער, אפשר דאַרפט איהר א קאַרפּענטער?"

דער מאַן באַטראַכט מיך א ווײַלע און זאָגט: „קומט מיט מיר, איך דאַרף טאַקע האָבען א קאַרפּענטער אין מיין הויז צו פיקסען די פוירניטשור."

„הא, זעהסטו? אז מען פוילט זיך ניט און מען שעהמט זיך ניט, דאַרף מען פון הונגער ניט שטאַרבען" — טראַכט איך צו זיך אליין, און געה נאָך דעם מאַן וואוהין ער פיהרט מיך. מיר זיינען באַלד צוגעקומען צו א שעהן פּריוואַט הויז.

אויף די טרעפּ וואָס פיהרען צום ערשטען פלאָר איז געשטאַנען א דיקע מיטעליעהריגע אידענע מיט צעשויבערטע האָר, באַשפּרינקעלט מיט פעדערען. אין די הענט האָט זי געהאַלטען א בעזים און געקעהרט דעם קאַרפּעט פון די טרעפּ. אַנגעטאָן איז זי בעזים און געקעהרט דעם קאַרפּעט פון די טרעפּ.

— ווער איז דאָס אָט דער מאַן, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט

צו גאַסט גאַנץ פריה? — איז איהם מקבל־פּנים די פעטע אידענע אין דעם רויטען גאַרניטער, מיט א פאַנפעוואַטען הייזעריגען קול.

— דאָס איז אַ קאַרפּענטער — מאַכט דער גליקליכער באַזי־צער פון דער פרוי. — געה בעסער טו זיך אַן און וויז דעם מאַן וואָס ס'איז דאָ צו פיקסען.

די פרוי שטעהט מיט'ן בעזים אין האַנט און באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס מיט איהרע קליינע פאַרגאָסענע אויגען און פאַנפעט אַרוים: זעה נאָר דעם קאַרפּענטער, זעה נאַר! ער זעהט דאָך גאָר אויס ווי א „דראַג סטאָר“! וועסט דאָך דאַרפען באַצאָ־לען פאַר די אויגען־גלעזער מיט'ן קאָלנער...

דער מאַן האָט מיר געצייגט וואָס איך האָב צו פיקסען און זאָגט צו מיר: נאָר מאַכט עס ביליג. כ'האָב עטליכע הייזער און איכ'ל אייך געבען פלענטי ארבייט.

— וועל — זאָג איך — איך וועל אייך ניט באַרייסען.

— נאַין, נאַין — צעשרייט ער זיך — איהר זאָגט מיר פריהער א פרייז!

— וועל, איך האָב דאָ א טאָג ארבייט, וועל איך דאָס אייך מאַכען פאַר דריי דאָלאַר.

דאָ האָט זיך אַריינגעקאַטשעט די „רענדלליידי“ מיט'ן רויטען קאָסטיום, מיט'ן בעזעם אין האַנט, און מאַכט:

— נו, האָב איך דיר ניט געזאָגט, 'עסט דאַרפען בעצוילען פאַר די אויגען־גלעזער מיט'ן קאָלנער!?

איך נעהם מיין באָקסעל און לאָז זיך געהן.

— איכ'ל אַך געבען צוואַי טולער — צוואַי מיט א קוואָדער — מיט אַ האַלבען — אָל־ראַיט, איכ'ל אַך געבען דרא טולער, נור איהר וועט שוין אויך אַבוואַנישען דעם סיידבאָרד.

איך נעהם זיך צו דער אַרבייט. די רויטע באַשעפעניש איז אַריין אין קיטשען און איך — אין דיינינג־רום. דער מאַן איז אַרויף אַפּסטערז.

אין א פאָר שטונדען אַרום בין איך אַריין אין קיך נאָך א טרונק וואַסער. די פרוי איז געזעסען — שוין אָנגעטאָן — און גע־שיילט קאַרטאָפעל.

נעבען אויוון איז געשטאַנען אַן אייער־באָקס, איבערגע־

קעהרט מיט דער אָפענער זייט צום פּלאַר, און אינווייניג האָבען ארומשפּאַצירט צוויי האָזען.

— צו וואָס האַלט איהר די האָזען? — פרעג איך זי.

— ס'איז ניט קיין האָזען. ס'איז איטאַליענישע חזירים'לעך — מאַכט זי פאַנפעגדיג, ניט קוקענדיג אין מיין זייט.

— איטאַליענישע חזירים'לעך — רייד איך איהר נאָך כמעט פאַנפעוואַטע — טאָ צו וואָס טויגען זיי אייך?

— אויסזאַיען זאָיט איהר אוים ווי א דראַגסטאָר, ניט ווי א קאַרפּענטער, און איהר וואַיסט גאָר ניט וואָס מי טוט מיט חזאירים'לעך? מי יוזט זיי צו רומאַטיז!

— צו רומאַטיז?!

— נו, יאָ, צו רומאַטיז איז דאָס די בעסטע רפואה. די גרעס־טע דאָקטוירים האַיסען דאָס טון צו רומאַטיז אין די פּיס.

— וואָס־זשע — פרעג איך — טוט איהר? איהר רייבט איין אייערע פּיס מיט די חזירים'לעך?

די חנ'עוודיגע אידענע האָט א שמייכעל געטאָן. „נאַין, זאָגט זי, אז איך גאַי שלופען, לאַיג איך די חזאירים ביי די פּיס, און זיי לעקען מיר די פּיס, אזוי ציהען זיי אריין צו זיך דעם רומאַטיז, און אז זיי וועלען דעם גאַנצען רומאַטיז ארויסציהען, וועלען זיי פּאַר־גערען."

— איך האָב ניט־ווילענדיג אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער, אזוי שטאַרק, אז די פעטע אידענע האָט זיך א טרייסעל געטאָן.

— א פינסטער, ווייסטער חלום צו'ן אייער קאָפּ, צו'ן אייער הענט און פּיס. זאַי נו, זאַי, א געלעכטער!...

איך בין אוועק צו דער ארבייט און האָב זי געלאָזען בורטשענ־דיג און שילטענדיג.

ארום 4 א זייגער בין איך פאַרטיג געוואָרען מיט מיין ארבייט.

דער מאַן האָט זיך גענומען וואָרפען: ס'טייטש, איך האָב איהם געזאָגט, אז איך האָב א טאָג ארבייט, צום סוף האָב איך אלץ פאַרטיג געמאַכט ביז 4 א זייגער. בין איך א ליגנער...

ענדליך, ניט קאָנענדיג געפינען קיין חסרון אויף מיין ארבייט, האָט ער מיר באַצאָהלט, און איך בין אוועק. געהענדיג אהיים, האָב איך באַשלאָסען צו פּרובירען מזל אין אן אנדער געגענט...

קינד מיינס!

קינד מיינס, צי ווייסטו ווי איך בענק נאָך דיר? צי ווייסטו, ווי היים און הייליג איך ליב דיך?

בעת איך האָב דיך אויף דער שיף ארויפבאַגלייט איז געווען אַזאַ גרויסע מענשען־מאַסע, אַזאַ'ן ענגשאַפט, אַזאַ שטופעניש, אַז איך האָב גאָר קיין מעגליכקייט ניט געהאַט דיך ריכטיג צו אומ־אָרמען און דיך פעסט צו מיין הארצען צודריקען. די מאַטראָזען האָבען שנעל דאָס בריקעל אַרונטערגעצויגען און איך האָב דיך באַלד פון אויג פאַרלאָרען. איך בין לאַנג געשטאַנען און דיך גע־זוכט צווישען דער מענשען־מאַסע, אָבער — אומזיסט. כ'האָב דיך ניט געפונען. און מיין הארץ האָט מיר אַזוי וועה געטאָן. טרערען האָבען מיך אין האַלז געשטיקט, כ'האָב געוואָלט כאָטש נאָך איין מאָל דיין ליכטיגען פנים זעהן.

דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ ווילדער פייפען פון דער שיף, און זי האָט גענומען ציטערען און זיך אָפּרוקען פון ברעג. און אויך מיין הארץ האָט געציטערט. דו פאָהרסט אוועק, קינד מיינס; צום ערשטען מאָל פאָהרסטו אוועק פון דער היים, צווישען פרעמדע מענ־שען. גאָט ווייסט, ווי אַזוי זיי וועלען דיך באַהאַנדלען; גאָט ווייסט, צי וועלען זיי דיין איידעל הארץ און זיסע נשמה קאָנען אָבשאַצען; גאָט ווייסט, צי וועלען זיי די טיפע צאַרטע טענער פון דיין וויאָ־לאָנטשעל באַוואונדערען און אָנערקענען? זיינען דאָך מענשען אין דורכשניט אַזוי גראָב, אַזוי רויה. וואָס פאַר אַ ווערט האָט ביי זיי אַ צאַרטע בלום מיט די פיס צו צעטרעטען!?...

ליב קינד מיינס! אָפט ווייזט זיך מיר אויס, ווי אַ גראָבע האַנט אָדער אַ ציניַשער בליק פאַרוואונדעט דיין נשמה, און דו באַ־האַלטסט זיך אין אַ ווינקעל פון טאַנץ־זאַל און וויינסט. אָפט ווייזט

זיך מיר אוים, אז בעת דו זיצסט און ציהסט גאָלדענע טענער פון דיין וויאָלאָנטשעל ארוים, מעסטען גאָר פרעבע מענער־בליקען דיין קער־פער אָב און עסען זיך מיט די אויגען אין דיינע זיידענע, פעך־שווארצע האָר אריין...

טייער קינד מיינס! איך בעט גאָט פאָר דיר, אז דיין ערשטע באריהרונג מיט דער אויסערער, רויהער, גראָבער וועלט זאָל דיר דיין ריין גאָלדען הארץ ניט פארוואונדען, און ניט פאַר'סמ'ען דיין נשמה.

דו וועסט באוואונדערען צום ערשטען מאָל די שעהנקייט פון די בערג, די ריינקייט פון דער לופט, דעם פראכטפולען וואסערפאל און דעם גרויסארטיגען זונען־אונטערגאנג. אָבער די מענשען, די מענשען! ווי אזוי וועלען זיי דיך באהאנדלען? צי וועסטו די מענשען ליב האָבען, בעת דו וועסט צוריק קומען, פונקט אזוי ווי דו האסט זיי געליבט, איידער דו ביזט אוועקגעפאָהרען? גאָט ווייסט, גאָט ווייסט! רויה און גראָב זיינען די מענשען. און איך בעט גאָט, אז דיין ערשטע באקאנטשאפט מיט זיי זאָל דיין הארץ ניט פארוואונדען, און דו זאָלסט צוריק אהיים קומען מיט דעם זעלבען קלינגענדען געלעכטער, מיט דעם זעלבען ליכטיגען גלאנץ אין דיינע אויגען און מיט דערזעלבער לעבענס־פרייד, מיט וועלכער דו ביזט אוועקגעפאָהרען.

אך, מיין קינד, ווי ליב איך האָב דיך! ווי עס שרעקט זיך מיין הארץ פאָר דיר!

זאָלען דיך די געטער שיצען פון מענשליכער בייזקייט — מיין אָרעם, טייער קינד.

די רויז וואָס שטעכט און בלייבט גערעכט

ווען דער ערשטער זוניגער פרילינגס־טאָג איז געקומען,
און דער וואַלד האָט מיך פאַר׳כישופ׳ט מיט זיינע פלאַנצען
און בלומען,
און די טוי־טראָפּענס, ווי בריליאַנטען האָבען אויף די גראָזען
געציטערט,
און דאָס געזאַנג פון די פויגעל האָט אַזש די לופט ערשיטערט;

און א זיידען ווייך ווינטעלע האָט אויף מיין פּנים געבלאָזען
און געגלעט און געצערטעלט די גרינינקע בלימעלעך און גראָזען —
דאַן האָב איך פּלוצלינג א רויטע רויז דערזעהן!
א רויטע, בליהענדע רויז — וואונדערבאַר שעהן.

נאַרציען און שטאָלץ, איינגעפּאַסט אין א גרין־זיידענעם בעכער,
פון אַלע בלומען אין וואַלד — שעהנער און העכער.
און אז כ׳האָב דערזעהן אָט די וואונדערליכע רויז,
וועלכע שטעקט איהר רויט קעפּעלע אַזוי שעמעוודיג, אַזוי
חנ׳עוודיג ארויס —

דאַן פאַרנייג איך זיך גאַלאַנט מיט א שמייכעלע, מעשה פּראַנט,
און איינס, צוויי, דריי — און שוין איז די רויז אין מיין האַנט.
אָבער „אַך, אוי וועה!“ — לאָז איך ארויס א געשריי —
„בלימעלע מיין שעהנינקע, וואָס־זשע שטעכסטו זיך אַזוי?...“

„דו פאַרשייטע קליינינקע הולטייקע! אָט איז בלוט אויף מיינע
פינגער!“

„כאַ־כאַ־כאַ, אַ מצוה אויף דיר, דו ווילדער שפּרינגער!“ —
האָט זיך מיין בלום צעלאַכט אַזוי ליבליך און זאָגט:
„וואָס־זשע, עס טוט טאַקע וועה?...“
„אַך ניין, ניין, מיין געליבטע! האָב נאָר ניט געוואוסט
אַז דו קאָנסט שטעכען אַזוי...“

קרימט זי מיר נאָך: „קאָנסט... שטעכען... אַזוי.
ס'האָט אַ ווערט אַ פּאָר שטעכעלעך קליינע,
ווען דיר איז באַשערט צו באַזיצען אַ רויז אַ שעהנע!..
איבעריגענס: בין איך דען שולדיג, אַז דו ביזט אומגעדולדיג,
און דערצו נאָך ניט געניט?
זאָנסט וואָלסטו דאָך פון שטאָך זיך אויסגעהיט!...“

אַזוי חוזק'ט פון מיר און לאַכט זיך אויס
מיין צויבערפולע, דופטענדע רויז.

און מיט דער רויז אויף מיין ברוסט בין איך דעם גאַנצן טאָג
אין וואַלד ארומגעקראָכען,
און זי האָט מיך דערוויל אַזוי ניש'קשה'דיג צעשטאָכען.
און ווייל איך האָב כסדר געציטערט איך זאָל זי ניט פאַרלירען —
דערפאַר טאַקע האָט זי מיר געגעבען איהר שטאָך צו שפּירען...

און אַזוי איז אין פּיין און אין שרעק דער טאָג שוין אַוועק,
די זון פאַרגעהט שוין באַלד;
און מיד און צעבראָכען, צע'הרג'עט און צעשטאָכען,
זוך איך דעם וועג ארויס פון וואַלד.
איך זוך דעם וועג, קריך אום צווישען צווייגען פאַרדאַרטע;
און מיט צער איך זעה, ווי פון מיין בלום פאַלען אויס בלעטעלעך
צאַרטע...

אַ בלעטעלע נאָך אַ בלעטעלע פאַלען זיי אויס —
עס וועלקט נעבעך און פאַרגעהט מיין זיסענקע רויז;
ניטאָ מעהר דער גלאַנץ, דער חן, דער וואונדערבאַרער דופט,
דער פאַר'שיכור'ענדער ריח וואָס האָט אָנגעפילט די לופט.

דאכט זיך, אָט ערשט האָט פון איהר האָניג געטריפט —
און שוין איז דער האָניג פארוואנדעלט געוואָרען אין גיפט!
אָבער איין זאך פיל איך שארפער, שמערצליכער נאָך;
און דאָס איז: איהר בייזען, איהר גיפטיגען שטאָך.

בעט איך זיך: „געליבטע מיינע, האָב רחמנות, שטעך דאָך ניט אזוי!
איך בין אזוי מיד און צעבראָכען, גענוג שוין צעשטאָכען,
און עס טוט אזוי וועה!"
„עס טוט... אזוי וועה..." — טוט מיין רויז א געשריי —
„דו ביזט אזוי מיד...
איצט, אז איך וועלק און פארגעה, זינגסטו מיר שוין א גאנץ
אנדער ליד...

„ווען דו האָסט מיך פון שטאם אָפגעריסען און אזוי צערטליך
געגלעט —
א, דאן האָסטו גאנץ אנדערע ווערטער גערעדט.
עס טוט...אזוי...וועה — יאָ איך פארשטעה — עס פאלען
מיינע בלעטלעך אוים —
און דיר בענקט זיך שוין מסתמא נאָך א פרישינקער רויז?..."

און אזוי שטעבט מיין וועלקענדע רויז — שטעבט,
און בלייבט גערעכט!...

און ער וואַרט

ביי מיין וואַרשטאַט, שטאַרק געבויגען,
כ׳שטעה און אַרבייט שפּעט ביינאַכט.
די ביינער ברעכען, ס׳פּינטלען די אויגען —
מיין איינינקעל׳ם וויגעלע מוז ווערען געמאַכט!

דרויסען גיסט א שטאַרקער רעגען;
דעם חושך רייסען איבער בליצען.
זאָל איך אפשר רוהען זיך לייגען —
אָדער ווייטער דאָס וויגעלע שניצען?

דער בייזער ווינט רייסט די לאָדען,
ס׳קראַכט א דונער — אַזש די ערד גיט א ציטער!
אוי, גאָטעניו, ווער ווייסט וויפיעל שאָדען
עס וועט אָנמאַכען דאָס געוויטער?!

פּלוצים — ווער עפענט עס שטיל מיין טיר?
עס קומט אריין — אוי, אפשר האָב איך א טעות? —
אך ניין — מיט אַלע אברים כ׳שפּיר —
יאָ, דאָס איז ער — דער מלאך־המות.

„סקאָצעל קומט, א גאַסט!“ — זאָג איך מיט א לאַך
(ס׳איז אַך און וועה צו מיין געלעכטער).
„ווילסט מסתם זעהן וואָס כ׳מאַך —
מלאך דו גערעכטער?!

„פּ־פּ־פּאַר׳ן אייניקעל אַ וויגעלע כ׳מאַך.
נאָר וואָס־זשע עפּעס דוקא איצט ביזטו געקומען —
אין אַזאַ חושכ׳דיגער נאַכט ?
אגב, גוטער מלאך, זעהסט׳אַך כ׳בין פאַרנומען !

„כ׳לעען, אין אַזאַ גאָס־רעגען
האָסטו זיך פּלוצים אָן מיר דערמאָנט ?" —
און עס שטעהט דער מלאך מיר אַנטקעגען
מיט זיין בלאַנקער קאָסע אין דער האַנט.

„אַ־אַ־אפשר ווילסטו גאָר דיין קאָסע שלייפען
אויף מיין רונדען גלאַטען שטיין ?
מהיכא־תיתי ! כ׳על דיר העלפען
ג־ג־גיסען וואַסער, ס׳רעדעל דרעה׳ן...

„צי דאַרפסטו ניט ערגעץ אַנדערש געהן ?
נישקשה — ׳עסט קומען אביסעל שפּעטער !
כ׳לעבען, כ׳קאָן גאָר ניט פאַרשטעהן —
ווי שלעפּט מען זיך עס אום נ׳אַזאַ וועטער ?

„קאָנסט זיך דאַך חלילה נאָך פאַרקיהלען
און ווערען אַ חולה מסוכן..." —
אַזוי רעד איך צו מיין גאַסט, דעם שטילען,
און כ׳פיהל מייזלעך קריכען אויף מיין רוקען...

„איך האָב גערעכענט דיך צו רופען,
ווען די צייט וועט קומען.
סיי־ווי־סיי — ווער קאָן שלאָפען,
ווען בייזע ווינטען ברומען ?"

זאָגט דער מלאך : „העַר זיך איין, דו אַלטער נאַר !
מ י ט מ י ר טרייבסטו קאַטאָוועס ?
קאָנסט טייער באַצאָלען דערפאַר —
שפּילסט זיך מיט׳ן מלאך־המות !

„געניג דיר שוין וויגעלעך געמאַכט!
שוין צייט פאַר דיר צו שלאָפן.
כאַ־כאַ — אַ שעהן פּנים וואָלט די וועלט געהאַט,
כ'זאָל וואַרטען ביז מ'עט מיך רופען...

„זעה נאָר, אַלטער, ווי דו זעהסט אויס?
קוק זיך איין נאָר אין שפּיגעל!
נו, שנעלער, אַלטער, איידער די נאַכט איז אויס,
פאַרענדיג שוין ס'וויגעל..."

„אוי, מלאך, דו גערעכטער —
שפּאַר זיך צו דערווייל, אַט דאָ;
כ'לעבען, ביסט גאָר ניט אזא שלעכטער —
וואַרט נאָך צו אַ פּאָר שעה!..."

און ביי מיין וואַרשטאַט, שפּעט ביינאַכט,
אויף זיין בלאַנקער קאָסע אָנגעשפּאַרט,
שטעהט דער מלאך־המות, און ער וואַרט...

ווי אזוי איך בין געוואָרען א שרייבער

איידער איך דערצעהל אייך ווי אזוי איך בין געוואָרען א שריי־בער, וועט איהר, מיין פריינדליכער לייענער, מיר ערלויבען א זייטיגע באַמערקונג, וואָס האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צום ענין.

פון די סקיצען, וואָס איהר האָט שוין וואהרשיינליך געלייענט, קאָנט איהר זיך אדער מיר שטעלען די פראַגע: ווי קומט עס, וואָס איך, דער בראנזווילער סטאָלער, בין ניט געשטאָרבען, ניט אומ־געקומען, לעבענדיג אונטער אזעלכע שווערע, אוממעגליכע באדינ־גונגען ?

מיין מאַמע וואָלט אויף אָט דער פראַגע געענטפערט: „אז גאָט גיט יאָהרען, לעבט מען...״ אָדער זי וואָלט זיך באַנוצט מיט דעם מעהר פאָלקסטימליכען ווערטעל: „פון נחת לעבט מען ניט, און פון צרות שטארבט מען ניט...״

איך אָבער האָב אויף דער פראַגע א מאָדערנעם, אָדער בעסער געזאָגט, א פסיכאָלאָגישען ענטפער:

מיך האָט געראַטעוועט פון אונטערגאַנג א מתנה, וואָס איך האָב גע׳ירש׳ענט פון דער מאַמען מיינער. די מתנה באַשטעהט אין דער פעהיגקייט — צו לאַכען... דאָס איז, ערשטענס; און צוויי־טענס — זינגען... פון מיין פריהסטער קינדהייט האָב איך דאָס געזאַנג געפיהלט אין מיין הארצען.

וואָלט מיין מזל געווען א בעסערער, וואָלט איך זיכער געווען א מוזיקער. איך האָב געקאָנט זינגען אלע חסידישע לידער, וואָס איך האָב געהערט שטעהענדיג הינטערן פענסטער פון דעם רבי׳נס שטוב יעדען שבת־צו־נאַכטס צו מלוה מלכה. אלע פאָלקס־לידלעך און ליבע־לידלעך — אידישע און אוקראַינישע — האָב איך געזונ־

גען מיט א פייער און מיט א ברען, ווען איך בין נאָך געווען גאָר א קינד. און אָט די גאָט'ס מתנה פלעגט שפייזען מיין צעוועהטאָגטער נשמה. אז איך האָב נאָר געעפענט די אויגען — נאָך א נאַכט שלאָפען אויף סטרוזשקעס — האָב איך באַלד דערפיהלט א געזאַנג שטראָמען פון הארצען ארויס... בעת דער טאַטע פלעגט מיך שלאָגען, האָט ער פון מיר קיין פּיפּס ניט געהערט; נאָר שפּעטער, שטורפּענדיג דעם הובעל, אָדער די זעג, פלעגען די טרערען פליסען צוזאַמען מיט א כל נדרי-געזאַנג...

און נאָך א זאַך: די פעהיגקייט צו דערזעהן דאָס קאָמישע, דאָס לעבערליכע אין יעדער טראַגעדיע, אין יעדער סיטואַציע איז א זיכערער „אנטיטאָקסין" צו אסך קראַנקהייטען... און אָט אזוי, מיין ליבער לייענער, דערקלעהר איך אין קורצען דעם נס וואָס האָט מיך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג.

די אונטערדריקטע, פאַרצאַמטע לעבענס-לוסט אין מיר האָט זיך ערשט רעכט דורכגעבראָכען און זיך אויסגעדריקט אין געזאַנג, ווען איך האָב זיך איינגאַנצען באפרייט פון דעם טאַטענ'ס ממשלה און בין אוועק קיין שיקאַגא. דער ברידערליכער אויפנעהם פון די אייגענבליקס האָט מיך צום לעבען געבראַכט. אלע עדעלשטאָט'ס און ראָזענפעלד'ס לידער און דעקלאַמאַציעס פלעג איך זינגען און דעקלאַמירען ביי די אנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונגען. ערשט ווען איך האָב חתונה געהאַט האָט זיך דער „וואולקאַן" אביסעל באַרוהיגט... (וועגען מיין חתונה-האָבען קלייב איך זיך ווען עס איז אָנצושרייבען א „העכסט אינטערעסאַנטען" ראָמאַן).

עס פאַרשטעהט זיך, אז אלץ וואָס איך האָב געלייענט ביז דאַן איז געווען פון א קנאַפּען ווערט. איך האָב געלייענט אלץ וואָס איז מיר געקומען פאַר די אויגען, פון וואָס עס האָט געהערשט א כאַאָס אין מיין מוח.

דער דראַנג צו שרייבען איז ביי מיר געבוירען געוואָרען מיט דעם ערשטען בריף וואָס איך האָב געשריבען צו דער מאַמע'ן קיין זשמערינקע. גאַנצע נעכט פלעג איך זיצען און שרייבען און איבערשרייבען די בריף, אזוי אז איך פלעג קריגען קאָמפּלימענטען פון דער מאַמע'ס בריף-שרייבער, קלמן דער מלמד. וועלכער האָט אָפּגעקויפט אונזער שטוב און ביי וועמען די מאַמע מיט די קינדער

האָבען געוואוינט, ביז מיר האָבען זיי אריבערגעבראכט קיין אמע־ריקא.

די צווייטע, וואָס האָט זיך געקוויקט מיט מיינע יוגענט־עמאָציעס און חלומות, איז געוועז מיין כלה; דערנאָך זיינען געקור־מען גוטע פריינד. און ביז היינטיגען טאָג שרייב איך מעהר גערן צו א גוטען פריינד, ווי פאר פובליקאציע. אז איך שרייב צו א גוטען פריינד, פיהל איך איהם זיצען לעבען מיר — איך קוק איהם אריין אין די אויגען אריין — ער סטימולירט מיינע געדאנקען, בא־לעבט מיין גייסט. און אפילו אז איך שרייב פאר פובליקאציע, האָב איך אויך אין זינען א גוטען פריינד... אָבער ניט דאָס איז דער עיקר.

פאר מיין ווערען א שטיקעל שרייבער האָב איך צו פארדאנ־קען, קודם כל: יעקב גאָרדינ'ען; און מיט אסך יאָהרען שפּעטער — דעם גרויסען דיכטער יהואש'ן.

אין א געוויסען ארטיקעל וואָס יעקב גאָרדין האָט געשריבען אין איינעם פון די ערשטע נומערען פון „פאָרווערטס", וועלכען איך האָב געלייענט מיט גרויס התמהה, האָט ער פארדאמט די קאפּיטא־ליסטישע אָרדנונג, וואו דער „דאָלער" קאָרומפּירט און פארדארבט אלץ וואָס איז מענשליך און הייליג און האָט פארענדיגט זיין אויס־גוס פון גרימצאָרן מיט דעם אויסרוף: „ווייסט אימיצער פון מיינע לעזער פון א זאך אין דער וועלט, וואָס מען קאָן ניט קויפען פאר געלט?..."

האָט זיך אין מיר פּלוצים אָנגעצונדען דאָס בלוט צוזאמען מיט דעם באַהאַלטענעם „פּעליעטאַניסט":

— וואָס הייסט עפּעס, א מענש שטעלט אזא פראגע? ווער קאָן עס קויפען, למשל, מוטער־ליבע אפילו פאר מיליאָנען?! נו, און די אמת'ע ליבע פון א פרוי קאָן מען דען קויפען? נו, און שכל, טאלאנט, פריינדשאפט — קאָן מען דאָס אלץ קויפען?

בקיצור, איך האָב ניט געקאָנט רוהען ביז איך האָב ניט אָנגע־שריבען „א בריוועל צום רעדאקטאָר" און אונטערגעשריבען „ב. ג.", וועלכער איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אין „פאָרווערטס".

דערנאָך, ווען אב. קאהאן איז געוואָרען רעדאקטאָר, האָט ער אָפּגעדרוקט מיינס א בילד, וואו איך האָב באשריבען אן אומגליקס־

פאל, וואס האט פאסירט אין דער פאבריק וואו איך האב דאן גע־ארבייט. איך האב דאן שוין געוואוינט אין בראנזוויל און האב געארבייט אין א סטאלארסקער פאבריק, איז ביי מיר אויסגעקומען גאנץ נאטירליך, אז איך זאל זיך אונטערשרייבען: „דער בראנז־ווילער סטאלער."

קאהאן האט דאס בילד אפגעדרוקט אין דער אפטיילונג „פון פאלק צום פאלק" מיט א באמערקונג, אז „דער „שרייבער" ווייזט ארויס טאלאנט און ער זאל ווייטער שרייבען".

איך האב זיך אבער דערנאך באקענט מיט ש. יאנאווסקי'ן און אנגעהויבען שרייבען פאר דער „פרייע ארבייטער שטימע" (מיין אמת'ע באשערטע...)

עס פארשטעהט זיך, אז דאס ביסעל אנארכיסטישע ליטערא־טור, וואס איך האב ביז דאן אין זיך אריינגעזאפט, האט מיך אי־דעאיש צוגעצויגען צו דער „פ. א. ש." מעהר ווי צום „פארווערטס"; און כאטש יאנאווסקי איז געווען זעהר שטערנג צו מיר (איך פלעג פאר איהם מורא האבען כמעט אזוי ווי פאר מיין טאטען), האב איך אבער איהם רעספעקטירט אלס גלענצענדען רעדאקטאר, רעד־נער און אנארכיסט און פלעג אויף איהם קיין פאראיבעל ניט הא־בען ווען ער פלעגט מיינע א זאך ווארפען אין „וויסט באסקעט" און דאן מיר ענטפערען דורך זיין בארימטען „בריפקאסטען": „בראנזווילער סטאלער: אייער סקיצע טויג אויף סטרוזשקעס..." ערשט ניט לאנג צוריק, בעת יאנאווסקי איז געווען אויף א לעקטשור־טור אין לאס אנדזשעלעס, האט ער זיך פאר מיר מודה געווען, אז ניט אלעמאל איז ער געווען גערעכט אין זיין אורטייל איבער מיינע צוגעשיקטע זאכען — אבער ניט דאס בין איך אויסען.

איך האב אויבען דערמאנט יהואש'ן אלס איינעם פון די צוויי, וועמען איך האב צו פארדאנקען מיין ווערען א שטיקעל שרייבער. ליידער ערלויבט מיר ניט דער באשרענקטער פלאץ צו דערצעהלען פיעל פון מיין באקאנטשאפט מיט דעם גרויסען דיכטער און וועגען דעם גרויסען איינפלוס וואס ער האט אויף מיר געהאט, אי מיט זיין ליבער פערזענליכקייט און אי מיט זיינע ווערק.

איך וויל בלויז דערמאנען, אז יעקב מארינאוו האט מיך מיט איהם באקענט בעת איך בין געקומען מיט קראנקע לונגען אין

דענווער — אַרום דעם יאָהר 1908 — און איך האָב יהואש'ן באַלד ליב געקראָגען און ניט פאַרפעהלט קיין געלעגענהייט איהם צו זעהן אָדער צו הערען זיינע לעקציעס פאַר דעם עולם פון אידישען קוואַר־טאַל אין דענווער.

ספּעציעל בין איך איהם דאַנקבאַר פאַר זיינער אַ לעקציע, וואָס ער האָט מיר געגעבען איבער: „ביכער און ווי אַזוי זיי צו לייענען". און מיר טוט נאָר וועה דאָס הארץ, וואָס איך האָב אין מיינע קינדער־יאָהרען ניט געהאַט אַזאַ לעהרער. אבער נישקשה, איך בין נאָך יונג... און מיין חשק צו לערנען איז אין סאַמע רעכ־טען ברען!

דעם זיידען מאָריס ווינטשעווסקי האָב איך אויך זייער ליב געהאַט און איהם געהאַלטען פאַר מיין מאָדעל אין שרייבען פעל־יעטאָנען.

פון די ערנסטע אידישע שרייבער האָב איך ליב געהאַט יצחק אייזיק'ן און דר. זשיטלאָווסקי'ן, און ביז היינטיגען טאָג שעץ איך אַלס דעם גרעסטען אידישען וואָרט־קינסטלער — דר. קאַראַלניק'ן.

דאָס איז כמעט אַלץ וואָס איך קאָן אין קורצען דערצעהלען פון דעם „ווי אַזוי איך בין געוואָרען אַ שרייבער". איך וויל נאָר ענדי־גען מיט דער באַמערקונג, אַז מיר טוט באמת לייד, וואָס מיינע ליבע פריינד האָבען זיך צוגעאיילט מיט דעם ארויסגעבען מיין זעהר אָרים ביסעל שריפטען. זיי — מיינע איבערגעגעבענע פריינד — האָבען מיר געוואָלט אָנטאָן דעם נחת־רוח צו זעהן מיינע שריפ־טען אין אַ בוך, איידער איך שטאַרב. עס ווייזט זיך זיי אויס, אַז איך בין שוין אַן „אַלטער מאַן", בעת איך בין ערשט אין גאַנצען 65 יאָהר... און איך האָב כמעט נאָך גאָר ניט געלעבט...

דער אמת איז, אַז איך האָב ערשט ניט לאַנג זיך אויסגעלע־רענט צו לייענען (אַ דאַנק יהואש'ן) ווי עס דאַרף צו זיין... און מיינע בעסטע פעליעטאָנען און ערצעהלונגען — האָב איך נאָך ניט געשריבען...

MARSTIN PRESS
NEW YORK

438